STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05697

DODYE KOVAL

L. Olitsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. אָליצקי

דאָריע קאָוואַל

ל. אליצקי

דאָדיע קאָוואַל

ראָמאַן

פאַרלאַג „יידיש בוך" וואַרשע 1955

L. OLICKI

DODIE KOWAL

Powieść

Księga druga

Redaktor: M. MIRSKI

רעדאַקטאָר: מ. מירסקי

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 4994. Nakład 5.500 egz. Druk ukończono w listopadzie 1955 r.
Ark. druk. 12. Ark. wydawn. 10. Papier druk mat. V kl. 61x86 70 g.
Druk. RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. B-6-52211

צווייט בוך

ערשטער טייל

קאַפּיטל פיר און דרייסיק

אין דערוואַרטונג אויף געסט

אין שטעטל איז פּאַמעלעך, פון חודש צו חודש, פון וואָך צו וואָך, אָנגעוואַקסן אומרו: מ'האָט געמיינט — ביי אונדז דאָ איז שוין אַ סוף צו דער מלחמה; לאָזט זיך אויס, אַז נאָכנישט. די באָלשעוויקעס טרייבן פילסודסקיס לעגיאָנען פון קיעוו, און די לעגיאָנען טרעטן אָפּ — טאַקע „אין מוסטערהאַפטער אָרדענונג“, אָבער ווער קאָן זאָגן, ווי לאַנג די אָרדענונג וועט אָנהאַלטן?... צי וועט מען נישט האָבן נאָכאַמאָל די מלחמה דאָ, אַרום און אין שטעטל? און אַז די לעגיאָנען וועלן אָפּטרעטן, ווי וועט עס אויסזעען?

מיט פינף יאָר צוריק האָט מען געציטערט אימת-מות און געהאַלטן די נשמות אין די הענט פאַר די קאָזאַקן, וועלכע זענען בעתן אָפּטרעטן פון דער אַרמיי תמיד געגאַנגען אין איר עק און האָבן אָנגעטאָן יידן כלערליי נגישות און פּורעניותן. און היינט?... צי גייען נישט הינטער דער אָפּטרעטנדיקער אַרמיי די ווילבאַקאַנטע האַלערטשיקעס, די וואָס האָבן מיט באַגנעטן געשניטן יידישע בערד, די האָר מיט דער הויט צוזאַמען...? אַזוי האָבן זיי געטאָן, ווען זיי זענען אַריין ווערן דאָ באַלעבאַטים, וואָס-זשע וועלן זיי שוין טאָן, ווען זיי וועלן אַרויס? וואָס פאַר אַ פּנים וועט דאָס שטעטל האָבן נאָך זיי — מיט אַ באָרד, צי אָן אַ באָרד, און פון פּנים וועט רינען בלוט?...

א? און אפשר איז דאָ אַ האָפענונג: מע זאָגט, זיי לויפן פון אוקראַינע נישט ווי זיי וואָלטן זיך אָנגעזויפט מיט נייניציקער שפּירט פון די דאָרטיקע סקאָראָפּאַדסקים ברייזן, נאָר מיט ריצנאַייל — איז אפשר וועלן זיי, אַזוי לויפנדיק, מחילה, מיט אונטערגעהאַלטענע הויזן, אַריבערלויפן דאָס שטעטל איבער אַ נאַכט, ווי אַנומלט די קאָזאַקן? און אינדערפרי וועט שוין פון זיי קיין לאַפּקע נישט בלייבן?!

די דאָזיקע האָפענונג לינדערט צייטנווייז דעם אומרו, אָבער זי שטילט אים נישט איין און שטערט אים נישט מיט אַ טאָג שפּעטער נאָך שטאַרקער אָנצוּוואַקסן. זי מאַכט בלויז פיבערן, די האָפענונג.

דער שטעטלדיקער עלטערער עולם, מאַנצבל און נאָך מער װײַבער, האָבן אינעם אָפּטרעטן פון די לעגיאָניסטן געזען טאַקע אַ באַצאָלונג פאַר די אָפּגעשניטענע ייִדישע בערד... פאַר דער חרפּה פון דעם ייִדישקײט... נישקשה, ייִדן האָבן נאָך אַ גאָט אין הימל!

— די האַלערטשיקעס, — האָט מען נאָכגעזאָגט פון דעם דײַנס אײדעם דעם ליטוואַקס װעגן — האָבן נישט געמאַכט קײן פּאָגראָמען אויפן ייִדישן גוף אַזוי פּראָסט און געמײן, װי דאָס האָבן געטאָן די פּעטליוראָװצעס, די חמעס, נאָר פּריציש=אײדל — אויף דער ייִדישער נשמה.

— אױ, פאָטער אין הימל! די באַצאָלונג איז אַ גערעכטע. נאָר צי װעט זי, חלילה, פאַראײנװעגס נישט פאַרכאַפּן אויך ייִדישע קעפּ, — האָט מיט פאַרגלאָצטע אויגן געצאַפּלט ליבע חיה, די בעדערקע.

די סטראַטעגן װידער פונעם יונגן דור, פון די ייִדישיסטן און העברעיסטן, װי שמעון אַדלער, דער לערער דוד בעקערמאַן, מאָטיע גפן און אַנדערע, האָבן באַװיזן מיט היץ, אַז ס׳איז נישטאָ װאָס באַזונדערס זיך צו שרעקן: מיר, אונדזער שטעטל הײסט עס, ליגט נישט אויפן שליאַך פון קיעװ—װאַרשע, װוהין די באָלשעװיקעס צילן און רײַסן זיך. דאָ, אַרום טריסק װעט קײן פּאָזיציע נישט זײַן. דער העק װעט דאָס מאָל אויסגעמיטן װערן, און אַז ס׳װעט נישט זײַן קײן מלחמה, װעט אויך נישט זײַן קײן פּאָגראָם. די פראַגע איז נאָר — און װאָס װעט זײַן, װען מע װעט אײנמאָל אין אַ פרימאָרגן אויפעפענען די אויגן און דערזעען אין שטעטל די נײַע מאַכט — די באָלשעװיקעס?

װעגן דעם האָט מען אין מאַרק גערעדט װײניק און אין דער שטיל, מיט רמזים. רעדן אַ סך און הויך איז געװען אַ מורא: אויב לטובת די באָלשעװיקעס, איז זי שוין אויפן אָרט, די מורא — טאָמער געמט עמעצער און טראָגט עס אָפּ, װו מע דאַרף נישט... „נישקשה, ס׳פעלן נישט קײן מוסרים בײַ אונדז, ייִדעלעך!“ אויב װידער קעגן די באָלשעװיקעס, װעלכע קאָנען זיך דאָ באַװײַזן גאָר אומגעריכט, נאָך פריער װי מע מײנט, איז די מורא פאַר שפּעטער... טאָמער װעט דעמלט עמעצער אָפּטראָגן, — קלוג איז דער, װאָס זעט פאָר דאָס קומענדיקע, און װויל איז דעם, װאָס שרעקט זיך תמיד.

— װאָס שײַך די ייִדישיסטן, — שמועסט מען מיט ביטול צװישן די העברעיסטן, בײַ װעלכע ס׳הײבט זיך שוין אָן אויסצופּיקן אַ ציוניסטישע פּאַרטײ — הגם זײ זענען נישט קײן פּאַרטײאיִשע, נישט מילכיק נישט פלײשיק, און מיט פּאָליטיק האָבן זײ נישט בדעה זיך צו פאַרנעמען, אָבער אַזױװי פון ייִדישקײט האַלטן זײ לחלוטין נישט, פלוידערן רק װעגן װעלטלעכקײט, און לויט זײ איז דער באַלמעלאָכע דאָס אײבערשטע פונעם שטײסל, — קאָן מען זיך לײַכט אָנשטויסן, און דער שכל=הישר איז עס מחײב, אַז די נײַע מאַכט, די מאַכט פונעם אַרבעטער=קלאַס, האָט חן אין זײערע אויגן.

— וואָס שייך די העברעיסטן, — חוזקן די יידישיסטן — וועלכע ווילן נישט מער און נישט ווייניקער, אַז יידן זאָלן אָנהייבן רעדן לשון־קודש, ווי אין צפת און ירושלים, און האַלטן אַפילו פון יידישקייט, וואָס זיי רופן עס מאָדערן טראַ־דיציע, — קאָן מען זיך אַוודאי זייער גוט אָנשטויסן, און דער שכל־הישר האַלט עס אונטער, אַז דאָס מעגלעכקייט פון דעם אַריינקומען פון די באָלשעוויקעס קילט זיי אונטערן האַרצלעפּעלע. ווייל דאָרט, ביי די באָלשעוויקעס, איז לשון־קודש נישט אַזוי געהייכט און געקריינט און פון לשון־קודש איז גלייכער נישט צו רעדן.

אַז סתם פרומע יידן, סוחרים, באַלעבאַטים קוקן נישט אויס „דעם רויטן משיחן" — וועגן דעם איז אפילו איבעריק א וואָרט צו פאַרלירן. נאָר וואָס עס טראַכטן זיך די באַלמעלאָכעס, גו, אַשטייגער אַזאַ ייד ווי זרח דער רויטער, יוגה סעווערייוק און אַפילו דאָדיע קאָוואַל, וועלכער האַלט געזעלן און „דערלייגט נישט צו זיי", — איז שווער געווען צו טרעפן. זיי וואָלטן דערלעבט אַ נקמה.

— אַ נקמה אין די וואַנצן...

— שאַמע שמש איז דאָך געווען דאָרט בעת דער רעוואָלוציע, דערציילט ער — פאַר שמחה האָבן זיך יידן אין די גאַסן געקושט!... ש־ש־ש...

— איז ראָך ווידער גוט?... ש־ש־ש...

— ניין, ס'איז נאָכנישט אַזוי גוט... ס'האָבן זיך נישט נאָר יידן מיט יידן, נאָר אַפילו יידן מיט נישט־יידן געקושט... ש־ש־ש...

— איז דאָך נאָך בעסער!?... ש־ש־ש...

— ניין, ס'איז נישט נאָך בעסער... אַזאַ קושעניש פירט צום שמד...

און דערפאַר האָט מען טאַקע נאָכדערציילט פון דיינם וועגן — אַז („ער קראַצט זיך אונטער דער יאַרמלקע... מסתמא בייסט דאָך אים...") :

— מע זאָגט, אַז ביי די באָרוועסע גייט דאָס יידישקייט אין דרערד אַריין.

גערעדט האָט ער, דער דיין, בלשון־רמז קלאָמפערשט וועגן די היגע יידישיסטן, וואָס גייען באָרועס, מיט באָרוועסע קעפּ, בגילוי־ראש הייסט עס, אין גאַס. נאָר וועמען ער האָט אינדעראמתן געמיינט דאַרף מען נישט קיינעם אַריינלייגן קיין פינגער אין מויל אַריין...

— פון וואַנען ווייסט ער דאָס אַזוי גוט, דער דיין, וואָס דאָרטן טוט זיך? זיין שטריימל איז דאָרט געווען?

— דאָס איז אַ רעכטע פראַגע! און פון דעם אַליין, וואָס אין שטעטל טוט זיך, וואָסער ווייבל גייט אין מקוה אַריין און וואָסערס נישט, פון וואַנען ווייסט ער, אַז נישט פון זיין שמש?

חוץ שאַמע שמש איז אין שטעטל געווען נאָך אַ קוואַל, פון וועלכן מע וואָלט געקאָנט שעפן ידיעות וועגן דעם גרויסן לאַנד, ווו ס'הערשן די גרויסע: די לעווים און בערל ברינמאַן, וועלכע האָבן זיך דאָך אויך אומגעקערט פון רוסלאַנד. איז וואָס שייך אהרון לעווי און בערל ברינמאַן, זענען זיי דאָך נאָך צוציקעס, קוים

וואָס דאָס געוויקס שפּראָצט זיי אַרויס אויפֿן פּנים, און זיי גאָלן זיך, כּדי אַפּנים ס'זאָל זיי גיכער וואַקסן — יידישיסטלעך, וואָס האָבן אַ פֿול מויל מיט יידיש=יידיש=יידיש און פֿרייהייט=פֿרייהייט=פֿרייהייט, און מיט וואָס מען עסט זי, די פֿרייהייט, קאָנען זיי אַליין נישט צעקייען. ישראל לעווי אַליין ווידער, פֿון וועלכן מע וואָלט יאָ קאָנען דערוויסן זיך דעם „באָרוועסן" אמת, וויל גראָד נישט רעדן וועגן דעם. ס'איז אים, ווייזט אויס, נישט ניחא זיך צו דערמאָנען אין די באָלשעוויקעס — זיי זענען מיט אים האָרט, אַפּנים, נישט שה=בשוה געווען. יענע האָבן נישט ליב קיין עשירים, אַפּילו אויב זיי זענען אַמאָל גאָר קבצנים געווען. ישראל לעווי האָט זיך פֿון רוסלאַנד אומגעקערט אַ פֿאַרפּעטסטער. די מלחמה האָט אים דאָרט געשטעלט אויף זיינע הויכע פֿיס, און ס'פּאַשעט זיך שוין ביי אים אַ גביריש בייכל. מאַ, ער אַליין זאָגט, אַז דאָס איז ביי אים די לעבער געשוואָלן, און ער וואָלט באַדאַרפֿט פֿאָרן אין די בעדער. די ציגקעווע וואַנע אין שטוב איז אים שוין ווייניק... ער זאָגט, ער איז פֿון דאָרט אַנטלאָפֿן פֿאַר די פּאָגראָמען. נאָר ווער איז אים געשטאַנען צוקאָפּנס? אפֿשר טאַקע האָט ער דאָס אַרויסגעראַטעוועט דאָס ביסל אָנזשויבעכץ פֿאַר דער נייער מאַכט? אַ ייִד, וואָס האָט זיך אַמאָל פֿאַרנומען מיט בראַקערייִ און געהאַט פּרנסה נישט איי=איי, אַ ייִד, וואָס האָט כּל=ימיו געוווינט אין דאָרף אין אַ פֿרעמדער שטוב, — וואָס האָט עס אים געשטופּט זיך אומצוקערן אַהער, קיין טריסק?... אַ שיינע דירה, אַ שפּיגל=דירה אַנטקעגן מאַרק און קלויסטער האָט ער זיך גלייך איינגעהאַנדלט, און מע שמועסט, אַז נאָר די נייע מלחמה האַלט אים אָפּ פֿון אויפֿשטעלן אַ פּאַראָווע מיל אויפֿן הויפֿישן פּלאַץ, וואָס ער האָט שוין באַוויזן אָפּצוקויפֿן פֿאַר גראָשנס ביים רבינס קינדער. און אַז די באָלשעוויקעס וועלן קומען, וועט ער דאָך מוזן פֿאַרהאַלטן די פֿאַרע ביי זיך אין בייכל און זיך היטן, זי זאָל פֿון קעסל נישט אַרויסזעצן... ווייל אַנישט קאָן ער נאָך כאַפּן מיט אַ נאָז פֿון אַ שטיוול אין דער גבירישער מחילה אַריין...

— ווו האָבן די באָרוועסע אַ נאָז פֿון אַ שטיוול? — טרייבט עמעצער שפּאַס.

— מע וועט זיי ביי אים אַליין אַראָפּציען... זיי גלאַנצן פֿון אים צו שטאַרק אַראָפּ.

ישראל לעווי וועט אייך גערנער דערציילן וועגן די יידישע צרות אין אוקראַינע נאָך פֿאַרן אַריינקומען פֿון די באָלשעוויקעס. „דאָרט, — זאָגט ער און באַקומט אַ קבצניש פֿאַרקרימט פּנים — האָט מען נ י ש ט ק י י ן ב ע ר ד געשניטן... דאָס איז אַ שפּילעכל... (ער אַליין האָט זיך דאָך גענומען אויף די עלטערע יאָרן דאָס בערדל אויסגריזשען), בייכער האָט מען דאָרט אויפֿגעטרענט!". און אַז מע טוט אים אַ פֿרעג: „נו, און אַז די באָלשעוויקעס זענען אַריין?", פֿאַרקוקט ער זיך אין הימל אַריין, ווי ער וואָלט דאָרט מלאכים זוכן: „עט, לאָמיר וועגן זיי נישט רעדן... איך וויים?... ס'איז ביי זיי קיין זאלץ נישט געווען... מ'האָט אויסגעסאָלאָפּעט דעם צונג נאָך אַ ביסל זאלץ, ווי אַ שטומער צונג... איך האָב געקויפֿט אַ משונהדיקע מציאה —

א לייכטער פון זאַלצשטיין, פלעגן מיר פון אים אָפּקראַצן צו ביסלעך, ווי מע קראַצט אָפּ אַ פּאַרך... ס'איז נישט כּדאַי צו רעדן", און ער גייט אַוועק.

איז טאַקע פאַרבליבן אויסצוהערן נאָר שאַמע שמש. און שאַמע שמש האָט ווידער אַ גלאַנץ געטאָן אין שטעטל. נישט נאָר אין בית־מדרש, נאָר אפילו אין מאַרק פלעגט מען אים אַרומרינגלען, ער זאָל דערציילן, וואָס פאַר אַ פּנים דאָס לעבן האָט דאָרט געהאַט. שאַמע פלעגט ווי אויסוואַקסן מיט אַ קאָפּ העכער פון נעם רעדל אַרויס, און זייַנע אויגן האָבן באַקומען אַ פינקלדיקן גלאַנץ פון גאווה און נחת־רוח, וואָס ער האָט געזען דאָס, וואָס אַנדערע דאַרפן זיך ערשט פאָרשטעלן לויט זייַנע ווערטער. בעתן דערציילן פלעגט ער גאָר פאַרגעסן, אַז ער איז אַ שמש און וואָלט דאַרפן זיין איינגעהאַלטענער אין די רייד, אַרויסווייזן ווייניקער היץ. האָט דערציילט וועגן דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וועגן די סאָלדאַטן, וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען אַהיים פון פראָנט און האָבן גערעדט וועגן די דייטשע זעלנער ווי וועגן חברים; האָט דערציילט וועגן דעם, ווי געלט האָט זיך געוואַלגערט אין די גאַסן, און אַ ליאַדע פאַרד איז געווען אַ מיליאָנער פון פאַ־ פירענע קאַרבאָוואַנצעס, וועגן קערענסקין:

— פאַר שרעק, פאַרשטייט איר מיך, האָט ער די הויזן פאַרלוירן, אַרויס־ געכאַפּט אויף זיך אַ פּאָר ווייבערשע תחתונים, מחילה, און אַנטלאָפן געוואָרן — קיין ענגלאַנד, האָט מען געזאָגט, ווו משרתים טראָגן ווייסע געפּרעסטע מאַנ־ זשעטן אַ גאַנצע וואָך...

נאָר מער פון אַלץ איז איצטער דער עולם געווען משתוקק צו הערן וועגן די באָלשעוויקעס. מ'האָט זיך געקראַצט אונטער די דענקעס פון די היטעלעך, אָדער אונטער די גאָמבעס די בערדלעך, פאַרקוקט מיט איין אייגל אויפן שפּיץ קלויסטער אָדער אין הימל אַריין. ווער ס'האָט אויסגעקוועטשט דאָס טרוקענע בערדל, און ווער ס'האָט אַריינגעכאַפּט די נאָז אין דלאָניע, ווי ער וואָלט זי וועלן אין התפּעלותדיקער פאַרטראַכטקייט צעקוועטשן.

— ביי די באָלשעוויקעס, — דערציילט שאַמע שמש, און ס'דאַכט זיך, אַז ער האָט הנאה נישט בלויז פונעם דערציילן, נאָר אויך פון דעם דערציילטן — ביי די באָלשעוויקעס איז נישט נאָר „מיינס, דייַנס — שותפותדיקס", נאָר די לייט מיט די פּופּיקעס ווערן טאַקע ביי זיי אויסגעריסן מן־השורש...

— און וואָס הייסט ביי זיי לייט מיט פּופּיקעס? — פרעגט זיך נאָך ביי אים יאַנקל „אויסגעווייקטער הערינג".

— האָב קיין מורא נישט, — צעלאַכט זיך שאַמע שמש — נישט אַזעלכע ווי דו מיינסט דער פּסוק. אַ לייט מיט אַ פּופּיק איז דער, וואָס האָט אים אויסגע־ פּאַשעט אויף יענעמס חשבון. אויפן חשבון פון פרעמדע צען פינגער.

— נו, און אַ רבֿ, און אַ שמש? — קילט אָפּ זייַן הייסע היטערקייט בעריש װעלװל שוסטער „דעם רבינס איידעמל".

— חמם... — גייט שאמע שמש אראָפּ א ביסל פון טראָפּ — סע געוועגדט זיך... אונדזער דיין, למשל, איז א דיין פון עמך־שער־און־אייזן, און איך בין ביי אים א שמש...

און ער כאַפּט זיך פּלוצעם, שאמע שמש, אז ער האָט א נייטיקע ארבעט צו טאָן אין בית־מדרש, און לאָזט איבער דאָס רעדל, ס'זאָל זיך שוין רעדלען אָן אים.

— קומט אויס, — טוט סענדער דער שניטקרעמער מיטן אָקסענעם פּנים א צי אָפּ דאָס אונטערגעשווירענע גאָלדיקע בערדל מיט צוויי פינגער, ווי ער וואָלט פון דעם אויסגעקוועטשט די אנגסטן, וואָס זענען אים ארויס פון אונטער די האָרוואָרצלען — קומט אויס, אז אזא ייד ווי יצחק גאָלד וועט ביי זיי קיין גרויסער מיוחס נישט זיין...

— אוודאי וועט ער נישט זיין! — טוט א זאָג א ייד א דאָרפסגייער, וואָס האָט אלע יאָרן אויסבאהאלטן אין הארצן, ווי הייסע קוילן אונטער אש, די עוולות, וואָס יצחק גאָלד האָט אים געטאָן — ווען ער האָט שכל, יצחק גאָלד, וואָלט ער זיך באצייטנס מתחתן געווען מיט יויזעפּ באגרעבער...

— און סענדער שניטקרעמער, — באווייזט בעריש וועלוול שוסטער זיינע פּערלדיקע צייגדלעך, — איז ווי א בייזע שוויגער... ער פרעגט וועגן יצחק גאָלד און מיינט זיך,נעבעך.

סענדער רוקט זיך ארויס פון רעדל: קאָפּ זיי אין קישן! אז דער „גאראָד“ עפּנט דעם פּיסק...

דעם אומרו פונעם שטעטל פלעגן דאָדיע קאָוואל מיט די „בנים“ מיטברענגען מיט זיך אהיים פון דער קוזניע פון דער ארבעט און פון בית־מדרש פון דאווגען. דאָדיע האָט אָפטער ווי געוויינלעך געררייכערט א ציגאר נאָך א ציגאר. ביים טיש איז ער געווען ווייכער צו די געזעלן און אפילו צו די „בנים“. פרייטיק פלעגט ער קומען פון באָד, דאכט זיך, רויטער און צעזאָטענער ווי תמיד, און שבת־צונאכטס, כאָטש ס'איז געווען הייסער זומער, האָט מען ביי אים אין שטוב געשמאק געטאשט די קאָרטן. מ'האָט געשפּילט אזוי, עפּעס ווי מע דארף עס ארייננכאפּן, וואָרן ווער ווייסט, צי אין דער קומענדיקער וואָך וועט מען זיך נאָך קאָנען פארשאפן דעם פארגעניגן.

— ווייסט עס די כאָליערע! — הייבט זיין שוואָגער יוגה סעווריוק ארויס הייסע אויגן פון די קאָרטן — אויף וואָס דארף דאָס יצחק גאָלד האָבן אזויפיל זאַלץ? אפילו פאר זיינע אלע דריי ביידעמער פעל איז עס א ביסעלע צופיל. ער האָט שוין, דאכט זיך, אָנגעפירט פון קאָוולע, לודמיר און אפילו מאציעוו א גאנצן וואגאָן.

— מסתם האָט דער גבאי פון דער חברה־קדישא, רב יצחק אורים, דער שיינער ייד, דערגיוכעט פארלע... — זאָגט דאָדיע, פארטראכטנדיק זיך.

— ער קלייבט זיך סיידן איינצוזאלצן אלע פערד־נבלות, וואָס וועלן בלייבן נאָך דער שלאַכט ארום שטעטל, — זעצט ארויס די באָסאָווע שטים פון „דעם מאַדיאַרס" בויך, און ער פינטלט מיט די צעיאַטערטע אויגן איבער זיין קאָרטן־פעכערל.

— אָבער ווו נעמט ער געלט דערויף, דער חברה־קדישאַניק?! — חידושט זיך דאָדיע דורכן טאַבאַק־רויך, וואָס קרייזלט געדיכט ארום זיין קאָפּ. — ער האָט דאָך א סך געלט אָנגעוווירן אין דעם פערד־שמוגל, ווען דער עסטרייכער האָט פארלוירן די הויזן, און א זון חתונה געמאַכט. האָט ער זיך שוין צוריק דערכאַפּט און באַקומען קליי אין די ביינער?

— ווו ער האָט גענומען געלט? — קוקט אים דער שוואָגער יונה דורכן רויך אין די אויגן אריין. — אויב סע שטאַמט נישט פון די גבירישע קעשענעס. ער גייט היינט אָפּט, יצחק גאָלד, מיט זיינע פאַמעלעכדיקע טריטלעך, ווי זיי וואָלטן געלט געציילט, צו ישראל לעווי. און דאָרט זיצט תמיד יאַנקל האָרן. און מע האַלט אָפּ סעסיעס, און מע רייכערט פּאַפּיראָסן, און מע טרינקט טיי מיט איינגעמאַכטס, און מע שושקעט זיך, און מע טרייסלט אָפּ שטויב פון די וואָנצעס... סיידן זיי האָבן דערשמעקט א יקרות אויף זאַלץ איבער גאַנץ וואָלין. ס'איז עפּעס נישט קיין גלאַט־כשר געשעפט, דאָדיע! די זאַלץ ליגט מען אָפּ נישט אויף איין אָרט. מע צעשטופּט זי דאָ און דאָרט צווישן אייגענע קבצנים...

— המם... — שטעלט דאָדיע אָן א פאַרשנדיקן בליק אויפן שוואָגער יונהס פינקלדיקער בעלמע — המם... מינציע, דו הערסט? מאָרגן קויף איין אין עטלעכע קראָמען זאַלץ. ביי דאָדיע קאָוואַל מעג שטיין א פודל זאַלץ אויף זאַפּאַס. זאַלץ זשאַווערט נישט, און די „בנים" וועלן זי נישט אויסלעקן... אויף יצחק גאָלדס, ישראל לעווים און יאַנקל האָרנס ביזדרעס מעג מען זיך פאַרלאָזן — זיי זענען גוטע געיעג־הינט...

קאַפּיטל פינף און דרייסיק

סטעפּאַנציע טשערנאָוויטש האָט גערעדט מיט יושר...

איציק דאָדיע קאָוואַלס קוקט זיך איבער מיט זיין שוועסטערל אסתרקע „באנדיט“. זיי פארשטייען זיך, און איינער נאָכן צווייטן שלייכן זיי זיך ארויס פון שטוב. לאָזן זיך צו זייער פעטער שאמע שמש.

דער אינטערעס, וואָס „די גאַנצע שטאָט“ האָט פאַר דער לעצטער צייט ארויסגעוויזן צום פעטער, האָט צו אים עפּעס באַזונדערס א צי געטאָן איציקן, וועלכער איז שוין דאָרט לאַנג נישט געווען און האָט געמיינט, אז אויך אסתרקע קומט שוין נישט אהין. און איינמאָל, אום שבת בייטאָג, האָט ער זיך אריינגעשטעלט צום פעטער אין שטוב אריין. מ'האָט אים, נאטירלעך, ווידער אויפגענומען גערן — זאָל דאָדיע קאָוואַל, ווען ער וועט זיך וועגן דעם דערוויסן, האָבן טאָפּל הארצפּערעניש. נאָר איציק, אז ער האָט אומגעריכט דערזען דורך דער אָפענער טיר אין צווייטן צימער ביי פערלען אסתרקען, איז געוואָרן אַ ביסל אָפּהענטיק. שפּעטער האָט ער זי א פרעג געטאָן אויפן אויער:

— אסתרקע, דיך האָט דער טאטע געשיקט אהער?

הינטער דער דאָזיקער פראגע האָט זיך אסתרקע אָנגעשטויסן א צווייטע, א וויכטיקערע: דו'סט מיך נישט פארמסרן פארן טאטן?

— און דיך האָט ער געשיקט? — האָט זי אים צוריקגעפרעגט, און אונטער דער פראגע איז שוין געווען אַן ענטפער, וואָס ער האָט זיך אים אויך גלייך אָנגעשטויסן: דו קענסט מיך פונקט אזוי גוט פארמסרן, ווי איך דיך. איז לאָמיר בעסער שליסן בלאט, ווי געווען.

זיי זענען געווען, ווי צוויי גנבים, וואָס האָבן זיך באגעגנט אויף „נאכט-ארבעט“ אין א פרעמדער קאמער.

— גוט, — האָט ער געזאָגט, און ווייטערע רייד צווישן זיי וועגן דעם זענען געווען איבעריק. פון היינט אָן פלעגן זיי זיך אהין אריבערכאפּן אין צווייען, ווי אמאָל.

דאָס מאָל האָבן זיי ביים פעטער געטראָפן אויך די מומע יהודית מיטן פעטער פייוויש סאַראַוואָניק און אפילו דעם פעטער זרח דעם רויטן. ס'האָט גערעדט דער פעטער שאמע:

— נישטאָ וואָס צו רעדן. ס'איז נישט קיין פריילעכע מעשה מיט זיי, מיט די גרויסע. נאָר מילא... אז ס'וועט קומען דערצו, וועט זיך דאָס שטעטל און דער דיין מעגן זוכן אן אנדער שמש. פאַר מיר איז דאָס שוין גענוג... כ'קאָן באַשטיין צו פאַרבלייבן בלויז א שיבער פון מצות פאַר פסח און א בעקער פון ברויט א גאַנץ יאָר, און זיין דער אייגענער מיוחס, ווי דו, זרח. פאַרשטייסט?

שאמע האָט מיט א צופרידענעם בליק, ווי פאַרליבט, געקוקט דערביי זיין ווייב יאָכוועדן אין די אויגן אריין. ס'איז געוואָרן שטיל. אלע האָבן זיך אפנים פאַרטראַכט וועגן זיינע לעצטע ווערטער.

— און וואָס שמועסט מען, זרח, ביי די היגע מעשטשאַנעס וועגן דעם? — האָט אים שאמע איבערגעגעבן דעם פאָרעם פונעם שמועס — זיי זענען דאָך אלע געווען דאָרט, און זיי דאַרפן נישט קומען ערשט צו שאמע שמש זיך נאָכפרעגן.

— זיי שמועסן נישט, — האָט זרח דער רויטער אָנגעכאַפּט א שטיקל פייער פון זיין רויטער באָרד מיטן האַנטהויפּן, און זיינע געל־גאָלדענע אויגן האָבן געזשאַריעט, ווי זיין שוואָגער דאָדיע קאַוואַלס די שווארצע — זיי שווייגן, די אָנגעשטאָפּטע כאַזיאַיעגעס. מע האַלט פאַרפּרעסט די ליפּן און מע שווייגט, נאָר פייערלעך אין די אויגן רעדן... אנומלטן האָב איך אָפּגעטראָגן א ראָד צו יאָסיפּ טשערנאָוויטשן אין קלוניע אריין. נו, האָב איך שוין דאָרט דווקא יאָ עפּעס געהערט. זיינע אויגן, יאָסיפּס, זענען געווען בייז, ווי ביי א הונט אויף דער קייט. ער האָט פיינט א יידן, ווי א ייד חזיר, נאָר שמועסן מיט א יידן איז ער דווקא גערן. נו, האָט מען זיך צערעדט:

— ווען וועלן שוין אויפהערן מלחמות אויף דער וועלט? וועמען זענען זיי נייטיק אין לעבן אריין? — האָב איך געפרעגט. האָט ער מיר געענטפערט:

— „דו רעדסט אזוי, „זולעדר“, ווייל דו ביסט א ייד. יידן האָבן מורא פאַר בלוט אפילו פון א צעשניטענעם פינגער. המם... פאַר אייגן בלוט, פאַרשטייט זיך, פאַר יידיש, נישט פאַר קריסטלעכס... נו, וואָס? וואָס איז מלחמה? אז א מענטש איז קראַנק, שלאָגט מען אים צו דער אָדער, און דאָס איבעריקע קאַליע בלוט גייט פון אים אָפּ. און אז א פאָלק איז קראַנק — ס'האָט ווייניק ערד, מאַכט מען א מלחמה, ס'אָל דעם אָפּקומען א ביסל בלוט... א ביסל נאָראָד זאָל אומקומען. צו שטאַרק פלאָדיען זיך די מענטשן אויף דער וועלט... »ערד וואקסט נישט, — האָט געזאָגט דער צאַר ניקאָלאַי — און נאַראָד ווערט געבוירן...«“

— ס'האָט מיך פון זיין דיבור געהאַדעט צום ברעכן, זאָג איך אייך. אליין איז ער דאָך אן אָנגעשטאָפּטער כלב — מיט ערד, און מיט וואַלד, און מיט כל־

טוב! כ'האָב זיך געקליבן אים אריינצולאמורן אזוי, ס'זאָל אים שוין פינצטער ווערן אין זיין קלויסטערשן קאָפּ, און ס'זאָל אים אָנהייבן צו קלינגען ווי אויף א טרעוואָגע פון א שרפה. האָט ער גראָד גענומען און איז ארויסגעגאַנגען. כ'בין איבערגעבליבן אין דער קלוניע אליין מיט זיין סטעפאַנציען. סטעפאַנציע טשערנאָוויטש. איר ווייסט דאָך — ס'איז זיינער א צוגענומענער זון. איגדעראמתן איז ער גאָר א זון פון דעם קרומען שוסטער, וואָס האָט אמאָל געוווינט אין דער קרומער גאַס — האַאווריליע פּיוטשוק. איר דערמאָנט זיך מסתם — אין דעם פינפטן יאָר האָבן זשאַנדאַרן אַרויסגעפירט פון זיין כאַטע זיינעם מיקלאָמפערשט אַ גענזעל, אַ סאָציאַליסט, געקאָוועט אין קייטן... סטעפאַנציע איז דעמאָלט געווען נאָך אַ קליין שגצל. איז אַז פּיוטשוק איז פּאַר צרות איז גיכן אַוועק אויף די „מאָהילקעס", האָט אים, דעם יתומל, יאָסיפּ טשערנאָוויטש צוגענומען צו זיך מיקלאָמפערשט פאַר אַן אייגן קינד, און אינדעראמתן פאַר אַ פּאַראָבעק, איז מיט אים אַנטלאָפן פאַרן דייטש קיין ראָסיי און זיך מיט אים אומגעקערט. יאָ... סטעפאַנציע האָט זיך די גאַנצע צייט, וואָס יאָסיפּ האָט געוועזט, געפּאָרעט דאָרט אין אַ פינצטער ווינקל אין דער קלוניע, און קיין דער פון זיך נישט געלאָזן. נאָר איצט, אַז יאָסיפּ איז אַרויסגעגאַנגען, איז ער גלייך געווען לעבן מיר און מיר פאָרשנדיק אריינגעקוקט אין די אויגן. א פּנים האָט ער שטענדיק אַזאַ שמייכלענדיקס און ווייענדיקס פאַראַמאָל, און זיינע אויגן גליען מיט אַזעלכע קלוג־כיטרע פינקעלעך.

— וואָס זאָגסטו עפּעס, סטעפאַנציע, צו דיין טאַטנס מענטשלעכע רייד? — פרעג איך אים.

— „ער איז אַזוי מיין טאַטע, ווי זיינע רייד זענען מענטשלעך", — זאָגט ער און שמייכלט, און כ'ווייס נישט, צי שמייכלט ער גלאַט, ווי שטענדיק, צי פון דעם, וואָס ער זאָגט, און ער בייגט זיך צו צו מיין אויער און סיקעט אין אים אַריין, ווי ער וואָלט מיר אַ סוד איינגערוימט:

— „מע דאַרף נישט דער נאַראָד זאָל אומקומען צוליב ווייניק ערד. מע דאַרף גאָר די ערד אויסציען. ס'זאָל קלעקן פאַר אַלעמען..."

— און ער האָט צוגעווונקען צו מיר מיט אַ פּראַגע, ס'הייסט צי איך פאַרשטיי אים. האָב איך אים צוריקגעשמייכלט. כ'האָב אים דערמיט צוגעגעבן כעד*, און ער האָט נאָך שטילער געסיקעט:

— „מע דאַרף לאָזן צו דער אָדער, ווי ער זאָגט... יאָ... אָבער נישט דאָס אָרעמע פאָלק... נאָר די פּריצים און די קולאַקעס..."

---

* חשק

און דאָ האָט ער מיך ווידער אַ ברי געטאָן מיט די פינקעלעך פון זיינע אויגן, צי איך פאַרשטיי, אַז ער, סטעפּאַנציע משערנאָוויטש, מיינט דערמיט זיין געמאַכטן טאַטן יאָסיפ משערנאָוויטש?...

— פאַרוואָס־זשע, — פרעג איך אים — האָסטו גאָר באַדאַרפט צוריקקומען אַהער? האָסט דאָך געקאָנט פאַרבלייבן דאָרט אין ראַסיי און פאַרנעמען אַ גאַנצן פּריצישן פאָלוואַרק, לויט מע דערציילט? — האָט ער זיך שוין צעלאַכט אויף דער אמת:

— „פאַרשטייסטו דאָך שלעכט אַן עסק, זרח!... וואָס פעלט סטעפּאַנען דעם פאַראָבעק אַ פּריצישער פאָלוואַרק? ער וויל דען ווערן אַ פּריץ אויף עמעצנס אָרט? און דו, זרח, ווילסט ווערן אַ פּריץ, אַ דאַרמאָיעדניק? צי דו ווילסט בלויז, מע זאָל דיך נישט באַוועלען? המם... ס'האָט זיך געבענקט נאָך דער ווענטקע, נאָך דער אייגענער מוריע, צו כאַפּן אין איר אַן אייגן פלאָטשישקעלע, צי גאָר אַ העכטל... דאָ, גלייב מיר, איז נאָך פאַראַן אַ סך אויפצוטאָן...“

— די פינקעלעך אין זיינע אויגן זענען שטיינגעבליבן אויף איין אָרט. און זיין פנים האָט שוין אינגאַנצן נישט געשמייכלט. ווער ווייסט, וואָס נאָך כ'וואָלט פון אים געווען הערן! נאָר דאָ האָט אַ וואָרטשע געטאָן דער הונט: „דער באַלעבאָס קומט צוריק“... איך האָב שוין דעם אַלטן משערנאָוויטשעס פנים מער נישט געוואָלט אָנקוקן, זיך געלאָזט צום טויער און אים אויסגעמיטן.

— יאָ, ס'פאַררראָשטשיגעט זיך די אמתע רראָשטשיגע, — האָט די קלוגע באָבע רייזיע געשניטן די שטילקייט מיט אירע רררייישן — ווערער ווייסט, וואָס פאַררר אַ געבעק בררויט ס'וועט דאָס מאָל אַררויס פון אויוון!

— אוודאי, — האָבן זיך ביי שאַמע שמש געלאָשן די אויגן און זענען פאַרגאַנגען אין אומעט — מע שמועסט דאָך, אַז זייער יונגוואַרג האָט פאַרגראָבן, חוץ דעם עסטרייכישן, נאָך געווער דעמלט, ווען די פּעטליוראָוועצעס זענען דאָ געווען אין ווייזיט אַ משך פון צוויי וואָכן... נו, וועלן זיי עס איצט אויסגראָבן. קעגן וועמען?...

— סע געווענדט זיך טאַקע ווער קעגן וועמען, — האָט זרח דער רויטער ווידער צוזאַמענגעקוועטשט אַ שטיק פייער פון זיין רויטער באָרד מיט אַ האַנטהויפן, און ס'האָט ווי געשפּריצט מיט פונקען פון זיינע אויגן. ער האָט אָבער גערעדט מיטן ישוב־הדעת פון אַ באַלמעלאָכע, וואָס מישט זיך פונדעסטוועגן אין שטאָטישע ענינים און איז לעצטנס אַ גמינע־ראַטמאַן — די זין פון די פויערים מיט די צעלעכערטע סערמיעגעס וועלן טרייבן „די פּריצים“. און אַזעלכע אָנגעשטאָפּטע יאָסיפ משערנאָוויטשעס, און אַפילו אַזעלכע בידנע נאָר פינצטערע באַזיל פעטרעס, עליו־הפּאָקרישקע, וואָלטן אוודאי גערנער פאַרבליבן אין גלות ביי „די פּריצים“. זייערע זינדלעך וועלן טאַקע אפשר אויפהייבן דאָס פאַרבאַהאַלטענע געווער קעגן זייערע ג ר ו י ס ע ברידער.

— קומט אוים, חלילה, — איז יאָכוועדס מאַטעווע פּנים געוואָרן בלאַסלעך, און די אויגן האָבן געוועלקט — אַז די היגע קריסטן וועלן זיך דאָ שלאָגן צווישן זיך...

— און צווישן דער הייבין מיט דער געוויגערין, — האָט שטיל פּאַרטייטשט איר מורא יהודית די עקרה — קאָן דאָס יידישע קינד דערשטיקט ווערן.

— ע—ע—ער! — האָט אָפּגעזיפצט איר מאַן, פּייוויש סאַדאָווניק, וועלכער האָט געקוקט אין לאָמפּ אַריין מיט די תמיד פאַרשלאָפענע אויגן און געטראַכט וועגן דעם, אַז כאָטש ס'איז אַזאַ צייט, מוז מען מאָרגן זיך לאָזן אין סאָד אַריין, אַנישט וועט מען דאָרט די ביינער צעטראָגן.

— פּיסט־פּעסט! — האָט דער אַלטער גרשון איבערן „ויתן לך" געמינטערט דעם עולם.

ס'האָבן גערעדט בלויז די עלטערע. אפילו פּערל, וועלכע מ'האָט שוין געקאָנט רעכענען פאַר אַ כלה־מיידל, האָט זיך מיט קיין וואָרט נישט אָנגערופן. דאָס יונגוואַרג און די קינדער זענען געזעסן שטיל, ווי שוואָמען אין שאָטן, און זיך איינגעהאָרכט, איינגעזאַפּט די אומרואיקע רייד פון די גרויסע. נאָר צום שטאַרקסטן האָט זיך איינגעהאָרכט דאָדיע קאָוואַלס איציק. דאָס איז געווען אַן איינהאָרכן זיך נישט מיט די אויערן, נאָר מיטן האַרץ און מיטן קאָפּ. זיין פּנים האָט אויסגעזאָגט, אַז ער שאַצט אָפּ די אַרויסגעזאָגטע רייד, טראָגט אַרויס וועגן זיי זיין אורטייל, און ווען ער וואָלט נישט געווען נישט מער ווי אַ יינגל פון אַ יאָר צען־עלף, וואָלט ער זיך שוין דווקא יאָ אַריינגעמישט אינעם געשפּרעך פון די בערדיקע פּעטערס — — —

ווען איציק מיט אסתרן זענען אַהיימגעגאַנגען, האָבן זיי ביידע די גאַנצע צייט געשוויגן. זי האָט שוין געטראַכט וועגן דעם, וואָס מע וועט דאַרפן זאָגן דעם טאַטן, אויב ער וועט פרעגן, וווּ מ'איז געווען; אַז זי מיט איציקן דאַרפן נישט אַריינקומען אין שטוב צוזאַמען. איציק אָבער איז, משמעות, געווען פאַרנומען אויסשליסלעך מיט דעם, וואָס ער האָט דעם גאַנצן אָוונט זיך אָנגעהערט. וואָרן שוין אין זייער געסעלע, ווען דאָס שוועסטערל האָט געעפנט דאָס מויל אָפּצורעדן זיך מיט אים, ווער פון זיי זאָל אַריינגיין דער ערשטער, און ווער ס'זאָל אונטערוואַרטן, האָט ער אַ זאָג געטאָן — צי צו איר, צי צו זיך אַליין:

— סטעפּאַנציע משערנאָוויטש האָט גערעדט מיט יושר...

ק אַ פּ י ט ל   ז ע ק ס   א ו ן   ד ר י י ס י ק

ווען ס'בייטן זיך מאַכטן

איינמאָל פרייטיק פאַרנאַכט — די שקיעה האָט ראָז געשימערט אויף די קלויסטער=צלמים, די קלייטן זענען שוין געווען געשלאָסן — האָבן די שאָסיי=שטיינער מיט אַ נישט=געוויינלעך טראַסקעריי אָנגעזאָגט דורך אַ ראָזן שטויב=נעפּל, אַז אַ מיליטערישע אָפּטיילונג איז אַריינגעפאָרן און האָט אַריינגעשפּאַנט אין שטעטל. צוליבן שטויב און דעם געמאַכטן ווינט האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַ שטורעם=כמאַרע האָט זיך פאַרנומען איבערן פאַרנאַכטיקן הימל. אין די הייזער לענגויס דעם שאָסיי, אין וועלכע די פענצטער זענען אָפן געווען, האָבן די אָנגעצונדענע בענטש=ליכט אָנגעהויבן צו פינטלען, ווי איבערגעשראָקן.

ס'האָט זיך געהערט פון שאָסיי אַראָפּ אַ הירזשען פון פערד — אַן אומרואיק הירזשען, וואָס גיט אָפּ אַ גרוס פון שלאַכטפעלדער און האָט אַ בלוטיקן קאָליר.

— דאָס מיליטער איז שוין אָנגעקומען! — איז זיך די בייזע בשורה צעגאַנגען איבערן שטעטל מיט אַ ציטעריקן פלאַטער.

— פּוילישע פּיעכאָטע מיט רוסישער קאַוואַלעריע.

טייל יידן, וואָס האָבן זיך שוין געלאָזן שבתדיקע אין בית=מדרש אַריין צו קבלת=שבת, זענען שטיין=געבליבן, דערשראָקן אַרומגעקוקט זיך און זיך ווייטער געלאָזט גיין, ווער אין בית=מדרש אַריין און ווער צוריק אַהיים.

די פּוילישע פּיעכאָטע האָט זיך אָפּגעשטעלט מיטן אָבאָז און צוויי פעלד=קיכן אויפן רבינס גרויסן הויפישן פּלאַץ, ווו פון די דערבייאיקע לעפּעכע=זומפּן האָט אָנגעפּלייצט דאָס אומאויפהערלעכע געזאַנג פון די זשאַבע=כאָרן. די אָפיצירן האָבן זיך איינגעקוואַרטירט אין דעם פּריצישן הויף — אינגאַנצן אויסגעמיטן היינטיקס מאָל יידישע הייזער. דאָס איז גוט, ס'איז אָבער נישט קיין גוטער סימן: אַן אויסדרוק פון אומצוטרוי צו די יידן דעמלט, ווען מ'אַנטלויפט פאַר די באָלשעוויקעס. די קאַוואַלעריסטן זענען צעטיילט געוואָרן איבער די קריסט=

לעכע שטאַלן און שייערן אין די ראַנד־גאַסן, אָבער אויך עטלעכע יידישע שטאַלן איז צוגעטיילט געוואָרן דער דאָזיקער פאַרדריסלעכער כבוד.

אויך בײַ דאָדיע קאָוואַל אין שטאַל האָט זיך אײַנגעקוואַרטירט אַ קאַוואַלעריסט מיט אַ פּאָר פערד. אין שטוב איז ער פונדעסטוועגן נישט אַרײַנגעקומען, כאָטש ער האָט גלײַך באַוויזן צו שליסן אַ נענטערע קענטשאַפט מיטן דינסטמיידל, וואָס האָט זיך בײַ זײַן אַרײַנפירן די פערד אין שטאַל אָקאָרשט אויפגעהויבן פון הינטער דער קו מיטן פולן מעלקשעפל.

דעם פרייטיק־צונאַכטס האָבן זיך די שבת־זמירות טויבלעך געדעמפט אין די יידישע הייזער הינטער פאַרמאַכטע טירן־פענצטער, וואָס האָבן אויך פאַרשטעלט דעם וועג פאַרן קילבלעכן אָוונט אַרײַנצוקומען און אָפּצוקילן די הייסע דושנע לופט.

ווען מע האָט בײַ דאָדיען פאַרענדיקט עסן דעם פלוימען־צימעס, איז דאָס דינסטמיידל אַרײַנגעקומען פון קיך און אָנגעשטאָט צוצונעמען דאָס געפעס פון טיש, שטיינגעבליבן פאַר דאָדיען אין פאַרלעגנהייט, מיט אַראָפּגעלאָזטע ווי געליימטע הענט, מיט אַ רויט און נאַריש צעשמייכלט פּנים און געזאָגט ווי מיט אַ צוגעלעגערט קול:

— דער זעלנער קלאַפּט דאָרט אין שויב בײַ מיר און רופט מיך אַרויס... אויף אַ שפּאַציר... מעג איך אַרויסגיין, באַלעבאָס?

דאָדיע האָט אויף איר אַ קוק געטאָן אָנגעכמורעט־בייז און גאָרנישט געענטפערט. נאָר מינציע האָט זיך עפּעס דאָס מאָל אָנגענומען מיט מוט און אַ זאָג געטאָן:

— קאָנסט גיין, פּראַסקע... וועסט אָנקלאַפּן, וועט מען דיר עפענען... דאָס געפעס וועט מען שוין דאָ אָן דיר צעוואַשן.

און ווען פּראַסקע איז אַ צופרידענע גלײַך אַרויסגעגאַנגען, האָט זי אַ שעפּטש געטאָן, מינציע:

— אפשר וועלן מיר אין איר זכות געהאָלפן ווערן...

אסתרקע האָט אָנגעקוקט די מאַמע מיט אַ פרעגנדיקן בליק. זי האָט נישט באַנומען, ווי אַזוי קאָנען זיי עם דורך פּראַסקען געהאָלפן ווערן. נאָר אַז מינציעס אויגן זענען שטיינגעבליבן אויף דער שוועסטער הבורהס „פּיסקעס“, וועלכע האָבן געגליט, האָט אסתרקע אָנגעהויבן עפּעס זיך אָנצושטויסן.

— שוין אין די בעטן אַרײַן! שלאָפן! — האָט דאָדיע אַ קאָמאַנדעווע געטאָן.

איציק מיט אסתרקען האָבן זיך איבערגעקוקט און באַשלאָסן אויפן ווונק: פאַרפאַלן, הײַנט קאָן מען צום פענצטער שאמע נישט גיין... מע קאָן נאָך אָנטרעפן אויף אַ פּעטליוראָוויעץ.

די געלעגערס האָבן יענע קורצע זומער=נאַכט דעם שטעטל קיין רו נישט געגעבן: צי האָט זיך דער פּראָנט שוין אַזוי דערנענטערט? מ'האָט דאָך נאָך קיין איינציקן האַרמאַטן=שאָס נישט געהערט! צי גאָר טרעטן זיי שוין באַצייטנס אָפּ, טאַקע ווי מע שמועסט, אַז זיי אַנטלויפן? צי האָבן נישט די געסט בדעה אַ הוליע צו טאָן אין שטעטל?... — — —

— גיי עפן די טיר, מינציע, — האָט אַסתריקע דערהערט פון שלאָף אַרויס דעם טאַטנס שטים, די מאַמע האָט זיך אויפגעזעצט, דורך די פאַרמאַכטע לאָדן האָט שוין גענומען אַריינבלויען דער באַגין — אַז סע וועט דיר באַשערט זיין, וועט מען דיר אָפּגעבן אַ מזל=טוב מיט אַ קאָזאַקל...

נאָר אַז דער טאָג האָט זיך געשטעלט בשלום, האָט מען זיך אָנגעהויבן באַרואיקן: מילא, יידן זענען שוין געוווינט צו אַזעלכע צרות; מיטן אייבערשטנס הילף וועט מען זיי אויך איבערלעבן. און דער שבת=בייטאָגיקער שלאָף נאָכן קוגל איז געווען אַ שטאַרקערער ווי אַלעמאָל.

אַזוי איז אַריבער דער לאַנגער שבתדיקער טאָג אָן באַזונדערס שלעכטע ידיעות. ס'איז אַפילו נישט געפּאָדערט געוואָרן, די קרעמער זאָלן עפענען די קראָמען. אַפילו די קאַוואַלעריסטן האָבן דערווייל קיינעם נישט פאַרטשעפּעט. מע ווייסט שוין, ווער זיי זענען: נישט קיין פּעטליוראָווצעס, נישט קיין קאָזאַקן, נאָר באַלאַכאָווצעס. וואָס=זשע זענען אַזוינס די באַלאַכאָווצעס?

— ס'איז שוין עפּעס צו גוט... — האָבן זיך געקרימט אין שטעטל די, וואָס האָבן אַ טבע אויסצולייגן תמיד צום שלעכטן.

האָט דער קלוגער יונגער דור — די אייער, וואָס זענען קלוגער פון די הינער, אויסגעטייטשט די זאַך אַזוי:

זיי האָבן אַ פאַרזאָג, די באַלאַכאָווצעס, זיך אויפצופירן לייטיש, ווייל זיי זענען דאָ נישט ביי זיך אין דער היים... געסט דאַרפן זיך האַלטן, ווי ס'פּאַסט זיך פאַר געסט... און „אונדזערע“ ווידער, די באַלעבאַטים, מוזן דאָך לפנים, טאַקע פאַר די געסט, זיך אויפפירן, ווי עס פּאַסט זיך אויפצופירן ביי זיך אין דער היים... זיי וועלן דאָך נישט קרייוודען קיין אייגענע בירגער, מעגן זיי זיין אַפילו יידן! און... זיי טרעטן דאָך עפּעס אָפּ „אין אָרדענונג“...

— קומט אויס, — האָט יונה סעווערויק געזאָגט שבת=צו=נאַכטס ביי דאָדיע קאָוואַל אין שטוב ביים „גלאַטיקן טיש“, ס'הייסט ביים טיש אָן קאָרטן, די קאָרטן זענען מער אין קאָפּ אַריין נישט געקראָכן — אַז דער שידוך צווישן זיי איז גאָר אַ פיינער, און יידן געניסן פון דער חתונה... „זאָל זיין פון אַ קאָזאַק“...

פון שטאַל האָט זיך דערהערט אַ הירזשען פון פערד.

— איר הערט? — האָט יונה געטריומפירט מיט אַ שמייכל. — די אָגערס דאָרט זענען מקנא, ווילן אויך חתונה האָבן...

און צוליב דער אויפגעלייגטקייט, וואָס דעם פעטער יונהס גלייכווערטל האָט ארויסגערופן, האָט שוין אפילו מינציע געריזיקירט צו פארענדיקן פאר יונהן דאָס פאָלקסווערטל, וואָס ער האָט געלאָזן אינמיטנדרינען:

— „אבי צום לעבן!“ מיר זאָלן אינגיכן געניסן פון חתונות ביי די אייגענע קינדער.

— מזל־טוב דיר! — איז דאָדיע אויפגעבראַכט געוואָרן אויף איר צעשפּרייטעניש. — נעם אין קעלבערנע ספּיילעס ברעכן טעלער, קליאַטשע אייגע!

די אויפגעלייגטקייט איז גלייך אָפּגעווישט געוואָרן פון די פּנימער, און דער פעטער יונה האָט גענומען פאַררעדן, נאָכדערציילן אין נאָמען פון זרח דעם רויטן:

— „זיי קומען צו מיין ברוגעס, — דערציילט זרח — פון ווייס איך ווי ווייט, ווי אַלע בריגעמער אין שטעטל וואָלטן פון היץ אויסגעטריקנט געוואָרן. ביז היינט האָב איך געוווּסט, אַז צו מיין ברוגעס איז מען זיך מטריח אַפילו פון די באַלעבאַטישע שטיבער נאָך וואַסער פאַרן סאַמאָוואַר — דאָס גלעזל טיי זאָל זיין לויטער... ווייזט אויס, אַז ביי זיי, ביי די באַלאַכאָוועס, זענען די פערד טייער, ווי... נאָר נישט דאָס בין איך אויסן... בעת זיי פּויען אָן די פערד, האָבן זיי ליב אונטערצוזינגען און אונטערצופייפן. הער איך אַזוי דורכן פאַרהאָנגענעם פענצטער, ווי כ'ליג זיך אַזוי נאָכן טשאָלנט אין בעט, ווי איינער גייט אָפּ שוין פון ברוגעס מיטן פערד און זינגט אונטער גאַנץ נישקשהדיק אויפן קול, אַקוראַט ווי כדי איך זאָל הערן... שטויסט זיך אָן אַשטייגער, וואָס?... נישט מער און נישט ווייניקער — „אי וסיער זשידאָוו פּאָביאָם, סוואָלאָטש טאקויו...“* האָט עס מיך אונטערגעטראָגן פון בעט און ס'איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויערן!“.

פונדעסטוועגן זענען אַריבער רואיק אויך דער זונטיק און דער מאָנטיק, ווען די קרעמער האָבן שוין קיין תירוץ נישט געהאַט און געמוזט, אויפן דיינס באַפעל, עפענען די קלייטן. וואָס אמת — אין די צוויי טעג, וואָס זיי זענען געווען געשלאָסן, האָבן די קרעמער באַוויזן אָפּצוראַמען אַ ביסל סחורות פון די פּאָליצעס, ווער — אין פאַרבאָרגענעם קעלער אַריין, ווער צו זיך אַהיים, צוליב אַן „עין־הרע“. ס'האָט געטראָפן, אַז אַ באַלאַכאָוויטש, איינער און אַ צווייטער, זאָל, אויף אַ קרעמערס תשובה „ס'האָט גראָד אויסגעפעלט“, באַקומען אַ רויט טרייף פּנים, זשאר אין די אויגן, זיין היטשעקל איבערן שטערן זאָל ווי אַ פלאַם טאָן, און ער זאָל בילן דורך די ציין:

— איר באַהאַלט אויס, זשידעס, די סחורות אין דרערד פאַר אייערע באָלשעוויקעס ווענן, נאָר וואַרטס, וואַרטס...

אַזאַ „וואַרטס, וואַרטס“ האָט אוודאי געמאַכט אַ לאָך אין האַרצן, נאָר

* און אַלע זשידעס וועלן מיר דערמאָרדן, דאָס געהינטעכץ...

אַזוי ווי קיין ביז האָבן זיי פונדעסטוועגן נישט געטאָן, האָבן זיך די יידן געשטאַרקט די הערצער מיט דער האָפענונג: דאָס יינגוואַרג איז גערעכט — כל־זמן דאָס פוילישע מיליטער איז דאָ מיט זיי, וועלן זיי זיך נישט דערוועגן צו בייסן... זיי זענען אַלע פאַדעפּאַלנע... כאַפּן דאָרט אַפּנים די גאָר לייטישע קלעפּ... האַלטן זיי זיך טאַקע לייטיש דערווייל. נאָר ווער ווייסט, וואָס ווייטער?...

צום „ווייטער" האָט לאַנג נישט געדויערט. שוין דינסטיק אינדערפרי האָט זיך דאָס שטעטל געמאַכט כלומרשט נישט זעענדיק, ווי ס'פּאָרט אַרויס די פּאָטשט, איילנדיק צום צוג, וואָס מע זאָגט, אַז ער איז דער לעצטער; ווי מיטאָגצייט ציט אָפּ שוין מיט פורן דער פּאָליציי־פּאָסטערונעק. באַלעבאַטים פון קי האָבן געשיקט אין פעלד אַריין פאַרזאָגן די פּאַסטעכער, זיי זאָלן די שטיקלעך אַריינפירן טיפער אין וואַלד אַריין, צווישן די געדיכטע לאָזעס, און נישט אַהיימברענגען זיי אויף ביינאַכט.

די קלייטן זענען פּריציייטיק געשלאָסן געוואָרן אויף וויפל שלעסער ס'איז נאָר מעגלעך געווען. מאַמעס האָבן מיידלעך נישט צוגעלאָזן צו די פענצטער אַרויסצוקוקן אין דרויסן — טאָמער וועט זיי אַן עמעצער דערזען.

אין אָוונט האָט דאָדיע קאָוואַל אַוועקגעשיקט דבורה „מיט די פּיסקעס" און איציקן אין קוזניע אַריין, זיי זאָלן דאָרטן איבערנעכטיקן אין דער סטעלמאַשגיע אויפן בוידעם, און נפתּלציע האָט פאַרשלאָסן הינטער זיי דעם טויער פון דער קוזניע.

— דעם מגידם אוהל אין שכנות מיט דער קוזניע זאָל אויף דיין טאָכטער מגין זיין, — האָט געשעפּטשעט די אַלטע ליבע חיה, וואָס איז גראָד געווען ביי זיי אין שטוב.

טיף אין דער נאַכט אַריין האָבן די מאַנצבל געוואַרטעוועט אינדרויסן אויף די פּריזבעס און בריקלעך פאַר די טירן פון זייערע הייזער, ווו אינעווייניק זענען די ווייבער און קינדער געשלאָפן נישט אויסגעטאָענע. און — ס'איז געווען עפּעס אַ רעטעניש: ווער האָט דאָס אַזוי געעצהט? — זייער אַ סך פון באַלמעלאָכישן גראַד האָבן געהאַט אָנגעגרייט לעבן זיך ווער אַ שטעקן, ווער אַ שטיק אייזן, אַז טאָמער, חלילה... מע זאָל עס נישט באַדאַרפן.

— זיי וועלן אויף אונדז, חלילה, אַן אומגליק ברענגען! — האָבן זיך געבייזערט באַלעבאַטישע יידן.

אסתּריקע האָט געזען ווי איר פעטער פּייוויש סאַדאָווניק איז געזיצן ביי זיך אין שטוב לעם אַ טונקל אַריינגעדרייט לעמפּל און זיך אַרויסגענומען די אויגן איבער אַ גרויסן סידור. דאָס זעלבע, האָט מען געזאָגט אין שטוב, טוט דער רב און זיין איידעם דער ליטוואַק. דער אייבערשטער זאָל זיך מרחם זיין. דאָס זעלבע, האָט אסתּריקע פאַרשטאַנען, טוט דאָרט דער זיידע גרשון. נאָר וואָס טוט דער פעטער שאַמע?...

זעלטן, אַז עמעצער זאָל פּאָלגן די גוטע און קלוגע עצות צו זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים. מ׳איז זיך ווייטער געזיצן מיטן „געוועור“ און עפּעס ווי זיך נישט געשראָקן, עפּעס טאַקע גאָרנישט יידישלעך. אַחוץ וואָס מ׳האָט עס אַפּנים פון ערגעץ־ווו אונטערגעזאָגט, אויב נישט פון די נישט־יידישע גאַסן, האָבן עס די יידן אַליין אָפּגעפילט, אַז די, וואָס מע קאָן פון זיי דערוואַרטן אַ פּאָגראָם, פילן זיך גאָרנישט געהויבן, ווייל זיי זענען נישט זיכער, צי די באָלשעוויקעס זענען זיי נישט ערגעץ־ווו דעם וועג פאַרלאָפן און מאַכן שוין אַרום זיי „הקפות“... מע דאַרף בלויז זיין אויף דער וואַך, אַז דאָ אָדער דאָרט זאָל זיך עמעצן פון זיי נישט פאַרגלוסטן אַ לקחן צו טאָן — זאָל ער קריגן איבער דער לאַפּע!

—זיי ציען אָפּ... זיי ציען אָפּ, ווי די האָזן! — האָט מען זיך שעפּטשענדיק איבערגעגעבן איינמיטן נאַכט.

ביי האָדיע קאָוואַל אין שטאַל האָט אַ סקריפּע געטאָן דער טויער. מ׳האָט געהערט, ווי דער באַלאַכאָוויטש האָט אַרויסגעפירט די פערד און אַוועק אויף זיי גאַלאָפּ מיטן שאָסיי.

— ביי יונה סעווריוק, — איז דערגאַנגען צו האָדיען אין שטוב דורך די בשורות־טרעגער — האָט איינער אַ באַלאַכאָוויטש געוואָלט זיך אַרויפּכאַפּן אויף יונהס אַ פערד, וואָס יונה האָט געהאַלטן אויסבאַהאַלטן אין גערטל הינטער דער שטוב, האָט אים יונה מכבד געווען מיט אַ דרענגל איבער די פּיס און אַרויסגעריסן ביי אים די ביקס... דער באַלאַכאָוויטש האָט געמיינט, אַז מע גייט אים אַריינהאַקן מיט דער שטיק אין ברוסט, האָט ער אָנגעהויבן וואָיען ווי אַ הונט: „שענק מיר דאָס לעבן, האַרעלע...“

און נאָך איידער ס׳האָט אָנגעהויבן צו שאַריען אויף טאָג האָט מען שוין געוווסט:

— פּטור! קיין לאַפּקע איז פון זיי נישט פאַרבליבן!

מ׳האָט זיך געפרייט און געוווּנדערט:

— זעט נאָר! די כמאַרע, וואָס האָט זיך פאַרנומען פרייטיק פאַרנאַכט, איז אַריבער איינגאַנצן אָן אַ רעגן!

בלויז וואָס באַלעבאָסטעס האָבן זיך געזאָרגט, אַז ביי די נישט געמאָלקענע קי וועט איבערברענען די מילך אין די אייטערס.

— מינציע! — האָט דאָדיע אַ באַפעל געטאָן דעם ווייב גלייך אינדערפרי — נאַדיר געלט, באַצאָל פראַסקען וויפל ס׳קומט איר, נאָך מיט אַ שמיצל, און זאָל זי זיך גיין צו זיך אין דאָרף אַריין... שוין אויף שטענדיק. ביי די באָלשעוויקעס טאָר מען קיין דינסטן נישט האַלטן. איך זאָל זי שוין באַלד נישט אָנקוקן דאָ... נפתליציע! גיי שלים אויף די קוזניע, און זאָל קומען די מויד „מיט די פּיסקעס“ — איך האָב, ברוך השם, אַן אייגענע פראַסקע...

נאָר גאָר אומגעריכט האָבן זיך די באָלשעוויקעס נישט באַוויזן, נישט היינט, נישט מאָרגן און נישט איבערמאָרגן.

— זיי זענען אַפּנים זיכער, אַז קיינער וועט ביי זיי די מציאה — טראַסקע־וויטש, נישט אויסכאַפּן.

ס'איז שטיל געווען אין שטעטל, און די שטילקייט האָט עפּעס געביטן. די קלייטן האָבן זיך דאָ איינע, דאָ אַ צווייטע, געעפנט אויף אַ האַלבער טיר, אויף אַ האַלבער שעה און זיך צוריק געשלאָסן — אַז מע ווייסט נישט, וווּ מ'איז אין דער וועלט! קיין איין דאָרפיש פורל האָט זיך נישט באַוויזן אויפן מאַרקפּלאַץ, ווי די גאַנצע געגנט וואָלט געווען אויסגעשטאָרבן...

אַז ס'איז נישטאָ קיין מאַכט, איז מען נישט פריי, נאָר הפקר. דאָס איז ערגער פון אַלץ. צי וואָלט מען נישט באַדאַרפן שאַפן ווידעראַמאָל אַן אייגענע מיליץ — די ייִדן מיט די נישט־ייִדן?... נאָר ווער ווייסט? אפשר זענען די לעצ־טע נאָכנישט די לעצטע געווען? און אפשר קערן זיך נאָך די לעצטע צוריק, אויב די באָלשעוויקעס באַווייזן זיך נישט?

— ווייַ־ווייַ! טאָמער קומען די באַלאַכאָוויטשעס צוריק, ווייסט איין גאָט אין הימל, ווי דאָס שטעטל וועט אָפּשפּילן צוליב דער שיינער געשיכטע מיט יונה סעווערייוק!

—אַז וואָס זענען עס ייִדן געוואָרן אַזעלכע גבורים פון דער העלער הויט!

— האָט זיך יצחק גאָלד געבייזערט — אַז זיי וואַרטן אויף די באָלשעוויקעס, האָבן זיי שוין אָנגעכאַפּט זייער גאָט פאַר דער רויטער באָרד? און דאָ קאָן זיין, אַז מיר האַלטן ערשט ביי „מה־טובו"!

ערשט אום פרייטיק זענען דערגאַנגען ידיעות, אַז די רויטע אַרמיי דערנענ־טערט זיך קיין קאָוולע מיטן בריסקער שאָסיי, אַז ערגעץ אַרום קאָוולע זאָל זיך שוין האָבן באַוויזן אַ באָלשעוויסטישער „בראָניעוויק"... לויט שאַמע שמש האָט עס אויסגעטייטשט איז דאָס אַזאַ מין לייטישע כלי, וואָס כראַקעט פון אַלע זייטן מיט פייער, און אַליין האָט זי פאַר גאָרנישט קיין מורא — ווי אַ טשערעפּאַכע פאַר קליינע שטיינדלעך — קיין קויל נעמט זי נישט! זי איז פאַרפּאַנצערט.

— מיט וואָס־זשע איז ער פאַרפּאַנצערט? — פרעגט אים יאָנטל „אויסגע־ווייקטער הערינג".

— מיט „שיר־המעלותן"! — לאַכט פון אים דער פעטער שאַמע. — ער זעט אויס, ווי אַמאָל דאָס בעט פון אַ יולדת...

די קלייטן האָבן זיך היינט געעפנט אויף לענגער אַ ביסל, די באַלעבאָסטעס האָבן איינגעקויפט אויף שבת, און מ'האָט אים ווי עס איז אַריינגעבראַכט אין שטוב אַריין.

אויך דער שבת און דער זונטיק זענען אַריבער אָן קיינע נייעס. קיין שיסע־רייען האָט מען פון קיין זייט נישט געהערט. דאָס איינציקע נייעס איז געווען,

וואָס נישט דער קלויסטער, נישט דער קאַשטשאָל האָבן דעם זונטיק נישט גע־קלונגען. זייערע גלעקער האָבן צו רו געלאָזן די שטילע, וואַרטנדיקע הימלען...

מאַגנטיק אינדערפרי האָבן זיך די קלייטן געעפנט צו דער צייט און זיך נישט גלייך געשלאָסן. ס׳מוז זיך דאָך איינשטעלן עפעס אַ סדר. נאָר אַרויספאָרן קיין קאָוולע אָדער לודמיר נאָך סחורה האָבן זיך פונדעסטוועגן נישט די קרעמער, נישט די באַלעגאָלעס נישט איינגעשטעלט. ס׳איז דאַריבער פאַרשטענדלעך גע־ווען, אַז שפּייז מוז אַ ביסל טייערער ווערן. אָבער די טייערונג האָט אַ שפּרונג געטאָן מיטאַמאָל און צו הויך. האָבן אָרעמע באַלמעלאָכעס, עזות־פּנימער, ווי זרח דער רויטער, אָדער בעריש שוסטער, געטענהט:

— ווי איז דאָס אין אַזאַ קורצער צייט אויסגעטריקנט געוואָרן די סחורה? און פונוואַנען, צון אַלדי רוחות, האָט זיך דאָס גענומען דער יקרות אויף זאַלץ? וואָסער שור־הבר האָט עס אויסגעלעקט ביי די קרעמער די גאַנצע זאַלץ? און דווקא ביי וועלכע קרעמער? ביי די, וואָס אַ פּאָר זעקלעך זאַלץ איז תמיד געשטאַנען ביי זיי אין קלייט — אויב נישט אין קלייט, איז אין דער קלאַדאָווקע...

די קרעמער ווידער האָבן פון זייער זייט אויסגעדריקט פאַריבל אויף די באַלמעלאָכעס:

— זיי רעדן דאָך שוין אַזעלכע רייד, כמעט ווי יענע וואָך די באַלאַכאָווצעס! פאַר וועמען באַהאַלטן מיר דאָס אויס די סחורות? פאַר די באָלשעוויקעס? זיי וועלן אונדז צאָלן טייערער? סמאָלע־קאָפּ בלייבט סמאָלע־קאָפּ!

— זאָלן זיי אויפהערן מיט די סמאָלע־קעפּ! — האָט בעריש וועלוול שוס־טער זיך אויפגעקאָכט. זיינע שאַרפע פּערלדיקע ציינדלעך האָבן זיך געשאַרפט און די ליפּן־ווינקלען געפינעט. — מע ווייסט נאָכנישט, אויף וועמעס קעפּ ס׳וועט זיך גיסן סמאָלע!...

רוגזא, בייזקייט און שנאה האָט אָנגעהויבן אָנוואַקסן אין שטעטל. קיינער וואָלט נישט געקאָנט זאָגן, פונוואַנען ס׳האָט זיך דערנומען און פאַרשפּרייט אַזאַ מין קלאַנג:

— אַז אַזוי איז עס שוין ביי זיי, ביי די באָלשעוויקעס. ווי אַ קללה וואָלט זיי נאָכגעגאַן — ווו זיי שטעלן נאָר אַריין אַ פוס, אַזוי רינט אַלץ גלייך אויס... און וואָס איז דאָס חידוש? אַז זיי האָבן אַליין נעבעך גאָרנישט — נאַקעט און באָרוועס גייען זיי... אַ מלוכה פון שוסטערס און שניידערס...

— שוין טאַקע גענוג אייער באַלעבאַטישע מלוכה, — זענען באַלמעלאָ־כעס געוואָרן נערייצט און האָבן זיך געגרייסט.

ערשט מיטוואָך איז דערגאַנגען די ידיעה: די גרויסע זענען שוין אין קאָוו־לע! אַ ליאַדע שעה קאָן מען זיי האָבן אויך דאָ.

צו דאָדיען אין שטוב האָט די בשורה געבראַכט מיט פרייד דער צעני־עריקער איציק. אין שטוב זענען דעמלט געווען בלויז די ווייבער: די באָבע ליבע חיה, מינציע, דבורה און אסתרקע.

— פאַרוואָס, מינציע, רופט מען זיי עפּעס די גרויסע? — האָט די באָבע געפרעגט.

— כ׳ווייס? — האָט זיך מינציע פאַרטראַכט. — אָט אַפּנים — ווי כ׳האָב געהערט שמועסן — ווייל ווו זיי קומען, די גרויסע, ווערן די באַלמעלאָכעס גרוים און ס׳איז ביי זיי אַ גרויסע פרייד...

— דאָס איז טאַקע אַ גרויסער יושר, — האָט שטיל געזאָגט איציק, און אין שטוב איז אויף אַ רגע געבליבן שטיין אַ פאַרקלערטע שטילקייט.

קאַפּיטל זיבן און דרייסיק

די באָלשעוויקעס אין שטעטל

דאַנערשטיק באַגינען האָט אויפגעוועקט פון שלאָף אַ שטיל קלאַפּן אין לאָדן פון טאַטע־מאַמעס חדר, וווּ אסתרקע איז געשלאָפן מיט דער מאַמען אין בעט. זיי האָבן דערהערט אַ שוואַכע שטים אויף רוסיש. די ערשטע רגע האָט זיי דורכגענומען אַ שרעק: די באַלאַכאָוועצעס!... נאָר גלייך האָבן זיי זיך דאָך געכאַפּט, אַז אַזעלכער וואָלט אַנדערש געקלאַפּט און מיט אַן אַנדער קול גערעדט.
דער מענטש אין דרויסן האָט ווייך געבעטן:

—עפנט, חברים...

— נישט רירן זיך פון אָרט! — האָט דאָדיע אַ סיקע געטאָן אויפן ווייב, וואָס האָט זיך געוואָלט אויפהייבן — כ'וויים דאָרט, וואָס פאַר אַ שלעפּער דאָס איז...

אויף דעם האָט זיך אויפגעלענט די טיר, און איציק, אינעם אונטערוועש, האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל:

—טאַטע... אפשר אַרויסכאַפּן זיך דורך דער קיכטיר... כאַפּן אַ קוק?

— קיינער הייסט דיך נישט! — האָט אים דער טאַטע געענטפערט שטרענג

— אַ נייער שאַלאַטן־שמוש!

נאָר איציק האָט זיך איינגעעקשנט אין זיין שטיין. הערנדיק, ווי דאָס קלאַפּן און די שטים חזרן זיך איבער, הגם שוין שטילער אַ ביסל, האָט ער ווי צו זיך געשעפּטשעט:

— אַ מענטש זאָגט חברים...

— גיי אין דיין רו אַריין! — איז דאָדיע קאָוואַלס שטים הייסער געוואָרן. אָבער ער האָט זיך דאָך איינגעהאַלטן, כדי יענער אינדרויסן זאָל נישט דערהערן, אַז מ'איז דאָ וואך.

— „חברים“, זאָגט ער... ס'א יושר?... — איז איציקן אַראָפּגעפאַלן א געשעפּטש פון די ליפּן.

ערשט האָט שוין דאָדיע אָנגעהויבן צו זשאַריען. האָט זיך געטאָן אַ זעץ אויף און ס׳האָט פון אים אַרויסגעציִשעט:

— ווערסט פון מיר באַלד קריגן דעם יושר אין הינטן אַריין, וועט ער דיר שוין אַרויס פונפאָרנט!

איציק האָט מער גאָרנישט געזאָגט. איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און זיך איינגעהאָרכט צום לאָדן. די שטים האָט זיך מער נישט איבערגע־חזרט. אויך דאָס קלאַפּן איז שוואַכער געוואָרן און האָט אינגאַנצן אויפגעהערט. יענער איז אַפּנים אַוועקגעגאַנגען. באַלד האָט זיך געהערט, ווי ער קלאַפּט אין לאָדן ביים פעטער פייוויש סאַדאָווניק. דאָרט האָט אַ סקריפּ געטאָן אַ טיר... איציק האָט אַ שמייכל געטאָן, זיך אויסגעדרייט און אַרויסגעשלייכט. דאָדיע האָט זיך געמאַכט שלאָפנדיק. מינציע האָט אָפּגעזיפצט.

אין אַ פּאָר שעה אַרום זענען די באָלשעוויקעס געווען אין שטעטל — אויפן מאַרקפּלאַץ, אויפן פּלאַץ פון רבינס הויף, ווו ס׳האָט געזאָלט אויפגעשטעלט ווערן ישׂראל לעווים פּראַווע מיל. אויפן דענקמאָל פון קאָשציושקאָ אינמיטן מאַרק האָט געפלאַטערט אַ רויטע פאָן! ווער האָט זי דאָרט אויפגעהאָנגען? זיי אַליין? צי עמעץ פון דער היגער אוקראַינישער באַפעלקערונג? און אפשר גאָר פון דער יידישער? אַ?

איציק מיט אַסתרקען האָבן אַרומגעשמייעט, אויסגעוואָקסן ווי קראָפּעווע אומעטום, ווו מ׳האָט זיי נישט פאַרזייט.

דער שטעטלשער עולם האָט נאָכגעשפּירט, באַטראַכט די „געסט“. מ׳האָט זיך פאַרשטענדיקט צווישן זיך מיט בליקן און טיילמאָל מיט עטלעכע אָפּגע־כאַפּטע שטילע ווערטער. ס׳איז געווען שוין לחלוטין נישט פאַרשטענדלעך:

...פאַר זיי זענען דאָס אַנטלאָפן די פּוילישע פּיעכאָטע און באַלאַכאָוויטשעס קאַוואַלעריע? יענע האָבן אַלע גוט אויסגעזען, גוט מונדירט געווען און, דער עיקר, געהאַט ביי, גלאַנציק געווער, אַז ס׳האָט פון זיי אַראָפּגעפּעכלט! און אָט די — זעט נאָר, זייער מונדירונג! און וואָס פאַר אַ געווער זיי טראָגן עס! — אַלטע ביקסן, אוודאי פון מתושלחס צייטן!

...אָט שטייט דאָ אַן אויטאָמאָביל. מע זאָגט, אַז פון אים איז אויסגעשטיגן אַ גענעראַל אין אַ לעדערנער קורטקע, אפילו מיט געפּוצטע שטיוול, אָבער אָן עפּאָלעטן... ווער־זשע וועט פאַר אים דרך־ארץ האָבן? רופן אים טאַקע אָן די חברים „טאָוואַרישטש“!...* און ווי דער גענעראַל, אַזוי דער אויטאָמאָביל — עפּעס הינקט ער אונטער אויף איין ראָד...

— מע פאָרט אויף אים, אָדער מע טראָגט אים? — האָט שוין מאָטיע גפן גאָר קיין דרך־ארץ נישט און זיין שמייכל באַווייזט צוויי געלע ציין, ווי ביי אַ מויז.

---

* חבר

— ער זעט אויס ווי די „כסא־של־אליהו“, וואָס איז אַמאָל געשטאַנען ביים מגיד אין שטאָל, — ענטפערט אים סענדער שניטקרעמער מיטן אָקסענעם פּנים און גאָלדיקן בערדל, באַווייזנדיק א גאָלדענעם צאָן — המם... אָבער מיר האָבן פונדעסטוועגן געזען, אז יענע האָבן אָפּגעצויגן...

— זיי האָבן מורא געהאַט, — שטשירעט מאָטיע גפן ווייטער די מייזישע ציין — מע זאָל זיי אויף דער „כסא־של־אליהו“ נישט מל זיין... המם...

זיי האָבן אויפגעהערט צו רעדן, ווייל ס'איז צום באַלעבאַטישן רעדל צוגעקו־מען יונה סעווערייוק, וועלכער האָט נישט קיין מורא צו עפענען א מויל אפילו צווישן באַלעבאַטישע מענטשן — ער איז א שגץ.

און דאָ האָט מען דערזען נאָך גאָר א חידושלעכע זאך: מע קוקט זיך אזוי צו צו איינעם א רויטארמייער, און ס'ווערט עפּעס נישט פארשטענדלעך — וואָס פאר א פיגור איז עס ביי אים? — און אָט איז נאָך איינער אזעלכער!...

— העי, נאַטאַשקע! — טוט אים עמעץ פון די „טאָוואַרישטשעס“ א רוף

— ווי לעבט זיך עס דיר?

— אז בעסער דארף מען נישט! — ענטפערט נאטאשקע מיט א פריידיק פּנים און בלענדנדיקע ציין.

ווערט קלאָר פון נאַטאַשקעס קול, אַז דאָס איז אַ זי, אַ זעלנער אַ מויד! וועגן אזעלכעם האָט מען נאָך קיינמאָל נישט געהערט. און ווייזט אויס, נישט איינע איז דאָ צווישן זיי אזעלכע...

— אָט דאָס הייסט ווייבער אין הויזן, — שלאָגט יונה סעווערייוק איבער דאָס שווייגן.

— אָט דאָס הייסט די אמתע פ ר יי ה יי ט, — זייעט דורך מיט א קרום חוזק־שמייכעלע יאנקל האָרן, וואָס דאָס גאנצע שטעטל האָט אים אין מויל, אז ער שפּילט „די אמתע“ ליבע מיט זיין יונגער שיינער שוועגעריז.

— און ווער איז דאָס יינגל מיטן מיידעלע? — וויל ער זיך פאררעדן, און קוקט פאָרשנדיק אויף איציקן מיט אסתרקען.

— דאָס איז פון מיין דאָדיע קאָוואלס זאוואָד, — ענטפערט יונה סעווערייוק. איציק מיט אסתרקען שארן זיך אוועק פונדאנען און וואקסן אויס לעבן אנדערע רעדלעך.

באַלמעלאָכישע יינגלעך און יונגען זענען געשטאַנען ארום רויטארמייער, היימישלעך אזוי, און געפירט מיט זיי שמועסן. די רויטארמייער האָבן גערן און בארעדעוודיק געשילדערט, ווי סע זעט אויס די נייע אָרדענונג, וואָס די סאָ־וויעטן האָבן איינגעשטעלט אין רוסלאנד, און ווי ס'וועט אינגיכן אָנהייבן אויס־צוזעען אויך דאָ!

— „סוואָבאָדאַ!“*

און אָט זענען ווונדער ממש געשטאַנען פאַר די אויגן: אויך אַמאָל איז דאָך אין דער צארישער ארמיי געווען יידישע סאָלדאטן, נאָר זיי פלעגן זיך האלטן פון דער יידישער באפעלקערונג פונדערווייטנס, געהיט זיך פאר די נישט־יידישע סאָלדאטן, גערעדט רוסיש און ווי פאר פייער געציטערט, טאָמער דערזעט אַן עלטסטער. אָבער היינט — מאמעלעך! וויפל יידן ס'זענען דאָ צווישן זיי! און זיי היטן זיך גאָרנישט. אדרבא. זעט א יידישער רויטארמייער, דו דרייסט איבער דעם צונג שווער, ווי א מילשטיין, און קאָנסט נישט איבערמאָלן די הארבע רוסישע ווערטער, גייט ער גלייך ארוים גערן מיט יידיש לשון:

— ביי אונדז, חבר, איז „סוואָבאָדאַ“! דו זיי נישט קיין מירל, און גיב יידיש לשון, אז די כאָליערע זאָל עס נעמען! מיר זענען אלע ראבאָטשי נאראָד, און אלע פעלקער זענען מיר גלייכע מיוחסים — ייד און נישט־ייד ווסיאָ ראַוונאָ!**

— אמת, די אלע יידישע „טאָווארישטשעס“ זענען זיכער נישט פון די געקעכלטע באַלעבאַטישע זינדלעך. פרעגסט איינעם, וואָס ער איז פון פאַך — איז ער אזוי גרוים, ווי א שוסטער; דעם צווייטן — א שניידער, א קירזשנער, א קאָוואל; מיט איין וואָרט — עמך שער־און־אייזן. און דאָס האָט לשון! פעלט אוים א יידיש וואָרט, פארהיקעט מען זיך נישט, העלפט מען זיך ארוים מיט א רוסיש, מיט אַן אוקראַיניש — „ווסיאָ ראַוונאָ“, אַבי דער צונג זאָל האָבן די „סוואָבאָדאַ“, און מע זאָל קאָנען וואָס מער חברים מאַכן „סאָזנאַטעלנע“ ***, וואָרן די רעוואָלוציע, געבן זיי צו פארשטיין, דארף האָבן וואָס מער „סאָזנאטעלנע“ מענטשן. „פאָניאַל?“ ****

— אָט ציען אָפּ די „בעלאָ“־פאָליאַקן מיט די „בעלאָ“־גוואַרדייִער***** — פארוואָס? זיי האָבן שלעכט געווער? זיי זענען הונגעריק? שלעכט מונדירט? גייען באָרוועס? איר האָט מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי אלץ גלאנצט פון זיי אראָפּ; זיי זענען איידעמלעך אויף קעסט ביי דער ענגלישער בורזשואזיע...

— נאָר איר האָט אויך געזען, ווי זיי „אודיראיען“****** — האָזן לויפן נישט שנעלער... פארוואָס? ווייל זיי זענען נישט „סאָזנאטעלנע“ און „וואָיויען“*******

* פרייהייט

** אלץ איינס

*** באוווסטזיניק

**** פארשטאנען

***** בעלאָ — ווייס

****** אנטלויפן

******* קעמפן

ניט פֿאַר זיך, פֿאַרן אייגענעם אַרבעטער־קלאַס, נאָר פֿאַר די פֿרעמדע און אייגענע בורזשויען.

אַרום דעם באַרעדעוודיקן „טאָוואַרישטש" זאַמלען זיך יידן און ניט־יידן, ס'בלייבן אויך שטיין רויטאַרמייער, ווי פֿאַר זיי וואָלט דאָס דערסגלייכן געווען אַ נייעס, און אַז דער רעדנער זעט — ער האָט שוין אַרום אַ היפּשן עולם, כאַפּט ער זיך ערשט אַרויף אויף אַ פֿריזבע, אַ בריקל לעם אַ שטוב, דערוואַרעמט זיך נאָך מער, און ס'קומט פֿאָר אַ בליץ־מיטינג. אייגער האָט אַזוי אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג אויפֿן בריקל פֿונעם גרויסן בית־מדרש, וווּ אַרום זענען געשטאַנען ניט ווייניק יידן מיט די טליתים אונטער די אָרעמס.

— פֿונקען פֿליען אים אַזש פֿון די אויגן! — האָט אים זרח דער שוואַרצער באַוווּנדערט.

— און גליענדיקע קוילן פֿליען אים פֿון מויל! — האָט אים אונטערגעהאַלטן, אַליין אַ צעקאָכטער, עפּעס אַ שוסטער־געזעל.

איציק מיט אסתרקען זענען כּסדר אויסגעוואָקסן לעבן אַנדערע רעדלער. ביי פֿאַרשיידענע רעדלער האָבן די רויטאַרמייער געהאַט פֿאַרשיידענע נעמען: ביי די, וואָס זענען געווען מיט זיי צופֿרידן — די רויטע, די גרויסע, די באָלשעוויקעס; און ביי די, וואָס אומצופֿרידן — די באָרוועסע, די הוילע, די „טאָוואַרישטשעס". די מורא פֿאַר די באָלשעוויקעס האָט זיך דערווייל עפּעס אויסגעוועפּט: אַז זיי טשעפּען ניט קיין פֿליג אויף דער וואַנט!

ביי דאָדיע קאָוואַל אין שטוב האָט יונה סעוועריוק נאָכדערציילט יאַנקל האָרנס אַזאַ חכמה:

— אויף נאָכצולויפֿן דאַרף מען האָבן פֿעסטע שטיוול. דערפֿאַר זענען די באָרוועסע צו אונדז אַזוי שפּעט געקומען און... געלאָזט אונדז בענקען...

— און דאָס, וואָס יענע זענען צוליב זייערע שטאַרקע שטיוול אַזוי גיך אַנטלאָפֿן, דאָס טוט אים נעבעך קרענקען, — האָט יונה סעוועריוק צוגעגעבן פֿון זיך — איי, האָט ער מורא, יאַנקל האָרן, פֿאַר זיין בוידעם פֿעל... זי קאָן טאַקע צונויף קומען אויף שטיוול...

אַזוי האָט זיך איבערגעחזרט מאָרגן און איבערמאָרגן.

— זיי זענען אויך דאָ אין פּריצים הויף, — האָט איציק איינגערוימט אסתרקען אין אויער — קום.

זענען זיי אַהין אַוועק. אָן מורא, פֿריי האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט צווישן די רויטאַרמייער, זיך צוגעקוקט און צוגעהערט. און אַז קיינער האָט זיי ניט געשטערט, האָבן זיי זיך צובאַקומען אויך צום פּאַלאַץ, צו זיין פֿראָנט, צום גאַניק, וואָס איז אַרום און אַרום באַוואָקסן מיט גרינע גירליאַנדעס.

די טיר פֿון גאַניק איז געווען אָפֿן אין גרויסן זאַל אַריין. רויטאַרמייער זענען אַהין אַריין־ און אַרויסגעגאַנגען און האָבן זיי גאָרניט באַמערקט. זענען זיי אויך

ארײנגעגאַנגען. און װאָס זײ האָבן דערזען! אױף צװײ לאַנגע טישן, בײ װעלכע ס'זענען געשטאַנען, װי װעכטער, צװײ רױטאַרמײער — צו אײנעם בײ יעדן — זענען געלעגן פּאַנאַנדערגעשפּרײט ביכער, בראָשורן און זשורנאַלן. רױטאַרמײ־ער זענען צוגעקומען, אױסגעקליבן װאָס, און דער רױטאַרמײער בײם טיש האָט עפּעס אַרײנגעשריבן אין אַ העפט.

— דאָס איז בײ זײ אַ ביבליאָטעק, װײזט אױס, — האָט איציק שטיל, מיט שטאַרקן חידוש אין דער שטים דערקלערט אסתרקען — און די־אָ זאָלן עס זײן די ביבליאָטעקאַרס... זײ גײען אין מלחמה אַרײן — און לײענען ביכער!

אין דעם מאָמענט האָט איציק דערזען בײ אײנעם פֿון די גרױסע פֿענצטער דעם לערער בעקערמאַן מיט זײן חבר שמעון אַדלער. דעם לערערס קאָפּ איז געװען צוגעבױגן צו עפּעס אַ געדרוקט בײגעלע פּאַפּיר, און ער האָט עס, װי זײ פֿלעגן עס רופֿן אין דער עסטרײכישער שול, „געאַקערט מיט דער נאָז". איציק איז גלײך געװאָרן משעקאַװע. ער האָט אַ ריר געטאָן אסתרקעס האַנט, געגעבן איר צו פֿאַרשטײן מיט אַ בליק, זי זאָל אױף אים װאַרטן אינדרױסן, און איז שטיל צוגעגאַנגען הינטערן לערער.

דער לערער שושקעט, פֿאַרטײטשט אַפּנים, װאָס ער לײענט אַרױס פֿונעם פּאַפּירל, און זײן חבר האַלט משעקאַװע צוגענײגט דעם אױער צו זײן קאָפּ. נישט אַלץ הערט ער, איציק, בלױז שטיקלעך:

— ...חברים! פֿאַרװאָס פֿאַלט איר אָן אױף אונדז אײער מיליטער, װאָס פֿאַר אַ שלעכטס האָבן אײך געטאָן די רוסישע און אוקראַיִנישע אַרבעטער און פּױערים...

— ...צי האָבן אײך אַמאָל געטאָן אַ קריװדע די רוסישע אַרבעטער און פּױערים...

— ...פֿאַרװאָס טרעט איר אַרױס קעגן אונדז? צוליב װאָס פֿאַרגיסט איר אײער און אונדזער בלוט?...

— ...צי קאָנט איר נישט טאָן דאָס אײגענע, װאָס ס'האָבן געטאָן די רוסי־שע און אוקראַיִנישע אַרבעטער — צוגעמען בײ די פּריצים די ערד, װאָס איר... האָבן צענטליקער יאָרן פֿרוכטבאַר געמאַכט מיט בלוט און שװײס?...

— ...אַ טױט די פּױלישע פּריצים!... זאָל לעבן דאָס ברידערלעכקײט פֿון די פֿעלקער פֿון דער גאַנצער װעלט!

דאָ האָט דער לערער זיך געטאָן אַ גלײך אױס און אַראָפּגעלאָזט די האַנט מיטן פּאַפּירל. די האַנט האָט אָנגעטראָפֿן אױף איציקן.

— זע נאָר! — האָט זיך דער לערער פֿאַרװוּנדערט, זשמורענדיק אױף אים די אױגן דורך די גלעזער — װאָס טוסטו עפּעס דאָ, פּריסיק?... האָסט זיך צו־געהערכט, אַ?... סע װעט זײן פֿון דיר אַ פּאָליטיקער.. בי־בי־בי... נאַ דיר עס אַ מתּנה.

ער האָט אים אויסגעשטרעקט דאָס פּאַפּירל, און איציק האָט עס אין פאַרלעגנהייט, ווי נישט גערן גענומען, אַ פאַררויטלטער געקוקט דערין און נישט געוווּסט, וואָס דערמיט צו טאָן.

זיי האָבן אים געלאָזט אַזוי שטיין; איז גלייך אונטערגעלאָפן אסתרקע:

— וואָס האָט דיר דער לערער געגעבן אַזוינס?

— איך ווייס? — האָט איציק צונויפגעלייגט דאָס פּאַפּירל. — כ'על עס געבן עמעצן איבערצולייענען.

דערווייל האָט זיי איינער פון די ביבליאָטעקאַרס דערהערט, זיך צעשמייכלט און עפּעס אַ זאָג געטאָן צו זיי אויף רוסיש. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, נאָר זיך אָנגעשטויסן, אַז ער פרעגט זיי, צי ווילן זיי נישט נעמען עפּעס צו לייענען. זיי האָבן זיך פאַרשעמט און שנעל אַרויסגעגאַנגען.

— זיי לייענען אין דער מלחמה ביכער! — האָט איציק אַלץ זיך געוווּנדערט.

אין דער היים האָבן זיי דעם אָוונט געהערט אַ חכמה טאַקע וועגן דער ביבליאָטעק פון די „טאָוואַרישטשעס“. די חכמה האָט דער טאַטע מיטגעבראַכט פון בית־מדרש:

— די „טאָוואַרישטשעס“ האַלטן אין איין לייענען און שטודירן ווי אויסצוגלייכן אָרעם און רייך...

און אַז דאָדיע איז אויף אַ רגע אַרויסגעגאַנגען, האָט זיך מינציע געוווּנדערט:

— און מע הערט גאָרנישט, זיי זאָלן האָבן ביי וועמען עפּעס צוגענומען!

— אַבי מע זאָגט, — האָט זיך אַריינגעמישט אין שמועס זייער שכנה פּעסיע חווה — אַז ביי זיי איז נישטאָ קיין מיינס און קיין דיינס — פאַרקערט...

די באַלמעלאָכעס אין שטעטל האָבן בפירוש אָנגעהויבן צו רעדן מיט שטאָלץ וועגן זייערע צען פינגער, וואָס אַרבעטן אויף צו פאַרדינען ערלעך דאָס שטיקל ברויט. זיי האָבן אויפגעהויבן די קעפּ. און אַז דער באַלמעלאָכישער גראַד הייבט אויף דעם קאָפּ, לאָזט אים דער באַלעבאַטישער אַראָפּ.

וואָס דאָדיע קאָוואַל קלערט זיך, איז נישט געווען קלאָר. ער האָט עפּעס נישט דערזאָגט. מ'האָט געזען, אַז ער איז אין אַ קלאָפּאָט צוליב דעם נייעם, וואָס וועט דאָ אין שטעטל איינגעפירט ווערן. דאָס מיליטער וועט דאָך מסתם היינט־מאָרגן אַוועקגיין, און מ'וועט אָנקומען די ציווילע באָלשעוויסטישע מאַכט — ווי וועט עס דעמלט אויסזען?

דינסטיק פאַרנאַכט האָט מען שוין טאַקע געוווּסט אין שטעטל, אַז דאָס מיליטער גייט אַוועק. סע גייט אויף וואַרשע!

איציק מיט אסתרקען האָבן זיך אַרויסגעשלייכט פון שטוב און אַוועק צום פּלאַץ פון רבינס הויף. פון די לעפּעכע־זומפּן האָט זיך זיי אַנטקעגנגעטראָגן דאָס

געזאַנג פון די זשאַבעס, געמישט מיטן פייכטן ריח פון זומפּיקער ערד. אויפן פּלאַץ האָבן געפּלאַקערט עטלעכע שייטערס פון טרוקענע צווייגן, און אַרום זיי זענען געזיצן רויטלעך באַלויכטענע „טאָוואַרישטשעס": ווער ס'האָט אויפגע־קאָכט אַ קעסעלע „קיפּיאַטאָק"* און געטרונקען דערין אַ שטיקל ברויט, און ווער ס'האָט געבראָטן עטלעכע קאַרטאָפליעס אין הייסן זשאַר ביים שייטער־ברעג; זיי האָבן זיך איינאַנדער מכבד געווען מיט דער וועטשערע. ס'האָט אויס־געזען, ווי זיי וואָלטן אַלע געווען איין גרויסע משפּחה.

נאָכן אונטערלעגנען די הערצער האָט איינער פאַרצויגן אַ ליד, און באַלד האָבן אַלע אַרום אונטערגעכאַפּט. מ'האָט געזונגען מיט האַרץ, מיט ברען, און די פלאַמען פון די שייטערס, האָט זיך אויסגעוויזן, גייען מיט שיין־כוואַליעס איבער זייערע פּנימער און פאַרשלינגען דעם גלי פון זייערע אויגן. פונעם כאָר האָבן זיך דאָ און דאָרט אַרויסגעטיילט דינערע, שאַרפערע, קלינגעוודיקערע שטימען פון פרויען. אסתרקע האָט זיך אַזוי געגלוסט מיטזינגען! ווען איציק וואָלט דאָ נישט געווען מיט איר, וואָלט זי עס טאַקע געטאָן. און אפשר האָט איציק אויך דאָס אייגענע געפילט און געטראַכט?

אַרום דער שיין פון די שייטערס איז די פינצטערניש פון אָוונט געווען געדיכט, און דאָס שטעטל איז אין איר געווען פאַרזונקען. איציק מיט אסתרקען האָבן פאַרגעסן אין דער היים, פאַרגעסן, אַז מע דאַרף גיין שלאָפן. נאָר ביסלעכוויין האָבן זיך די רויטאַרמייער אָנגעהויבן צו צעגיין. דאָס געזאַנג האָט זיך ווי אויס־געברענט און איינגעלאָשן צוזאַמען מיט די פלאַמען פון די שייטערס, צו וועלכע מ'האָט שוין מער קיין צווייגן נישט צוגעוואָרפן. דער שייטער, לעם וועלכן זיי זענען געשטאַנען, איז געוואָרן אַש, און בלויז דינע גלי־אָדערלעך, גלי־הערעלעך האָבן זיך אין אים געמיניעט. בלויז עטלעכע רויטאַרמייער־פאָרלעך זענען נאָך געזיצן, שטיל געשמועסט צווישן זיך, געשעפּטשעט און געכאַפּט אַ גענעץ.

— „דיעטי, מאָלאָדצי, פּאָראַ ספּאַט",** — האָט זיי אַ פרויען־שטים געוועקט ווי פון כישוף; זיי האָבן די ווערטער פאַרשטאַנען.

אסתרקע איז געקומען צו זיך. זי האָט דערפילט אַ שטאַרקע מידקייט אין די פיס פונעם שטיין די גאַנצע צייט. זי האָט דערזען די קאָנטורן פון די שטעטל־דיקע דעכער. נאָר איציק איז נאָך אַלץ געשטאַנען, די אויגן פאַרבאַהאַלטן אינעם גלימערנדיקן אַש פון שייטער, ווי זיי וואָלטן אים געזשאַריעט.

— קום, איציק, — האָט זי אים אָנגענומען פאַרן עלנבויגן — מע הייסט שוין אַהיימגיין.

---

* זודיק וואסער, בריעכץ

** קינדער, בעריעס, שוין צייט שלאָפן גיין

זיי האָבן זיך אומגעקערט שווייגנדיקע און גערעגטע, באַגלייט פון דעם זשאַ־בע־געזאַנג הינטער די פלייצעס. ס'איז עפּעס אַזוי גוט אויפן האַרצן און אַזוי באַנג. אסתרקע האָט געטראַכט וועגן איציקן, וואָס זי האָט ערשט געפילט לעבן זיך זיין אָטעם. ס'איז איר געשטאַנען פאַרן בליק דער פאַראַכטאָגיקער באַגינען ביי טאַטע־מאַמע אין חדר. זי האָט געהערט ווי איציק האָט געשעפּטשעט מיט פאַריבל צום טאַטן: „חברים, זאָגט ער... ס'א יושר?...“

זי האָט מיט ליבשאַפט גענומען איציקן אונטערן אָרעם, ווי זיך אָנצולענען אויף אים, און אויפגעהויבן די אויגן צו זיין פּנים. איציק האָט געקוקט אין הימל אַריין. איבער לייכטע וואָלקן־כוואַליעכלעך איז געלאָפן דער רויטלעכער סערפּ פון דער לבנה...

קאַפּיטל אַכט און דרייסיק

די נייע מאַכט ווערט אַ תושב

אין אַ וואָך אַרום האָט מען שוין שטאַרק דערפילט — ווען דאָס האָט געשמעקט און ווען ניט — אַז די נייע מאַכט „אָרדענירט“ זיך איין. אין פּריצישן פּאַלאַץ אַרבעט געשמאַק דער רעווקאָם, אָנגעפירט — אָבער הערט נאָר, הערט! — פון סטעפּאַנציע (שוין ניט טשערנאָוויטש, נאָר) פּיוטשוק. מע שמועסט, אַז סע ווערן שוין דאָרט צוגעגרייט די פּלענער פון פּאַנאַנדערטיילן די פּריצישע פעלדער פון אַרום שטעטל און גאַנצן וואָלאָסט, די שייערן, שטאַלן, מאַגאַזינעס און אַלערליי בודינקעס צווישן די אָרעמע פּויערן.

— אַז ס'וועט באַשערט זיין, וועט מיטראָפּאָן ווערן אַ מעשטשאַן און מער ניט גיין צו קיין יידן הייצן די הרובע אום שבת, — האָט זיך געווערטלט אַ באַלעבאַטישער ייד און געלאַכט מיט יאַשטשערקעס — ערלעכע יידן וועלן פרירן אין די ווינטערדיקע שבתים.

דערווייל ווערן די תבואות פון די פּריצישע גיטער אויסגעמעלויצעט און אַוועקגעפירט, צי קיין ראַסיי, צי אויפן פראָנט. אויך אויף די וועלדער, פאַרשטייט זיך, זענען שוין מער די פּריצים קיין פּריצים ניט — זיי גייען איבער צו דער מלוכה.

— ס'אַ סברה, אַז שפּעטער צו, ווען מע וועט זיך האָבן אָפּגעפּאַרטיקט מיט די פּריצים, וועט זיך דער רעווקאָם אַ נעם טאָן אויך צו די רייכע מעשטשאַנעס.

— וואָרן וואָס? — זאָגט עזריאל „מיטן נעבעך פּנימל“, וואָס אַרבעט ביי דאָדיע קאָוואַל פאַר אַ געזעל — זיי זענען דען ניט קיין פּריצים קעגן די אָרעמע פּויערים?

— וואָס עפּעס גראָד צו די מעשטשאַנעס? — האַלט אים אונטער זרח דער רויטער. — און אין די דערפער מיינט איר פעלן אַזעלכע?

— מע וועט קומען צון אייך, מיט אייך זיך מיישב צו זיין, — מאַכט זיי דאָדיע קאָוואַל אַוועק מיט רוגז.

נאָר זרח דער רויטער, וואָס טראַכט ביי זיך אין הארצן, אַז דאָדיע רעדט שוין היינט מיט אַ טאָן גידעריקער, ווייל ער האָט געהאַט המנס מפּלה, רעדט דווקא ווייטער:

— יאָסיפּ טשערנאָוויטש גייט היינט אין קלויסטער אריין נישט מיט אזא חשיבות און נישט מיט אַזעלכע פֿאַמעלעכע טריט. אַקוראַט ווי אונדזער יצחק גאָלד אין בית־מדרש אַריין, להבדיל. דער קאָפּ איז זיי אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, ווייל זיי זענען נישט זיכער מיטן באָדן אונטער די פיס...

זרח דער רויטער לאָזט נישט אַראָפּ זיינע געל־גאָלדענע אויגן פון דאָדיע קאָוואַלס אַראָפּגערוקטן דאַשעק, מיט וואָס ער גיט אים צו פאַרשטיין, אַז ער זאָגט יאָסיפּ, און מיינט אים, דאָדיען: קיין דיגסט האָלט ער שוין נישט, דאָדיע, ער וועט זיך נאָך, מיט די באָלשעוויקעס הילף, אָפּזאָגן אויך פון צו האַלטן גע־זעלן...

דאָדיע קאָוואַל פילט דעם „רויטנס" מחשבות און שלינגט אַראָפּ די ביטערע פּיל.

— און דו, זרח, — טוט אים שאַמע שמש אַ שטאָך פאַר דאָדיעס קריוודע — ביסט היינט אין דער אמתער מעלה. ביסט דאָך עפּעס זרח דער רויטער און אַ קבצן...

זרח דערפילט אַפּנים נישט דעם שטאָך, אָדער ער אַרט אים נישט. צווישן זיינע רויט־ברענענדיקע וואַנצעס און באָרד אַנטבלויזן זיך די ציין מיט אַ קיל געלעכטערל אָן אַ קול, און ער רעדט ווייטער באַרימעריש, ווי ער אַליין וועט צו־לייגן אַ האַנט צו דער זאַך:

— ערשט וועט יאָסיפּ טשערנאָוויטש ווערן פאַרעבאָק ביי זיין סטעפּאַנ־ציען. איך זאָג אייך, אַז דער סטעפּאַנציע פּיוטשוק איז אַ העכסט אָרנטלעכער מענטש. כ'האָב אַגומלטן גערעדט מיט אים. וואָלט ער געווען יאָסיפּס אַן אמתער זון, וואָלט ער אוודאי אַזעלכער נישט געווען.

אויך צווישן די יידן האָט מען אָנגעהויבן ביסלעכווייז דערפילן דאָס וואַכע אויג און די גערעכטע האַנט פונעם רעווקאָם: ס'איז שוין מער נישט הפקר־פּעטרישקע — די פּרייזן אויף שפּייז ווערן באַשטימט דורכן רעווקאָם. די הויט־שינדערס וועלן אָפּגעבן אַ דין־וחשבון! אַ צרה איז בלויז מיט זאַלץ — נישטאָ קיין זאַלץ, מיט ליכט צו זוכן! די קרעמערס קאָנען דאָך נישט מאַכן קיין זאַלץ פון זיך אַליין, און זאַלץ האָט דאָך אַפילו דעם אָרעמאַן, וואָס האָט קיין ברויט נישט געהאַט, קיינמאָל נישט אויסגעפעלט! צו אַ מאכל אָן זאַלץ איז איבעריק דער צונג. אפשר וועט דער רעווקאָם ברענגען זאַלץ פון ערגעץ?

— אַפילו אונדזער דיין מיט זיין פרומען איידעם דעם ליטוואַק וואָלטן זיך היינט נישט אָפּגעזאָגט פון לוטס ווייב... אַזאַ גרודע זאַלץ! — האָט מען אין שטעטל באַכגעזאָגט יונה סעווריוקס חכמה, און מ'האָט געלאַכט „פאַר צרות".

נאָר איינמאָל אין אַ זוניקן, אָלולדיקן פרימאָרגן, ווען אין דער וואַרעמער לופט אַריין האָט אומגעריכט אַ בלאָז געטאָן אַ קיל ווינטל, האָט דאָס שטעטל אַ שוידער געטאָן פון אַ דערוואַרט־אומדערוואַרט נייעס:

— ס׳האָט זיך שוין אָנגעהויבן! ביי יאַנקל האָרן און יצחק גאָלד האָט מען קאָנפיסקירט די פעל פון די ביידעמער!

— איז מה־רעש? זיי וועלן נאָך צוליב דעם נישט דאַרפן גיין איבער די הייזער... זאָרגט זיך נישט, האָבן זיך זאַפּאַסעוועט מיט כל־טוב. זייט רואיק, האָבן נאָך אַפילו זאַלץ אויף אַ האַלב יאָר. און כל־טוב האָט מען ביי זיי נישט צוגענומען.

— אַזוי? ווי־זשע איז דער דין, חכם איינער, אַז יצחק גאָלדן האָט מען צו־גענומען פוגעם כל־טוב?!

— ס׳הייסט?

— דאָס הייסט עס. ער איז דאָך אַ פרומער ייד, אַ קהלס־מענטש, וואָס האָט כל־ימיו ליב געהאַט מתן־בסתר, האָבן זיי אים געמאַכט פאַר אַ „יושב־בסתר“...

— וואָס רעדט איר? יצחק גאָלדן האָט מען גענומען תפוס?

— אַזוי־ווי איר הערט. ער זיצט, יצחק גאָלד. ס׳איז עפּעס נישט קיין שיינע מעשה מיט אַ וואַגאָן זאַלץ. ער, דער גבאי־ראשון פון דער חברה־קדישא, דאַרף מגלה זיין, ווו מ׳האָט קובר געווען דעם געזאַלצענעם בר־מינן...

— מע׳ג ער טאַקע באַגראָבן ווערן לעבעדיקערהייט! מיט דער זאַלץ איז דאָך מעשה־סדום!

— וואַרט, וואַרט. מע שמועסט, אַז מיט אים לאָזט זיך עס נאָכנישט אויס, נאָר ס׳הייבט זיך ערשט אָן. ס׳זענען דאָ נאָך „געזאַלצענע“ יידן. אַז פאַרשטונקען וואָלטן זיי געוואָרן, איידער זיי האָבן די זאַלץ פאַרן אָרעמען מענטשן אויפגע־רוימט, ווי חמץ!

— ערשט ׳על זיך אָנהייבן רעוויזיעס!

— זאָלן זיי ציטערן אום חודש אלול, די פרומע העכט!

— יאָ, די נייע מאַכט ווערט דאָ אַ תושב, — האָט מען דערפון געמאַכט דעם אויספיר — מע דאַרף אָנהייבן אַריינגיין אין דעם נייעם שניט לעבן.

איינמאָל פאַרנאַכט איז איציק געקומען אַהיים מיט אַ שפּאָגל־נייע נייעס:

— היינט בייטאָג האָט מען פאַררופן אין רעווקאָם אַ חברה מענטשן, מע זאָל מאַכן אין שטאָט אַ גרויסע ביבליאָטעק. יידן זענען דאָרט אויך געווען — דער לערער דוד בעקערמאַן...

— ווי דען אַנדערש?! — האָט אים דער טאַטע איבערגעשלאָגן. — אַז אָרעמען שוסטערס אַ זון... זכות־אָבות איז אים בייגעשטאַנען.

— און בערל ברינמאַן, דער גימנאַזיסט, — האָט איציק ווייטער אויסגע־רעכנט, נאָר דער טאַטע האָט אים ווידער איבערגעשלאָגן:

— דאָס איז אויך צו פאַרשטיין. כאָטש זיין טאַטע איז אַ גוט־יידישער גבאי און זיין מאַמע אַ באַלעבאַטישע קרעמערין. נאָר מע שמועסט, אַז דער ברינמאַן, דער מאַלאָקאָסאָס, האָט, אין רוסלאַנד טאַקע, געלערנט אין אַ גימנאַ־זיע. נו, און ער גרימפּלט אויף אַ באַלאַלייקע...

— און אַהרון לעווי, ישראל לעווים יינגל, — האָט איציק פאַרענדיקט און געוואָלט ווייטער דערציילן וועגן דעם געשעעניש, נאָר דער טאַטע האָט אים אַ דריט מאָל פאַרמאַכט דאָס מויל:

— אָט דאָס־אָ, זעט איר, פאַרשטיי איך שוין הווקא נישט, — האָט ער געקוועטשט מיט די פּלייצעס און ארויסגערוקט דעם דאשעק, ווי ער וואָלט וועלן דערזען פאַר זיך די וועלט — זיין טאַטע, ישראל לעווי, איז דאָך אַ ייד אַ גביר?! און וואָס האָבן זיי דערזען אין זיין יינגל? עה איז דאָך נאָך אַ סמאַרקאַטש!...

— אַז זיי טוען, ווייסן זיי, וואָס זיי טוען, — האָט זיך אָנגערופן יונה סע־ווערויק, וועלכער פלעגט זיך יענע צייט אָפט אַריינכאַפּן צו דאַדיען אין שטוב. — המם... זאָל דער זון אַכטונג געבן אויפן אייגענעם טאַטן.. הלמאַי סטעפאַנציע טשערנאָוויטש... פּיוטשוק.

— יאָ, זיי ווערן תושבים, די באַרוועסע און נאַקעטע, — האָט יאַנקל האָרן אָפּגעזיפצט אין „קאָמערטשעסקי" שטיבל, ווו מע דאַרף זיך ווייניקער היטן מיט אַ וואָרט, ווייל מ'איז דאָך צווישן אייגענע מענטשן — וויבאַלד „רבקהן"...*

ליגט שוין טאַקע מער נישט אין זינען, ווי נאָר צו מאַכן „פון אלע גויים איין גוי" — איין ביבליאָטעק פון רוסישע, אוקראַינישע און יידישע ביכער — איז דאָך עס דער בעסטער סימן.

— און וואָס וועט זיין מיט די העברעישע ביכער פון דער „תרבות"־ביב־ליאָטעק? — האָט סענדער שניטקרעמער געפרעגט, און אויף זיין אָקסן פּנים איז נישט קענטיק געווען קיין באַזונדער זאָרג וועגן דעם, ווייל... ער האָט וויב־טיקערע זאָרגן: מע זוכט באַגראָבענע זאַלץ, און מע קאָן געפינען מאַנופאַקטור.

— מיט די העברעישע ביכער? — האָט זיך געגריזשעט מאָטיע גפן. — דאָס אייגענע, וואָס מיטן דיינס גרויסע שאַפעס ספרים... דאָס זענען פּריוואַטע אינסטיטוציעס, וואָס ליגן נישט דעם רעווקאָם אין דער ל י ב ק ע ר פּאה... קיין ר ע כ ט ע האָבן זיי דאָך בכלל נישט... דאָס לאָזן זיי איבער פאַר די מייז.. די אָרעמע מייז דאַרפן אויך לעבן!

---

* געמיינט דעם רעווקאָם

— איי האָט דער לערער בעקערמאַן געהאַט אַ מיאוסע מפּלה! — שמעלצט זיך שאַמע שמשס פּנים, כּדי נושא־חן צו זיין ביי די לייטישע באַלעבאַטים: ישׂראל לעווי, יאַנקל האָרן, סענדער שניטקרעמער און מאָטיע גפּן. — ער איז דאָך אַ גרויסער קענער אין די קליינע רוסישע אותיעלעך מיט דער גראַמאַטיקע, און ס'איז דאָך זיין מלוכה...

— מלך אביון!... — כאַפּט אונטער מאָטיע גפּן מיטן געהעריקן ניגון. — נו, גוט, דערציילט ווייטער, שאַמע.

— האָט ער „געבעטן אַ וואָרט", בעקערמאַן. נישט אַנדערש, ער מוז באַווייזן, וואָס ער קאָן! האָט אים דער פּאָרזיצער, רב סטעפּאַנציע פּיוטשוק־טשערנאָוויטש (זיין צווייטער טאַטערו זאָל פּאַר אים די כּפּרה ווערן!) „געגעבן אַ וואָרט". נו, זאָלט איר שוין מער נישט פרעגן — האָט ער טאַקע מער ווי איין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

— וואָס איז? ער איז געפאַלן אין חלשות? — מאַכט זיך ישׂראל לעווי לאַכנדיק.

— אָט הערט אומיסטן. ער האָט זיך געטאָן אַ שטעל אויף, ווי צום שפּרינגען דריי מאָל קדוש, פאַרריכט די פּענסנע אויפן פאַרשוויצטן נעזל, באַטראַכט אַלע, וואָס זיצן אַרום, מיט זיינע בלינדע אויגן, ווי אַ קעמל, אַ שמייכעלע געטאָן מיט שטאָלץ און פאַרגעניגן פון דער רוסישער רעדע, וואָס ער 'עט דאָ באַלד אויסלייגן בפּני כּל־עם־ועדה, ווי אַ קאַצאַפּ, און אַרויסגעזעצט: „גאָספּאָדאַ"!...

די לייטישע באַלעבאַטים אַרום זייער שמש האָבן זיך איבערגעקוקט און צעשמייכלט.

— דאָרט, — זאָגט שאַמע שמש יום־טובדיק, נאָר ווי אַ ביסל געקריוודעט — האָט דער גאַנצער טיש אַרום אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, און סטעפּאַנציע אַליין האָט אים מיט שפּאָט גלייך אָפּגעשניטן: — „אָ נאָס טעפּיער ניעט גאָספּאָד"! * בעקערמאַן האָט, במחילה, גלייך די הויזן פאַרלוירן און זיך געטאָן צוריק אַ זעץ אַנידער, דאָס פּנים צוויק־רויט, ווי ביי אַן אָפּגעקאָכטן ראַק.

— אָט אַ געלערנטער דוראַק! — האָט איראָניש געצוקט יאַנקל האָרנס נאָז.

— נו, דערציילט ווייטער, שאַמע.

— די אַראָפּגעלאָזטע פּענסנע האָבן זיך אים געבאָמבלט אויפן שוואַרצן שנירעלע פון אויער אַראָפּ. ער האָט אָנגעהויבן רחמנותדיק צו שטאַמלען מיט אַ קול, רחמנא־ליצלן, ווי אָט־אָט צעוויינט ער זיך. און אַזוי איז ער געבליבן זיצן מיט בושת־פּנים, ווי אַן אָרעמאַן, וואָס האָט זיך אַריינגעגנבעט הינטערן טיש צווישן די מחותּנים, אויף אַ פרעמדער חתונה, בעת מע פּאַקט אים. ס'האָט שוין גאָרנישט געהאָלפן, וואָס סטעפּאַנציע פּיוטשוק האָט אים געמינטערט,

---

* ביי אונדז זענען היינט נישטאָ קיין הערן

ער זאָל ווייטער רעדן: — „אַז אַ מענטש מאַכט אַ טעות, דאַרף ער אים פֿאַר־ריכטן און גיין ווייטער“. דער דאָזיקער סטעפּאַנציע האָט אויף זיך, אָטאָפּנים, א בעסערן קאָפּ פֿון אים, ס'אָל אים צו קיין חרפּה נישט זיין, דעם לערער. און יושר א ביסל האָט ער אויך, סטעפּאַנציע, וואָס אמת איז — דווקא אים, בעקער־מאַנען, האָט מען אויסגעקליבן פֿאַרן ביבליאָטעקאַר פֿון דער נייער ביבליאָ־טעק.

— נו, — האָט יאַנקל האַרן איראָניזירט — האָבן זיי שוין באַזאָרגט איין שוסטער מיט אַ מלוכהשן פּאָסטן, מיט אַן איידעלער פּרנסה.

— און פֿונוואַנען ווייסטו דאָס אַלץ אַזוי גוט, שאַמע — האָט אים ישראל לעווי אַ פֿרעג געטאָן. — דו דערציילסט דאָך אַזוי, ווי דו וואָלסט דאָרט געשטאַ־נען ביים טיש צוקאָפּנס?

שאַמע שמש האָט זיך א רגע דערפֿילט, עפּעס ווי מע גלייבט אים נישט, און ער מוז עס אומבאַדינגט באַווייזן:

— כ'האָב עס געהערט פֿריער אַ ביסל פֿראַוועזן אַזוי טאַקע פֿון אייער אַהרו־נען... איך האָב עס בלויז א ביסל צוגעפּראַוועט... אייער אהרון איז דאָך אויך געווען אַהין פֿאַרבעטן — איר ווייסט גאָרנישט וועגן דעם?

איבער ישראל לעווים פּנים איז אריבער א רויטלעכער אָפּשיין פֿון כעס אונטער דער הויט, ער האָט ווי אַ זוד געטאָן זיין אַהרונען איבערן שטיבל און זיך אוועקגעדרייט. שאַמע שמשס פּנים האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעלאָשן און ווי פֿאַרגליווערט געוואָרן — פּוגע בכבוד געווען ישראל לעווים האָנער... ווען ער זאָל זיכער זיין, אַז די נייע מאַכט וועט שוין פֿאַרבלייבן?...

קאפיטל ניין און דרייסיק

פאר וועמען פרייד, פאר וועמען לייד

אין שטעטל האָט זיך די גאנצע צייט געפילט, ווי מע וואָלט איבערגעלעבט א גרויסן און זייער וויכטיקן ע ר ב: פאר וועמען — אן ערב־יום־הדין פון י ע־נ ע ר וועלט, פאר וועמען — אן ערב־יום־טוב פון עפעס א נייער וועלט, וואָס גייט געבוירן ווערן. ווער עס האָט זיך געטראכט און געשושקעט צווישן אייגענע, אז די באָלשעוויקעס גייען איבערדרייען די גאנצע וועלט מיטן קאָפּ אראָפּ: „די באָדגאס זאָל פארנעמען דעם אויבנאָן אין שטעטל, און יויזעפּ באַגרעבער די שפּיגל־וואנט אין בית־מדרש", און ווער עס האָט געזעדט אפילו אויף א קול, אז פ ר י ע ר איז די וועלט געשטאנען מיטן קאָפּ אראָפּ, און די באָלשעוויקעס גייען זי שטעלן אויף די פיס: „קיין איין אָרנטלעכן מענטשן האָבן זיי באַכנישט איינגעזעצט". זאָל זיך נאָר ענדיקן די מלחמה!... ווער סע וועט ארבעטן, דער 'עט האָבן וואָס אין מויל אריינצולייגן, און ליידיקגייערס, וואָס ווילן לעבן און לאכן פון פרעמד בלוט־און־שוויים — זאָלן זיי טאַקע אָנהייבן די ציין צו זשאווערן!

ווי נאָר אומגעריכט האָט זיך אין איין ליכטיקן פרימאָרגן צעפּראָלט איבערן שטעטל די ידיעה:

— דער רעוואָם איז אוועק! נישטאָ מער סטעפאנציע פּיוטשוק־טשערנאָ־וויטש!

— דער אלטער יאָסיפ טשערנאָוויטש וועט זאָגן נאָך אים א רבנן־קדיש אין קלויסטער און מאכן דעם אמתן טרונק אין שטוב: אראָפּ דער געוויטער פון זיינע פעלדער.

— נישט נאָר דער שווארצמאהניק איז געהאָלפן געוואָרן, — האָט באַ־דויערט יונה סעווערויוק — ס'איז אויך געהאָלפן געוואָרן א יידישער שטיק כלי־קודש. יצחק גאָלד איז דערוויַל ארוים א גאנצער פון תפיסה... מ'עט דאַרף אים נישט איינזאלצן, אז מ'האָט זיין זאַליץ נישט געפונען... און שבת וועט ער עולה־תורה זיין, בענטשן גומל און זאָגן „ברוך־שפטרני"...

— נישט מער, יאָסיפּ טשערנאָוויטש וועט בלייבן ביי די פעלדער, און ער, יצחק גאָלד, וועט ערשט מעגן מיט זיין וואַגאָן זאַלץ איינזאַלצן די פיש אין דער טוריע, — האָט זיך זרח דער רויטער כאָטש דערמיט געקילט דאָס הארץ — ס'פעלט נישט, ברוך השם, קיין זאַלץ אין פוילן.

דעם ערשטן־צווייטן טאָג האָבן פרומע יידן אָפּגעאָטעמט מיט פאַרלייכ־טערונג:

דאָס יידישקייט איז געראַטעוועט!

באַלעבאַטים האָבן זיך געפרייט:

יידיש געלט, האָב און גוטס וועט מער נישט זיין הפקר.

אָרעמע מענטשן, באַלמעלאָכעס האָבן אין גרעסטן טייל געהאַט דאָס געפיל:

א ליכטיקע האָפענונג איז זיי אויסגערונען, — און זיי האָבן פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, געשוויגן און געהאַלטן זיך אין שאָטן.

דערנאָך אָבער זענען אַוועק פאַר אַלע טעג פון נישט פרייליכער דערוואַר־טונג אויף דער אַלט־נייער מאַכט. מ'האָט דערוואַרט מיט האַרצקלאַפּעניש און אימה: אויב דאָס פוילישע מיליטער קומט נישט צוריק מיט י ע ג ע?...

ס'האָבן אָנגעהויבן אָנקומען איוב־בשורות:

— אין קאַמען־קאָשירסק האָבן די באַלאַכאָוועצעס אויסגעהרגעט זעכציק יידישע נפשות... דער אויסרייד: די יידישע יוגנט האָט זיי נאָכגעשאָסן, בעת זייער אָפּטרעטן.

— אין דער סביבה פון ראַטנע און אין ראַטנע אַליין האָבן זיי צווישן ראש־השנה־יום־כיפור אויסגעשאָכטן צענדליקער יידישע נפשות, דערפאַר וואָס איי־נער א יידישער בחור איז אַנטלאָפן מיטן רעוואָקאָם — דער בעסטער סימן, אַז אַלע יידן זענען באָלשעוויקעס... „בעי זשידאָוו, ספּאַסאַי ראָסיו!"*

— אַז נעכיי וואָלט יונהציע סעווערויק געוווען אויסגערונגען ביי זיין מאַמען אין בויך! — האָט יצחק גאָלדס ווייב געשאָלטן אים. — זיין בלינדע מאַמע איז אַ גאַנץ ערלעכע יידענע, פאַרוואָס קומט איר אַזאַ זון צו האָבן?

— אַז די האַנט האָט אים געדאַרפט איינדאַרן, איידער ער האָט זי אויפ־געהויבן דעמלט מיטן דרענגל איבער יענעם! — האָט יצחק גאָלד אַליין אונ־טערגעהאַלטן זיין ווייב.

— וואָס וויל מען נעבעך פון אים? ביי א באַלעגאָלע איז דאָך דאָס פערד דער שפּייזער פון זיינע ווייב און קינדער, — האָט פעסיע חווה די דאָרפסגייערין זיך אָנגענומען פאַר אים.

זי איז גראָד געקומען צו יצחק גאָלד אין שטוב אַריין בעטן אַ ביסל געלט פאָרויס אויף איינצוקויפן עפּעס אין דאָרף פאַר זיינעטוועגן, ווייל... וואָס זאָל זי טאָן? מע מוז דאָך גיין עפּעס פאַרדינען פאַר די יתומימס וועגן.

---

* שלאָג די זשידעס, ראַטעווע רוסלאַנד!

— און אז דאָס פערד איז דער שפּיזער, — האָט זיך יצחק גאָלד געבייזערט אויף איר, בעת ער האָט איר אָפּגעציילט א ביסל געלט, זי זאָל גיין אויפן דאָרף, חו די וועגן זענען איצט אין א גרעסערער סכנה איידער אין שטעטל — שטעלט מען דערפּאַר איין דאָס לעבן פון א גאַנצער קהילה־קדושה?!... געדענק־זשע, פּעסיע חווה, אַז פּרייזן דאַרף מען ערשט צאָלן נישט קיין געזאַלצענע... געלט ווערט ווידער געלט... ס'איז שוין נישט ביי די באָלשעוויקעס... און זאָג מיין פּלוניתטע, זי זאָל דיר מיטגעבן א זעקעלע זאַלץ... דאָס איז דערווייל מיט גאָלד גלייך... איך פאַרלאָז זיך אויף דיין שכל און דיין ערלעכקייט...

— איידער דאָס שטעטל זאָל זיין א קרבן פאַר יונהציע סעווערוק, זאָל ער שוין בעסער אָנלייגן מיטן קאָפּ פאַרן שטעטל, — האָט ער זיך א ווענד געטאָן צו זיין שותף אין פעל־מסחר, יאַנקל האָרן, וואָס איז דערויף אָנגעקומען — אויב די מאכט וועט פרעגן, ווער אין שטעטל... הממ... דאַרף מען וויסן וואָס צו זאָגן... אזוי ס'אָל זיין על־פּי־דין און על־פּי־יושר...

נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס לעבט אייביק! — נישט אומזיסט שטייט דאָך אין פּריסק דעם מגידס אוהל — אויך דאָס מאָל איז דאָס שטעטל אָפּגעקומען מיט הוילער שרעק. די באַלאכאָווצעס האָבן עס אויסגעמיטן. די איינציקע פּוילישע מיליטערישע אָפּטיילונג, וואָס האָט דאָ געווײלט בסך־הכל איין מעת־לעת, האָט קיין צרות נישט אָנגעטאָן. און באַלד איז געקומען די ציווילע מאכט.

אויפן דריטן טאָג האָט מען פונעם פּאָליציי־פּאָסטערונעק געשיקט רופן דעם לערער דוד בעקערמאַן, אויסצופאָרשן אים וועגן דער ביבליאָטעק, וואָס די באָל־שעוויקעס האָבן געזאָלט מאכן, אין וועלכער ער, בעקערמאַן, האָט געזאָלט זיין דער ביבליאָטעקאַר; זיי האָבן וועגן דעם געפונען א שווארצשריפט פון א פּראָ־טאָקאָל.

— פאַרוואָס גראָד אים? און נישט ישראל לעווים זינדל מיט זיין חבר בערל בריגמאַן? זיי זענען דאָך אויך געווען דעמאָלט אויף דער זיצונג וועגן דער ביבליאָטעק?

— הערסטו! דערויף איז דאָך ישראל לעווי אַ גביר. קומענדיקן אָנהייב זומער טרעט ער צו אויפצושטעלן אַ פּאַראָווע מיל. איז ווי קומט צו אים אַ זינדל אַ באָלשעוויק? דער קאָמענדאַנט אַליין האָט זיך צו אים מטריח געווען געכטן מיט א וויזיט. מ'האָט, פאַרשטייט איר מיך, אויסגעטרונקען און פאַרביסן און...

— און מע פאַרשטייט שוין, אַלץ איז אין „אָרדענונג“.

— נו, האָט שוין אין זיין זכות געמוזט געניסן אויך דער קבצן בערל בריג־מאַן. ער איז אהרון לעווינס א חבר, וואָלט דאָך נישט געטויגט דאָס עסק. האָט מען שוין פאַראייניגט אויך אים אָפּגעכשרט.

— נאָך א פולן וואָגן איז גוט נאָכצוגיין צופוס, — זאָגט יונה סעווערויק, פון זיין באַלעגאָלישער פּראַקטיק.

— לעם א פעטן טאָפּ ווערדרט מען פעט, — האָט עס רייזיע די סאַרווע־רין געגעבן צו פאַרשטיין אויף איר שטייגער אין שטוב, ווען דער איידעם, שאמע שמש, האָט געבראַכט די נייעס אין שטוב אריין.

דעם לערער דוד בעקערמאַן האָט מען פאַרהאַלטן אין דער פּאָליציי אפשר א פּאָר שעה. הינטער די פענצטער פונעם פּאָסטערונעק איז געשטאַנען זיין ווייב מיטן קינד און געוויינט. זיין מאַמע, צפורה די ליטוואַטשקע, האָט זיך געריסן פאַרן קאָפּטיכל, זיך געצוויקלט די באַקן און געשניטן די לופט מיט איר יאָמער. נאָר לסוף, שוין אין טונקלקייט פון אָוונט, האָט מען אים אָפּגעלאָזט.

דאָס שטעטל האָט פריי אָפּגעאָטעמט און זיך געלייגט רואיק שלאָפן:

— דאַנקען גאָט, אויך ער איז אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק.

נאָר אזוי ווי דער לערער דוד בעקערמאַן האָט זיך דערנאָך נישט ארויסגעוויזן אין גאַס עטלעכע טעג און איז שבת נישט געקומען אין בית־מדרש אריין, האָט מען צווישן באַלמעלאָכעס געשמועסט, אז ער איז נעבעך אָפּגעקומען ווי א כפּרה פאַרן גאַנצן שטעטל:

— מ׳האָט אים דאָרט אויפן פּאָסטערונעק אָן א משפט און אָן אן אורטייל, אזוי אויף א היימישן באַלעבאַטישן שטייגער, אריינגעפּיצקעט „דוואַדזיעסטשא פּיענטש״* — מלקות פאַר זיין „באָלשעוויקיזם״.

אין דער זעלבער צייט האָט מען זיך אין „קאָמערטשעסקי״־שטיבל ווידער געווערטלט:

— פאַרוואָס טאַקע איז דאָס אים געקומען במחילה? — האָט געשמייכלט יצחק גאָלד. — ער האָט דאָך דווקא געזאָגט „גאָספּאָדאַ״?

— זאָל ער קיין קבצן נישט זיין! — האָט כּימרע־ציניש אונטערגעשמייכלט יאַנקל האָרן.

---

* פינף און צוואַנציק שמיץ

קאַפּיטל פערציק

אַ נייער דור

נאָכן אוועקגיין פון די „באָרוועסע, באָרוועס ווי זיי זענען געקומען“, וואָס כאָטש זיי זענען דאָ געווען סך־הכל עטלעכע וואָכן, האָבן זיי אין דער באָדגאַס נישט ביי איינעם „איבערגעדרייט א שרייפל אין די געהירן“, און נאָכן איינסטאַליעווען זיך פון דער פוילישער מאכט, וואָס „בלייבט דאָ שוין אויף שטענדיק“, — האָט זיך אין שטעטל אין פלוג איינגעשטעלט דער פארמלחמהדיקער לעבנסשטייגער. אַזוי האָט זיך עס אויסגעוויזן אין די ערשטע חדשים, אין ברען פון צוריקאויפבוי און ווידער איינשטעלן א נאָרמאַלן לעבנסגאנג: וועלט ווערט צוריק וועלט!

ווען אָבער חדשים האָבן זיך באהעפט, און ס׳איז געבוירן געוואָרן א יאָר, צוויי, איז וואָס ווייטער אַלץ באַשיימפערלעכער געוואָרן: וואָס פאַרלאָפן — האָט אַהיים שוין צוריק נישט געטראָפן!

וואָס שייך דעם „תוך פון מענטשנס לעבן“ קומט פאָר אַ כסדרדיקע ענדערונג צום ערגערן. מ׳האָט עס שוין געפילט נאָך דער מלחמה מיט יאפּאָניע און דער רעוואָלוציע, אז דאָס יידישקייט גייט אַלץ בארג־אראָפּ. נאָר די וועלט־מלחמה האָט עס אזא צעטרעסל געטאָן, אז סע קאָן גאָר צוריק צו זיך נישט קומען. דאָס אַלטע פרומע יידישקייט קאָן זיך אויפסניי נישט איינפונדעווען אויף זיינע יסודות, און סע קומט אויף עפּעס א ניי מין יידישקייט, רחמנא־ליצלן, וואָס דער יונגער דור רופט עס אָן וועלטלעכע יידישקייט.

— די וועלט־מלחמה האָט באוויזן סארא פּנים, משטיינסגעזאָגט, ס׳האָט די וועלט אינגאנצן — איז קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן סארא פּרצוף ס׳קאָן האָבן וועלטלעך יידישקייט בק׳ק טראסקעוויטש! — האָט מען נאָכגעזאָגט נחמן בערן, דעם דיינס פאַרשטאָרבענעם ברודער, דעם לעצטן בית־מדרש־בחור, וואָס איז דווקא געווען אויך אַ גרויסער קענער אין וועלט־זאַכן: האָט דאָך פאַרן דייטש בֵיטעם געשריבן אויף זייער לשון!

און נאָך א ווערטל האָט מען ווען איז נאָכדערציילט:

— גרעסערע בריות וואָלטן זיי געווען, ווען זיי וואָלטן געקאָנט שאפן — נישט קיין וועלטלעכע יידישקייט, נאָר קאפויער, א יידישע וועלטלעכקייט... דעמלט וואָלטן אָפּגעווישט געוואָרן מלחמות פון זכרון פון דער וועלט.

— אויף אזא נחמן בערן דארף מען זאָגן — זכרונו לברכה! אזעלכע שיינד-לעך וועלן מער ביי אונדז נישט זיין.

די געציילטע בית-מדרש-בחורים, וואָס האָבן אָנהייב מלחמה-צייט קוים אויפ-געהאַלטן דאָס צאַנקענדיקע תורה-ליכט איבער א גמרא אָדער א ספר, גאַנץ זעלטן מיט א מונטערן, צום אָפּטסטן מיט א טרויעריקן ניגון, זענען — ווער אין דער פרעמד אַוועק, ווער ס'האָט חתונה געהאַט, און ווער געשטאָרבן. קיין יורשים אויף זייערע בענק, שטענדערס און גמרות האָבן זיי נישט איבערגעלאָזן. דער אונטערוואקסנדיקער דור איז שוין דערצויגן געוואָרן אין דער מלחמה-שול פון שמוגל און הפקרות. אויף די ספרים אין די בית-מדרש-שאפעס וואקסט גרויער שטויב און גרינער שימל, און זייער פייכטקייט שמעקט אין דער לופט מיט בית-עלמין. חוץ דער צייט פון דאווענען שטייט דער בית-מדרש און דאָס „קאָמער-משעסקי"-שטיבל אויסגעליידיקט און קאַלט, ווי אויוונס פון אָפּגעברענטע הייזער.

טייל פון דער יוגנט, דווקא דער באַלעבאטישער, יינגלעך און בחורים, האָבן זיך נישט געלאָזט צוריק איינשפאנען אפילו אין די רצועות און תפילין. שבת בלויז גייט מען נאָך פון יוצא וועגן אין בית-מדרש אריין, און „מע דאוונט אויף אויסנווייניק", מע פארוואנדלט גאָטס הויז אין... א קלוב, ווי עס דריקן זיך אוים די יונגע, אין... א יאריד, ווי עס זאָגן די אַלטע.

שאַמע שמשס הערשערישער קלאַפּ אין שולחן אויף דער בימה: „נו-אָ, שמונה עשרה!" ווארפט שוין היינט אויף א שטיפעריש יינגל קיין פּחד נישט אָן — הייננטיקע צייטן ווייס ער שוין, שאמע שמש, נישט דרייען פארן אויער פאַר אזעלכע זאכן! אדרבא, לאָז ער נאָר פרווון! און ביסלעכווייז ווערט טאקע זיין קלאפ אָפּגעשוואכטער, אָן גלויבן אינעם אייגענעם כוח. אָט קלאַפּט ער. אויך בלויז פון יוצא וועגן. ער האָט שלום געמאכט דערמיט: בעת די מלחמה-יאָרן, ווען ער איז געווען „אינדרויסן", האָט ער זיך צוגעזען, ווי מע זעט אוים מיט יידישקייט אויף דער וועלט.

באַלעבאטישע יינגלעך — זיי האָבן געמאכט דעם אָנהייב — גייען אינמיטן העלן טאָג איבערן שאָסיי „בריש-גליה בגילוי-ראש" * (עפּעס א מין היץ-קרענק איז זיי אריין אין די קעפּ!).

---

* עפנטלעך מיט אָפּגעדעקטע קעפּ

— פאַרוואָס האָט זיך טאַקע דאָס צעלאָזנקייט אָנגעהויבן פריער פון די באַלעבאַטישע הייזער? — שמועסט מען ביי דאָדיע קאָוואַל אין שטוב, שבת צו דער סעודה.

— א הויז הייבט אָן צו ברענען פונעם דאַך, — זאָגט מינציע שטיל און וויל פאַרענדיקן מיט א גראַם, נאָר דאָדיע שלאָגט איר איבער מיט אן ענטפער אויף זיין שטייגער:

— דער העכט שטינקט פון קאָפּ...

ביז טיף אין דער נאַכט פירן זיך בחורים מיט מיידן אַרום אונטער די הענט געאָרעמט. און דאָס טוען זיי שוין אַ חסד — מע' דרייט זיך נישט הין און צוריק אויפן שאָסיי אין שטעטל גופא, ווי שקצים מיט שיקסעס אום זונטיק פאַרן קלויסטער, נאָר הינטערן שטעטל אויפן לודמירער וועג ביז דער פערשטאָט, אָדער אויפן וועג צו דער גמינע.

— אַ וואַזשנע חסד טוען זיי! איר מיינט, מע גייט בלויז? מע ליגט אויך... מ'עט זיך דאָך נישט לייגן אין מיטן שטעטל אין ראָוו, ווו קיין ביימער פאַרשטעלן נישט. הינטערן שטעטל איז עפּעס אַנדערש. פאַר אַ נויט כאַפּט מען זיך אַריין אין שרה ליבעס סאָד. זי וועט זיך נישט מטריח זיין פון קבר, זיי אַרויסצוטרייבן. און מע סודעט זיך, און מע שושקעט זיך, און מע שאָשקעט זיך, און מע שמאָטשקעט זיך... פוּ זאָל עס ווערן!

נאָך די „אונטערגענג“ אין שטעטל איז דעם יונגן עולם באַפאַלן אַזאַ מין טאַנץ־חולאַת. אַ נייער אונטערגאַנג, רחמנא־ליצלן! מע טאַנצט אינדערוואָכן אין די פאַרנאַכטן און אָוונטן, אום שבת און יום־טוב — גאַנצענע מעת־לעתן. מע טאַנצט אַפילו — נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן! — אויף די בריקן איבערן טייך. ס'טאַנצט קינד און קייט.

— לייט שמועסן, — שמועסט מען ביי שאַמע שמש אין שטוב — אַז די קרענק האָט זיך צוגעטשעפּעט אַפילו צו שמעון, מנחם בערל מורה־הוראהס! אַ מורה־הוראהס אַן אייניקל — אַז אָך און ווי צום זיידן זיינעם אין קבר.

— ווי ער שעמט זיך דאָס נישט ביז אין ווייטן האַלדז אַריין, דער פאַרזע־סענער בחור! — זאָגט דעם שמשס ווייב, יאָכוועד, אָבער אָן האַרץ, ווייל אויך זי האָט שוין „אַ וועלט אָנגעזען“.

— ווי לאַנג איז דאָ, אַז ער איז געזיצן איבער דער גמרא און פלעגט זיך שפּאַרן אין לערנען מיטן רייגנס ברודער, מיט נחמן בערן, עליו השלום, — האַלט שאַמע ווינטער דאָס ווייב און ס'פילט זיך, אַז ער באַדויערט מער דעם טויט פון נחמן בערן, ווי שמעון, מנחם בערל מורה־הוראהס טאַנץ־קרענק.

— מע זאָל זיין זיידן, רב בערל מורה־הוראה, אַראָפּנעמען די שערבלעך פון די אויגן, און ער וואָלט דערזען דעם אייניק טאַנצן מיט אַ מויד, וואָלט ער

זיכער בלינד געוואָרן, — שניידט די באָבע רייזיע דעם עולמס אויערן מיט אַ שיעור ריישן און מאַכט אים לאַכנדיק.

פֿאַרשאַפֿט די אַרומיקע פֿרייד אויך דעם זיידן גרשון פֿאַרגעניגן, און ער שרייט אויס זיין עובר־במלדיקן: — פּיסט־פּעסט!

— דערפֿאַר טאַקע רופֿט אים שוין נישט די חברה אויף זיין ייחוס נאָ־מען. שמעון אַדלער הייסט ער ביי זיי, דער אָפּגאָט זייערער, — זאָגט שאַמע מיט שפּאָט.

נאָר פֿון פּערלס שטיל פּנים איז אַראָפּצולייענען, אַז זי טראַכט אַנדערש וועגן שמעון אַדלער, ווייל אויך זי געהערט דאָך צו דער יוגנט...

די יוגנט טאַנצט און זינגט. אַמאָל פֿלעגט זינגען אַ בית־מדרש־ייִנגל איבער דער גמרא און, להבדיל, אַ גוזעל איבער וואַרשטאַט, אַ דינסטמויד איבער טאָפּ, בעת די באַלעבאַטים זענען אין שטוב נישט געווען. היינט זענען די וועגן הינטערן שטעטל, אין די אָוונטן ביז טיף אין דער נאַכט אַריין, פֿול מיט געזאַנג — געזאַנג אין סאָלאָ און אין כאָר, קולות פֿון בחורים און מיידן אויסגעמישט. שבת־צונאַכטס און זונטיק ביינאַכט גייט אָפּט אָן אַ קאָנקורענץ צווישן דעם גע־זאַנג פֿון דער יידישער יוגנט און דער אוקראַינישער, אָן אַ להבדיל מעג מען זאָגן. וואָרן וואָס פֿאַר אַ חילוק איז שוין היינט צווישן זיי און די גויאישע שקצים און שיקסעס!

— בערל ברינמאַן, יואל גדליהס אייניקל, דאָס זווילער גימנאַזיסטל, גרימ־פּלט אויף זיין באַלאַלייקע אום שבת נישט ערגער פֿון אַנדריימשיק לעווקעס אום זונטיק, להבדיל בין קודש לחול!

קיין פּוילישע יוגנט איז אין שטעטל נישט געווען. די פּאָליאַקן: פּאָטשט־און גמינע־באַאַמטע, באַן־באַאַמטע און שול־לערער, האָט מען אויף די פֿינגער געקאָנט ציילן. אָבער פּוילישע לידער האָבן פּאַרט אָנגעהויבן שטאַרק געזונגען צו ווערן: וועמעס מאַכט — יענעמס לידער. האָבן אין שטעטל זיך געלאָזט הערן געזאַנגען אויף פֿינף שפּראַכן: יידיש; אוקראַיניש; רוסיש; פּויליש און העברעיש, וועלכע ס'האָבן אַריינגעבראַכט די ציוניסטן.

דער עלטערער דור, טאַטעס און מאַמעס, ווער שמועסט זיידעס און באָ־בעס (זייער גרעסטן טייל האָט מען אין די מלחמה־יאָרן אויפֿן בית־עולם אַוועק־געטראָגן) זענען אומבאַהאָלפֿן געווען, האָבן נישט געקאָנט זיך ראַנגלען מיט די קינדער און אייניקלעך. דאָס אַלגעמיינע הפֿקרות פֿון מידות, וואָס די מלחמה־יאָרן האָבן גורם געווען, האָט דער יוגנט געגעבן אַ שטאַרק געווער קעגן זיי. טייל זייערע האָבן, שלאָגנדיק זיך על־חטא אין האַרצן אַריין, מיט פֿאַרצווייפֿלונג זיך מודה געווען, אַז זיי גופֿא זענען די שולדיקע. ווייל ווי לאַנג איז דאָ איז דעם, אַז זיי האָבן מיט די אויגן צוגעקוקט דאָס הפֿקרות, און געשוויגן? זיך פֿאַרקוקט אין אַ זייט, פֿאַרשטעלט די אויגן מיט אַ האַנט, כלומרשט זיי זעען נישט? דער

בחור האָט זיך אויפגעהויבן שבת גאַנץ פרי צו דער באַן=אַרבעט, און... גאָרנישט! ווייל אַז ער וועט היינט פאַרפעלן צו דער אַרבעט, וועט ער ביים דייטש דעם „פּאַ=סונעק“ נישט קריגן, און מיטן דאָזיקן שפּייז=פּעקל דערנערט זיך דאָך דאָס גאַנ=צע הויזגעזינט. ווער=ווער ס׳האָט נאָך אַליין צוגעהאָלפן, מאַכנדיק זיך תמע=וואַטע: געשיקט דאָס כלה=מיידל צום דייטש, דעם שטאָט=קאָמענדאַנט, זי זאָל ביי אים עפּעס אויספּועלן — אַ פּור האָלץ, אַ פּאַסירשיין. און טאַטע=מאַמע האָבן דאָך געוווסט, אַז פאַר אַ קוק בלויז אין די שיינע אויגן וועט דאָס קינד ביים ערל גאָרנישט קריגן... און „דאָס קינד“ האָט דאָך פאַרשטאַנען, אַז טאַטע=מאַמע פאַרשטייען, אַז זי פאַרשטייט, אַז זיי פאַרשטייען, וואָס דער קאָמענדאַנט וועט פאַרשטיין... און פונדעסטוועגן! איז ווי וועסטו דאָס איצט מיט די קינדער נאָך יענער מלחמה אַ מלחמה פאַרפירן? פאַרפאַלן!

קאַפּיטל איין און פערציק

אַמאָל איז אַנדערש געווען!

— יעד! אַמאָל איז אַנדערש געווען... — זיפצן אָפּ די זיפצנדיקע.

ווען נאָכן פינפטן יאָר, נאָך די הפקרותן און „קספּראָפּראַציעס“ אויף דער וועלט, נאָך דער רעוואָלוציע און איינעם אַן אַרעסט אַפילו דאָ הי, האָט דאָס יונגוואַרג געפּרוווט אַראָפּגיין פונעם דרך=הישר — אויפגעשטעלט אַ „ביבליאָטעקע“ פון יידישע, העברעישע און, להבדיל, רוסישע ביכער, האָט מען מיט אים, מיטן יונגוואַרג, דרך=ארץ געלערנט: געסטראַשעט, אַז מע וועט די ביכער מיט כוח אויף שטיקלעך צעטראָגן, אַז מע וועט איבער די ביכער איינמיטן מאַרק אַ בורא=מאורי=האש מאַכן, אַז מע וועט די „ביבליאָטעטשיקעס“ אין חרם לייגן; מע האָט זיי פון די בתי=מדרשים, ווי שרצים, אַרויסגעוואָרפן!

— ווי איצט שטייט מיר פאַר די אויגן יענע „זביחה“, — דערמאָנט זיך מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל שאַמע שמש — אַנדערע פון זיי, ווי נאָר ס'איז געוואָרן דער גרויסער ליאַרם, האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, ווי אָפּגעשמיסענע, דורכגענבעט זיך דורך די מתפללים און זיך אָפּגעטראָגן פון בית=מדרש. אַנדערע ווידער, די אויגן האָבן זיך ביי זיי אָנגעצונדן, האָבן זיך אָנגעבלאָזן, ווי די הענער, און זיך נישט געלאָזן, האָבן גענומען אָפּענטפערן מיטן מויל און מיט די הענט, און מ'האָט זיי געמוזט אַרויסשלעפּן נעבעך זאַבאַרקע. מער פון זיי אַלע האָט געאַרבעט מעשים זיסקע ברכה דעם חזנס. נאָך אַ סמאַרקאַטע יינגל געווען דעמלט — די שקצישע משופרינע גרעסער פון אים; דאָס קאַרטאָפּליע=נעזל מלא=חוצפה; די גרויסע בלויע אויגן גליען, ווי ברענענדיקער ספּירט; און אַ מויל — אויף שרויפן, גאַנצע „רעטשן“ * האַלט עס אָפּ. נאָר ווער קוקט זיך יעם גאָר אום אויף אַזאַ שנעק! אַז איינער פון צען ווייסט גאָר ווער ער איז, דאָס חדר=יינגל. נאָר ער רוט נישט, ווי דער סמבטיון. ווי נאָר מע נעמט זייערן

---

* רעדעס

אַ חברה=מאַן אַרויסטראַסקען — אַזוי גלייך איז ער דאָ, רייסט זיך אַריין איינמיטן געשלעג אין סאַמע רעכטן=געדעכטן, פֿאַרשטעלט מיט זיך דעם וועג, רייסט צוריק דעם אַרויסגעשטופּטן און מאַכט קולות — „רעטשעוועט“. איז דאָך עס סוף=כל=סוף נמאס געוואָרן, און מע האָט זיך אַ גען געטאָן פֿאַר אים אַליין. דאַכט זיך, וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט אַזעלעכס — אַ שמעק טאַבעק! אָבער ניין! ווי קליין, אַזוי געשעדיקט איז עס. קריכט דיר אָפּער פֿון אונטער די הענט, פֿון אונטער די פֿיס, ווי אַ יאַשטשערקע. ער ווערט זיך מיט אַלע אברים, וואַרפֿט מיט די הענט, בריקעט מיט די פֿיס און — הערט, הערט! — בייסט גאָר מיט די ציין. איז מען דאָך שוין אַריין אין גרימצאָרן, און ס'האָט אים אַ כאַפּ געטאָן איינער פֿון די „קאַצאַפּעס“ (כ'געדענק שוין נישט וועלכער), אַ הייב געטאָן אינדערהייך, ווי אַ זעקסערנעם בייגל, און איבער די קעפּ פֿונעם עולם ביי דער טיר אַריבערגעשטעלט אים מיט זיין שיינער משופּרינע צוזאַמען אין פּאָליש אַריין...

— נאַ דיר, זיסקע ווייַנפּערלעד אויך דיר אַ „ביבליאָטעטשיק“! אַזאַ יונג הענדיל, וואָס רעכט קרייען קאָן עס נאָכנישט!

שאַמע קוקט זיך אַרום גרויסהאַלטעריש, כמעט זיגעריש, צי פֿאַרפֿעלט נישט קיין איינער כאָטש אויסצוהערן מיט קאָפּ די גבורות, וואָס ער דערציילט. און אַז ער זעט, אַז ניין — אַלע האָבן הנאה און וואַרטן אויף נאָך, שוט ער סודיק אַזוי אַ שמייכעלע, ס'הייסט, איכל אייך נאָך שענערס אַרויסלייגן! און פֿאַרענדיקט:

— נאָר פֿון יונגע הענדלעך וואַקסן אויס גרויסע קאַלעקוצקע הענער! דאָס דאָזיקע ווייַנפּערל, ברכה דעם חזנס יינגל, איז דעמלט נאָך דער שיינער מעשה אין אַ דריי וואָכן אַרום נעלם געוואָרן. איינער אַליין איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע. ס'הייסט, פֿריער איז ער זייער שיין פֿאַרשוואַרצט געוואָרן אין וואַרשע, האָט זיך אָפּגעשפּאָרט אויף הוצאות און איז אַוועק. „ער קאָן מער אין דער טראַסקעוויטשער פּינצטערניש נישט לעבן, — האָט ער געשריבן צו זיין מאַמען — ער איז נישט קיין סאָווע... און ער פֿליט אַוועק. ווי אַן אָדלער, אין דער ליכטיקער וועלט אַריין“... און וואָס מיינט איר, ער איז דאָרט פֿאַרפֿאַלן געוואָרן?! זיי זאָגן, אַז ער איז דאָרט אין נעוו=יאָרק אַ גאַנצער „געדיכטער“, אַ שרייבער אַזאַ מין. און הייסן הייסט ער שוין גאָר ברייטלעד, נישט זיסקע און נישט ווייַנפּערלעד — וואָס פֿאַר אַ חשיבות האָבן עס דאָרט זויערע ווייַנפּערלעך! — נאָר זיסיע ווייַנפּער, און נאָך שענערס — פֿון דעם שרייבן פֿאַרדינט ער געלט און שיקט דער מאַמען דאָלאַרן!... דערלעבט אַ נחת, ברכה דעם חזנס, אין איר זון... זי באַרימט זיך — ער וועט קומען, 'עט מען ערשט זען!... כאַ=כאַ=כאַ!... און וואָס מיינט איר? אַז ער וועט קומען שבת אין בית=מדרש אַריין דאַווענען... פֿון וואַנען מע האָט אים מיט יאָרן צוריק בחרפּתו אַרויסגעוואָרפֿן, וועלן מיר אים

נישט מכבד זיין מיט קיין לייטישן מפטיר? איינס צום דריטן איז נישט קיין מחותן... אַז מע שמועסט — אַ פעטער מיט דאָלאַרן!... סיידן דער „גוי“ וועט נישט וועלן די בית־מדרש־שוועל אַריבערטרעטן.

— איז יאָ, — פאַרענדיקט מען די געשיכטע פון דער „ביבליאָטעקע“ — דעמלט האָט דאָס יונגוואַרג געמוזט זיך בחרפּה אונטערגעבן. אויס ביבליאָטעק! מ'האָט זיך צעטיילט צווישן זיך מיטן ביסל ביכער. ווער ס'האָט זיין חלק מחמת מורא פאַר טאַטע־מאַמע אינגאַנצן אויפגעראָמט, ווי אַ חמץ, און ווער ס'האָט אים פאַרבאַהאַלטן ביי זיך אין דער היים אונטער דער סטריכע, אויף „גניזה“ * פאַרמשפּט...

— האָבן טאַקע אַ טייל פון יענע טרייף־פּסלען אַזש די מלחמה איבערגע־לעבט. מע שמועסט, אַז אין זייערע הייניטיקע ביבליאָטעקן שטעקן נאָך יענע ביכער.

— אַזוי! הייַנט זענען נייע צייטן. נייע צייטן — נייע פייגל, נייע פייגל — נייע לידער. פּרוווּ זיי נאָר היינט צעטרייבן, די פייגל, ווען זיי פליען זיך צונויפ־מען — די אויגן וועלן זיי דיר אויספּיקן, ווי די וואָראָנעס!

מאָטיע גפן, אַ באַוויבטער ייד, אַ טאַטע פון קינדער, וואָס שטיצט אונטער די העברעישע ביבליאָטעק, איינער פון יענע אַרויסגעוואָרפענע „ביבליאָטעטשי־קעס“, שעמט זיך אפילו נישט הייַנט צו דערמאָנען יענע געשעענישן מיט אַ שפּאָט־שמייכעלע:

—איר געדענקט? אַ וואַרשעווער בלאַט האָט דאָך וועגן אונדז געשריבן אינעם „קרומען שפּיגל“... און די בית־מדרשניקעס האָבן אונדז דאָרט אונטער־געשטעלט אַ פּיסל מיט קלומרשט אונדזערס אַ לידל:

„די בית־מדרשניקעס די באַרבאַרישע,
וואָס אוכאַזשעווען נישט קיין באַרישניע,
האָבן אויף אונדז אויסגעטראַכט,
אַז מיר האָבן אַ „פרייע ליבע“ געמאַכט...“

— הייַנט וועסטו שוין קיינעם אַפילו מיט קיין „פרייער ליבע“ נישט אי־בערשרעקן...

אין אָנהייב האָבן עטלעכע פרומאַקעס יאָ געפּרוווט זיך קעגנשטעלן דעם בייז, זיך ראַנגלען מיטן גאָכמלחמהדיקן גויאישקייט פון דעם יונגוואַרג, ס'איז אָבער דערפון אַרויסגעקומען נישט מער ווי אומזיסטער טומל און חילול־השם.

פאַרפאַלן! דאָס גויאישקייט האָט געקריגן די אייבערהאַנט איבערן יידיש־קייט. מע מוז אָנגעמען אַ פול מויל מיט וואסער און שווייגן, כאָטש סע שטיקט ביז צום דערשטיקט ווערן. צווישן זיך בלויז שמועסט אַמאָל וועגן דעם דער

* פאַרבאָרגנקייט, אויסבאַהאַלטנקייט

אַלטער דור סתם אין דער וועלט אַריין. ער רעדט און פּאַררעדט און קלאָגט זיך אויף די קינדער, אויפן נייעם דור, וואָס איז אויפגעשטאַנען צו פּאַרטיליקן דאָס פרומע יידישקייט. און דעמלט טרעפט — ס'גייט אויף אַ צאָרן צו דער גאָז, און טיילמאָל פאַרשעלט מען אים אַפילו מיטן מויל, דעם נייעם דור. אָבער ווייטער פון דעם גייט עס נישט. די הענט זענען אַראָפּגעלאָזט. הייבן זיך נישט מער. נאָך ערגער — מע געוויינט זיך צו צו די צרות און מע מאַכט שלום מיט זיי, און — וויי־וויי! — אַזוי אַרום ווערט מען איין קאָמפּאַניע מיט זיי, מיט די בחורים און מיידן.

ס'איז שלעכט, וואָס איז דאָ צו רעדן! סיידן איין גאָט וועט זיך מרחם זיין און עפענען זיי באַצייטנס די אויגן, דעם יונגוואַרג (דאָס וועט זיין אַ גרויסער חסד), אָדער ער וועט זיי איבערענטפערן, חלילה, אין עשום הענט, אַז ער זאָל זיי עפענען... די מוחות:

— וואָס פאַר אַ מחותנים זייט איר, יידעלעך, נאָכצושפּעטן אונדז דאָס גוי־אישקייט! נאָר דעמלט — הלוואי עס זאָל שוין נישט שפּעט זיין...

צווישן דעם באַלעבאַטישן יונגוואַרג ווידער, בעתן קיבעצן אין ביבליאָטעק, אָדער בעת אַ הפסקה צווישן אַ שימי און אַ טשאַרלסטאָן, ווערט אויפגעלייגט, פריילעך, מיט הומאָר און סאַטירע, געשמועסט וועגן דעם אַלטוואַרג:

— אַז צווישן זיי אַליין, די גאָטס סטראַפּטשעס, זענען דאָך שוין אויך פּאַ־ראַן „אַנגערירטע“, געבאַפּטע אין דער מעשה.

— נישט איין „פאַרשטעלער“ זייערער איז אין הארצן מסופק, צי דער השגחה ליגט טאַקע נישט מער אין זינען, ווי אַרייצומישן זיך נישט אין אירע געשעפטן.

— אַ סברה, אַז זי האָט אין דער מלחמה צוגעמאַכט אַן אויג, די השגחה...

— און מיטן צווייטן אויג פאַרקוקט זיך... אויף אַ בחור, ער זאָל זי איינלאַדן אויף אַ שימי.

ק אַ פּ י ט ל צ וו יי א ו ן פ ע ר צ י ק

מיט וואָס ס׳פאַרנעמט זיך די באַלעבאַטישע יוגנט

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין שטעטל איז געווען אַ קליינע אין צאָל און געשטאַנען אויף הינערשע פיסלעך אָן אַ באָדן אונטער זיי: טראַסקע־וויטש איז דיר נישט קאָוולע — אַ שטאָט מיט גבירים, אינטעליגענציע און גלאַט באַלעבאַטים נגידים... אַ שטאָט מיטן פולן מויל! איז דאָרט פול מיט ציו־ניזם אין אַלע שפּאַרעס. אָבער וואָס קאָן מען אויפטאָן דאָ, אין אונדזער העק?!

האָט די אָרגאַניזאַציע, אויפגעקלערט דורך ציוניסטישע טוער פון קאָוולע (ווי בעריש גראַבאַזש, רעדאַקטאָר פון דער „קאָוולער שטימע" און פאָרשטייער פונעם „דזשוינט" פאַר קאָוולער קרייז), איינגעזען, אַז אויפן עלטערן דור, דעם „דור המדבר", איז נישטאָ וואָס אויסצושטעלן. מע דאַרף נעמען פאַר אַ יסוד די אונטערוואַקסנדיקע יוגנט, וואָס הייבט שוין אָן צו גיין אין די דרכים פון שמעון אַדלער און זיינע „נושאי־כלים" *. איז נייטיק צו שאַפן אַ העברעישע ביבליאָטעק, וואָס וועט דינען גלייכצייטיק פאַר אַ קלוב, וווּ די יוגנט וועט אַריינקומען לייענען אַ צייטונג (דעם „היינט" און די „קאָוולער שטימע" מעג מען לייענען, כאָטש זיי זענען ד ע ר ו ו י י ל אויף יידיש), און זיך פאַרווייל, ווי געוויינלעך מיידלעך און יינגלעך. האָט מען זי געשאַפן די ביבליאָטעק.

אָבער — העברעישע ביכער זענען נישט קיין יידישע, וועלכע „יעדער עם־הארץ קאָן זופן ווי אַ יושקע פון דער אַמעריקאַנער קיך". זיי שטייען אין דער שאַפע, ווי ציגל. ווייל ווער פון דער נאָכמלחמהדיקער יוגנט פאַרשטייט אין זיי כאָטש פירוש־המילות **. יאָ. איז דאַרף מען זיך אַראָפּלאָזן נאָך נידעריקער — גרינדן אַ בית־הספר, וועלכער וועט אויפציען אַ גרייטן ציוניסטישן דור מיטן

---

* וואָפּנטרעגער

** די טייטש פון די ווערטער

העברעישן וואָרט אין מויל. און מיט דער בייהילף פון דעם „תרבות" אין קאָוולע איז אויך דאָס אויפגעטאָן געוואָרן. די שול האַלט זיך אויס פונעם שכר לימוד, וואָס סע צאָלן די פאַרמעגלעכע עלטערן און... די אָרעמע יתומים.

די אַמעריקאַנער קיך, וואָס מישגדיק אין איר קעסל איז נישט איין לייטישע כלל־טוערישע האַנט געשטרויכלט געוואָרן — האָט פאַרענדיקט איר טעטיקייט. אַמעריקע האָט געזאָגט: גענוג געהאַלטן אייך אויף קעסט.

זי האָט אָבער אויך נישט דערלאָזן, אַמעריקע, מע זאָל אין איר אינגאַנצן פאַרגעסן. ס'איז נאָך געבליבן אַ קליין אינסטיטוציעלע, וואָס פלעגט יעדן חודש באַקומען צו פאַרטיילן אַ ביסל פראָדוקטן פאַר די קיילעכדיקע יתומים און האַלבע יתומים, ווי אויך אַ געוויסן סכום געלט צו באַצאָלן פאַר זיי שכר־לימוד. דאָס איז געווען דער יתומים־קאָמיטעט.

דער שכר־לימוד פאַר אַ יתום האָט באַטראָפן כמעט אַזוי פיל, וויפל ס'צאָלט אַ באַלעבאַטישער נגידישער טאַטע פאַר זיין קינד. דער יתומים־קאָמיטעט, אין וועלכן ס'זענען פאַרטרעטן געווען סיי יידישיסטן, סיי העבריעסטן, האָט געשיקט די יתומים אין בית־הספר — נישט אין תלמוד־תורה און נישט אין דער פוילישער „פאָווסעכנער" שול. דער פינקטלעך אויסגעצאָלטער שכר־לימוד איז געווען אַ יסוד פאַרן שול־בודזשעט. דערום איז אַזוי אויסגעקומען, אַז די יידישיסטן האָבן אונטערגעשטיצט די העברעישע שול.

טייל מאַמעס פון די האַלבע יתומים, אָדער אַפּוטרופּסים פון די קיילעכדיקע, וואָלטן גערן געשיקט די קינדער אין דער „פאָווסעכנער", וואָס קאָסט נישט קיין געלט, כדי דער שכר־לימוד זאָל פאַרבלייבן ביי זיי אין קעשענע. האָט אָבער דער קאָמיטעט געטענהט, אַז דאָס געלט איז באַשטימט בלויז אויף שכר־לימוד, און סע מוז זיין אויף דעם אַ קוויטירונג פון אַ שול; אין צווייטן פאַל מוזן זיי דאָס געלט אָפּשיקן צוריק קיין אַמעריקע, און אַזוי־אַרום וועלן די יתומים דערפון ממילא נישט געניסן. יעדנפאַלס וועט מען מער קיין געלט נישט שיקן.

ווער ס'האָט זיך געלאָזט איבערצייגן, און ווער ס'האָט הינטער די אויגן געשאָלטן די נייע שטאָט־טאַטעס מיט טויטע קללות.

עלטערע פרומע יידן, וואָס זיי גופא איז די זאַך נישט אָנגעגאַנגען — ס'איז דאָ אַן אַבי־יתומים, וועט ער זיך פריער אָדער שפּעטער אָננעמען די קריוודע פון די יתומים — האָבן פונדעסטוועגן געטענהט:

— אָבער ווי נעמט מען עס יידיש בלוט (דאָס אַמעריקאַנער געלט גע־מיינט), און מע גיסט עס אין רינשטאָק אַריין (געמיינט דעם בית־הספר)?

די פירער פון דער תלמוד־תורה האָבן אַפילו פאַרפירט אַ מלחמת־מצוה און געמאַכט קולות:

— אויף יתומים האָט אַ חזקה די תלמוד־תורה. אַזוי האָט זיך עס גע־

פירט אין שטעטל משנים־קדמוניות.* זיי, די תלמוד־תורה־טאַטעס, וועלן נע־מען אַ דריטל שכר־לימוד, און פונעם רעשט זאָלן געניסן די יתומים.

האָט דער יתומים־קאָמיטעט אָפּגעהאַלטן וועגן דעם אַ ספּעציעלע זיצונג מיט דער באַטייליקונג פון אַ פאָרשטייער מצד די יתומים־אַפּוטרופּסים — אורי הערשלס, דער מעל־קרעמער, וואָס וואָלט געקאָנט זיין אַ רב, ווען ס'זאָל זיך אים נאָר מאַכן אַ שטאָט, דער, וואָס האָט אַדאָפּטירט אַרקע בראַנסקין, און אַ פאָרשטייער פון דער תלמוד־תורה — דוד דעמב, אָדער ווי מ'האָט אים אויך גערופן דודל דער דולער.

אהרון לעווי, דער פאָרזיצער פון קאָמיטעט, דער יידישיסט, האָט זיך אַליין גענומען דאָס וואָרט און גערעדט דיפּלאָמאַטיש:

— אין פּרינציפּ קאָן דער קאָמיטעט נישט שיקן די יתומים אין דער תלמוד־תורה, ווייל זי איז געזעצלעך נישט קיין שול און באַפרייט נישט פון שול־צוואַנג, נאָר מילא... צוליב דער טובה פון די יתומים וואָלט מען שוין אפשר דעם פּרינציפּ פאַרבויגן. איז אָבער די זאַך די, אַז אויב דער שכר־לימוד וועט באַ־טרעפן איין דריטל, וועט מען דאַך די רעשט, צוויי דריטל, אויף וועלכע ס'וועט נישט זיין קיין קוויטירונג, מוזן צוריקשיקן.

— איר ווייסט דאָך, — האָט אורי הערשלס, דער פאָרשטייער מצד די יתומים־אַפּוטרופּסים, צונויפגעזאַמלט זיין קליין בערדל אין פויסט אַריין, פאַר־זשמורעט די אויגן און גערעדט ווי נישט צו די אַרומיקע, נאָר צום בלאַט פון טיש — מיר אַליין איז קיין נפקא־מינה נישט. פאַר מיין יתום אין בית־הספר צאָל איך אַליין, איך פאַרלאַנג, חלילה, פון קיינעם גאָרנישט. איז אויב ווי ער (אַ טייטל געטאָן מיט אַ בליק אויף אהרון לעווי) זאָגט, איז מאי תקנתא — וואָס האָט איר אויפגעטאָן? זאָל מען־זשע טאַקע באַצאָלן דער תלמוד־תורה דעם גאַנצן שכר־לימוד, ווי דעם בית־הספר. ווי זאָגסטו, דוד?

— אויף דעם בין איך אַוודאי מסכים, — צעלאַכט זיך דודל דער דולער און באַווייזט די ציין צוזאַמען מיטן רויטן אינטערשלאַק פון זיינע ליפּן, וואָס קערן זיך איבער בעת ער לאַכט און האָט הנאה — נאָר דערמיט בלייבט נאָך אַלץ די קשיה: אַזאַ ייִד, ווי איר, וואָס סע פעלט אים נאָר די שטאָט צו ווערן אַ רב, און שכר־לימוד פאַרן יתום צאָלט איר, — פאַרוואָס זאָלט איר טאַקע נישט דער־שטער ווייזן אַ ביישפּיל און שיקן אייער יתום צו אונדז?

— דולער קאָפּ! — טוט אורי הערשלס אַ וואָרטשע. — מיין יתום איז, חלילה, נישט קיין אָרעם קינד, ער זאָל גיין אין תלמוד־תורה... קיינמאָל רעדסטו נישט צו דער זאַך, איך רעד דאָך וועגן באַצאָלן דער תלמוד־תורה דעם גאַנצן שכר־לימוד.

---

* פון גאָר־גאָר אַלטע צייטן

— דאָס קאָן נישט זיין, רב אורי, — זאָגט הערשל גאָלד, דער סעקרעטאַר פון קאָמיטעט, דער תרבותיסט — אויב באַצאָלן אינגאַנצן, בלייבט פּרינציפּ — פּרינציפּ, אַז די תלמוד־תורה איז נישט קיין שול.

— אָבער אַז מיר פאַרלאַנגען נישט מער ווי אַ דריטל! — שרייט אויס דוד דעמב. — זאָל מען דאָס איבעריקע צוריקשיקן. און די יתומים וועלן שוין דער־מיט אַליין געגוג פאַרדינען, וואָס זיי וועלן נישט אַרויס פון אונדז קיין גויים...

— אָבער מיט קיין געלט וואַרפן זיך, דוד, קאָן מען אויך נישט. דאָס געלט פון אַמעריקע קומט נישט צופוס, — קנייטשט אורי הערשלס דעם רבנישן ווינקל־דיקן שטערן — מע האָרף עפּעס צוטראַכטן...

— צוטראַכטן? — פּלאַמט אויף דודל דער דולער. — איך האָב שוין צו־געטראַכט. נאָט עס אייך. אָט זענט איר דאָ, און אָט בין איך דאָ — און זיי־נע אויגן בלישטשעט אַ ביטער שמייכעלע — און מיר זענען דאָך דאָ פאַרט יידן צווישן יידן... אפילו דאָס יונגוואַרג... ווי די מעשה זאָל נישט זיין... רעדן מיר זיך אָפּ: די תלמוד־תורה גיט אַרויס טאַקע אַ קבלה אויפן גאַנצן שכר־לי־מוד מיט אַן אונטערשריפט און מיט אַ זיגל (פאַר אַמעריקע קאָנען מיר מאַכן אַ זיגל). אַ דריטל נעמען מיר פאַר דער תלמוד־תורה, און די צוויי דריטל קריגט איר, די אַפּוטרופּסים פון די יתומים, פאַר די יתומים טאַקע.

— פאַרפאַראַטאָקאַליר! — זאָגט אויפגערעגט־פייערלעך אהרון לעווי, דער פאָרזיצער, דער יידישיסט, צו הערשל גאָלד, דעם סעקרעטאַר, דעם תרבותיסט. — איז אָט וואָס, — דאָס שמעקט מיט קרימינאַל... מיר, די מיטגלידער פונעם קאָמיטעט, קלייבן זיך קיינער נישט אין תפיסה אריין. אפילו נישט לטובת די יתומים!

— און איך אויך נישט, — וואַרטשעט אורי הערשלס צום טיש — בלייבט עס ווי געווען...

אורי הערשלס איז אין תוך נישט געווען דערפאַר, אַז די יתומים זאָלן גיין אין דער תלמוד־תורה. דעמלט וואָלט נישט געפּאַסט — וואָלט ער אויך זיין אַרקען, דעם יתום, באַדאַרפט אהין שיקן אהן, משטיינסגעזאָגט, די תורה, וואָס די מלמדים, די עמי־הארצים, וועלן אים האַרט אויסלערנען! נאָר דוד דעמב האָט זיך אויף זיין „פּאָליטיקע" נישט פאַרשטאַנען:

— מע מיינט, רב אורי, מע זיצט צווישן יידן, — שפּרינגט ער אויף אין פרומען צאָרן — צום סוף...

וואָס צום סוף, האָט ער אַרויסלויפנדיק נישט דערזאָגט, נאָר אָן וועל־טער האָט עס געקלונגען: צום סוף זענען זיי נאָך ערגער פון די גויים!

די יוגנטלעכע, די העברעיסטן און יידישיסטן, האָבן גוטמוטיק געלאַכט. דערמיט איז דער קאַמף געווען פאַרענדיקט לטובת דעם בית־הספר.

קאַפּיטל דריי און פערציק

א נייע יידישע שול

א לאַנגע צייט איז אומפאַרשטענדלעך געווען אפילו פאַר א טייל מיטגלידער פון יתומים־קאָמיטעט: צו וואָס שטעקן זיי דאָ, אינעם קאָמיטעט, די יידישיסטן? טאַקע בלויז לשם־שמים*? וואָס פאַר אַן אינטערעס האָבן זיי, וואָס אין זייערע אויגן איז דער בית־הספר נישט בעסער ווי די תלמוד־תורה, און זיי וואָלטן ביידע אומטערגעגראָבן אין איין טאָג? וואָס פאַר אַן אינטערעס האָבן זיי אונטערצוהאַלטן מיטן יתומישן שכר־לימוד דווקא דעם בית־הספר?

איז אָט אין די היינטיקע פעריען האָט דאָס רעטעניש געקריגן א באַשייד. זיי האָבן איינגעהיט די יתומים פאַר זיך, די יידישיסטן. די יתומים און זייער שכר־לימוד.

שטילערהייט, בסוד־סודות האָבן די יידישיסטן אין משך פון לאַנגע חדשים צוגעגרייט א באָדן פאַר א יידישער שול. מ׳האָט געזאמלט געלט און זיך איינגעשאַפן בענק, טאָוולען און אַנדערע שול־מכשירים. מ׳האָט געפירט אַן אַגיטאַציע צווישן עלטערן באַלמעלאָכעס, די מאַמעס און אפוטרופסים פון די יתומים קעגן דער העברעישער שול. מ׳האָט איינגעטענהט, אז גוט וואָלט געווען ס׳זאָל זיין א פראָסטע, א יידישע שול, וו מע לערנט אויף מאַמע־לשון — די טאַטע־מאַמע מיט די קינדער, די לערער מיט די שילער זאָלן זיך פארשטיין. די יידישיסטישע מיטגלידער פון יתומים־קאָמיטעט האָבן אויך פאַראַגיטירט די יתומים אליין.

און אין איינעם א זומערדיקן ליכטיקן פרימאָרגן איז דער סוד ארויסגעשפרונגען אין מיטן מאַרק.

— די יידישיסטן עפענען א שול. א יידישע שול אויף יידיש. די לערער וועלן זיין שמעון אדלער און בערל ברינגמאַן. א דריטן לערער ברענגען זיי אַראָפ פון וואַרשע.

---

* צוליב אַן אידעאַל

— די יידישיסטן האָבן שוין געקריגן דורך ווארשע א לעגאליזאציע אויף זייער שול.

ווען די ידיעה איז דערגאַנגען צו דאָדיען, האָט ער זי אויסגעהערט מיט א שפּיץ אויער און אָפּגעפּטרט מיט א ווערטל:

— צוויי קעץ אין איין זאַק. מע וועט זיך די אויגן אויסגראַבלען.

די יידישיסטן האָבן ארויסגעשיקט עטלעכע פּאָרלעך איבער די הייזער צו ווערבירן קינדער פאַר זייער שול. צווישן די פּאָרלעך איז אויך געווען אַהרון לעווי, דאָס רייכע זינדל, און בערל ברינמאן, וואָס האָט געגעבן פּריוואטע לעקציעס, איינער פון די צוקונפטיקע לערער אין דער יידישער שול. ער האָט געהאט אין שטעטל א נאָמען דערמיט, וואָס ער האָט אין רוסלאַנד געלערנט אין גימנאזיע.

נאָך א היימישלעכן גוט-מאָרגן פלעגט אזא פּאָרל אָנהייבן מיט א באַשיידענער פראַגע:

— איר וועט אפשר א בעלן זיין צו פארשרייבן אייער קינד אין דער יידישער שול? — און מע פלעגט זיך ארייינלאָזן אין א לאַנגן שמועס.

איין פּאָרל אזא האָט געטראָפן אויך צו דאָדיע קאָוואַל אין קוזניע אריין. מיט דאָדיע קאָוואַל האָט מען גערעדט אַ ביסל געדעמפטער, פאַרשטייט זיך, איידער מיט אַנדערע. מ'איז געקומען אים פּאָרלייגן, ער זאָל שיקן זיין מיידעלע אין דער נייער יידישער שול אריין, ווייל די יידישע שול...

דאָדיע האָט אפילו נישט מפסיק געווען אין מיטן דער ארבעט. ער האָט זיי אין רויש פון דער קוזניע אויסגעהערט בלויז מיט איין אויער און אפשר גאָר גאָר מיט די פּלייצעס. איינמאָל בלויז האָט ער א סמאָרע געטאָן מיט דער נאָז, ווי איינער זאָגט: לאָמיר גאָר דערשפּירן מיט וואָס דאָס שמעקט... און געשמעקט האָט עס אים משמעות נישט וואזשנע, ווייל ער האָט נאָך אלץ דעם קאָפּ, מיטן היטל אראָפּגערוקט איבער די אויגן, צו זיי נישט אויפגעהויבן. נאָר ווען זיי האָבן אים געוואָלט א נעם טאָן דערמיט, וואָס:

— אייער שוואָגער, יונה סעווערייוק, האָט שוין זיין יינגל צו אונדז פאַרשריבן, — האָט זיי מיטאַמאָל אַ סמאַליע געטאָן זיין שאַרפער, בייזער און ביטולדיקער בליק פון אונטערן דאַשעק ארויס:

— מאלע וו'ין א באַלעגאָלע קאָן פאַרפאָרן!

זיין האָנער, דאָדיע קאָוואלס, איז גערירט געווען: ער זאָל זיך לערנען פון יונגהטשען דעם שמייסער-יונג! נישט דערלעבן וועט ער דאָס, דער שוואָגערניק!

און אז מע האָט נאָך אלץ צו אים געקלעפּט, ווי דאָס העמד צום פאַרשוויצטן לייב:

— איז מיט וואָס פאר א תשובה גייען מיר אוועק פון אייך, רב דאָדיע?... דער יתומים־קאָמיטעט וועט שיקן אַלע יתומים צו אונדז, ווייל אונדזער שול איז די בעסטע, — האָט ער זיי שוין געגעבן דעם ענטפער, אויף וועלכן זיי וואָלטן זיך געדאַרפט ריכטן פון דאָדיע קאָוואַל:

— האָט איר דאָך שוין, הער איך, אָנגעקליבן דאָס גאַנצע ביסל טינופת פון שטעטל — וועט איר זיך שוין באַגיין אָן מייַנעם.

דאָס, וואָס דאָס דאָזיקע פּאָרל האָט געזאָגט וועגן די יתומים, איז כמעט אמת געווען. אַ טייל יתומים, פאַראַגיטירטע, האָבן זיך איינגעעקשנט: אין קיין אַנדער שול גייען זיי נישט, אַנאָר אין דער יידישער. זיי האָבן געטענהט, די יתומים, — צי אמת, צי נישט — אַז די לערער דאָרט אין בית־הספר זידלען זיי און שלאָגן. עס זענען דאָ ביי זיי מיוחסים; זיי מאַכן אויסנאַמען. אָדער, זאָגן זיי, די יתומים, אין דער יידישער שול, אָדער (פו זאָל עס ווערן! ווי קינדער רעדן היינט!) זיי וועלן גיין פּאַשען חזירים.

— מיט היינטיקע קינדער וועסטו גאָרנישט מאַכן, וואָס פאַר אַ דור ס'איז אויסגעוואָקסן!

— ס'איז נישט קיין דור, נאָר אַ דאָרן!

— דאָס אַלץ האָבן זיי, די יידישיסטן, שוין באַצייטנס אַזוי גוט אויסגעלערנט, — האָט מען געטענהט פון דעם תרבותיסטישן צד.

ווען דאָס נייע שול־יאָר האָט זיך אָנגעהויבן, האָט די יידישיסטישע שול־פאַרוואַלטונג געמאָלדן שריפטלעך דעם יתומים־קאָמיטעט, אַז די יתומים, וואָס געפינען זיך אונטער זיין השגחה, האָבן אָנגעהויבן גיין אין זייער שול — דער יידישער פאָלקס־שול. צו דער מעלדונג איז געווען בייגעלייגט די רשימה פון די יתומים און אַ ביטע, מע זאָל אויסצאָלן דער שול אַן אַוואַנס אויפן שכר־לימוד.

וואָס האָבן די קאָמיטעט־מיטגלידער, די העברעיסטן, געקאָנט מאַכן? פריער האָבן די יידישיסטן געמוזט נעבעך אונטערהאַלטן מיטן יתומישן שכר־לימוד דעם בית־הספר („על אפּם ועל חמתם" *), איצט, פאַרקערט, מוזן זיי אונטערהאַלטן מיטן געלט די יידישע שול... האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, די תרבותיסטן, פאַרביסן די ליפּן און אַרויפגעצויגן אַ שמייכל, וואָס האָט זיך געקלעפּט צום ערגסט פון זייער פּנים, ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. די מעלדונג פון דער יידישער שול־פאַרוואַלטונג איז גענומען געוואָרן צו קענטעניש, דער אַוואַנס איז באַוויליקט געוואָרן מיט אַ מערהייט שטימען. די יידישיסטן האָבן געטריומפירט.

* צו זייער גרויסן האַרצווייטיק

— די העברעישע שול וועט, נישקשה, אויסהאַלטן אָן דעם יתומישן געלט אויך, — האָבן זיך געטרייסט די העברעיסטן — „לא על הלחם לבדו“...* נישט בלויז אויף די אַמעריקאַנער דאָלאַרן שטייט די וועלט.

פאַררויסענע באַלעבאַטישע עלטערן פון דעם בית־הספר זענען בדיעבד אַפילו צופרידן געווען:

— גלייבער אַזוי. וויפל איז דאָס ווערט, וואָס דער בית־הספר איז פטור געוואָרן פון אַזאַ באָד־יחוס, ווי פּעסיע חווה די דאָרפסגייערין!

* נישט אויף ברויט אַליין...

קאַפּיטל פיר און פערציק

די באַלעבאַטישע יוגנט און מאָטיע גפן

אין פּלוג האָט זיך צווישן דעם אַלטן און יונגן דור איינגעשטעלט, אויב נישט קיין שלום־בית, איז אַ וואַפנשטילשטאַנד: יעדער גייט זיך זיין וועג און אויפן צווייטן צד קוקט ער זייטיק, דורך די פינגער.

דער וועג פונעם אַלטן דור איז דער וועג פון שטוב אין בית־מדרש אַריין. דער אַלטער דור היט אָפּ דאָס פרומע יידישקייט לויטן איינגעשטעלטן סדר און די מנהגים. מ'איז אוודאי נישט אַזוי פרום און אָפּגעהיטן, ווי פאַרצייטן די זיידעס, אָבער נאָך זייערע טריט שמעלט מען די אייגענע. מע גייט אויפן הויכן וועג, וואָס פירט פון דער ערד אין הימל אַריין...

דער וועג פון דער גרעסטער טייל פון דער באַלעבאַטישער יוגנט איז געוואָרן — נאָך דער הפקרות פון דער מלחמה־צייט, ווען ס'איז דעמאַסקירט געוואָרן דאָס צביעותדיקייט פון די כלומרשט פרומע; נאָכן קורצן „וויזיט" פון די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אַ פאַרבאָרגענע יווירוג אין די מוחות, און די ווינטן, וואָס בלאָזן נאָך היינט פון יענער זייט; נאָך דער פרעסע, וואָס פאַרבינדט דאָס שטעטל מיט דער וועלט, — איז געוואָרן דער וועג פון דער היים אין דער ביבליאָטעק. די יוגנט האָט פון זיך, ווער מער, ווער ווייניקער, ווער פאַרבאָרגענער, ווער עפנטלעכער אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך פון דער אָרטאָדאָקסישער יידישקייט און וויל ווערן וועלטלעך.

אָבער אַן אָפענע מלחמה, אַ קאַמף ביז געשלעגן אויף פּויסטן, האָט זיך צעפלאַקערט גראָד אין דער יוגנט גופא, ווייל ס'האָבן זיך אין איר אויסגעבילדעט צוויי לאַגערן: אַ יידישיסטישער און אַ ציוניסטיש־תרבותיסטישער.

דער פירער פון די ציוניסטן־תרבותיסטן איז מאָטיע שמעון־הערשעלעס, ווי מ'האָט אים גערופן פאַר דער מלחמה, דעם פאַרשטאָרבענעם בירגערמייסטערס, לוי זיידמאַנס, שוואָגעריק, אָדער, ווי מע רופט אים היינט, מאָטיע גפן.

מאָטיע גפן איז בחורוויז געווען „אַ למדן־וואָונדיק", ווייל ער האָט געצייטערט פאַר זיין גאָטספאָרכטיקער קנאָידיקער מאַמען, שמעון־הערשעלעכן

זי פלעגט אַפילו אין קראָם, סיי ווינטער און סיי זומער, זיצן איבער אַ פייערטאָפּ
אונטערן קליידל און דעם קרבן=מנחה=סידור אויף דער סטויקע און אים, דעם
אַלטן בחור, לערנען מיט אַ קאָפּ=שאָקל, מיט אַ „נו=אָ!“ אויף יאָ, מיט אַ „לאָ“
אויף ניין, און, ווען גאָר גוט, מיט אַ „טוב=טוב“! — וואָס פאַר אַ שטאָבע איינזן
ער דאַרף ווייזן דעם קונה, אויף וואָס פאַר אַ פרייז ער קאָן מושווה ווערן. דער
זכות פון אויסבאַהאַלטן זיין געהערן צו די „ביבליאָטעטשיקעס“ איז אים ביי=
געשטאַנען, מע זאָל אים אין יענעם היסטאָרישן שבת פון דער „זביחה“ נישט
אַרויסוואַרפן פון רבינס בית=מדרש, וו ער האָט געדאַוונט מיט זיין שוואָגער.
אַזוי אַרום איז ער אָפּגעקומען זיינע זינד מיט בלויזער שרעק און האַרצפּלאַטער=
ניש און מיט פאַרשנדיק קוקעניש אויפן שוואָגער — צי וועט ער זיך פאַר אים
איינשטעלן, טאָמער, חלילה, ביי שלעכט... ביי אים זענען דעמלט, נאָכן חורבן
פון דער ביבליאָטעק, פאַרבליבן אויסבאַהאַלטן עטלעכע העברעישע משכילישע
און ציוניסטישע ביכער, וועלכע ער פלעגט לערנען מיט אַ גמרא=ניגון, כדי די
מאַמע זאָל מיינען, אַז ער זיצט איבער אַ ספר, און איר האַרצווייטיק זאָל פאַר=
קערט ווערן צו נחת. נאָך זיין חתונה האָט ער אַריינגעלייגט דעם נדן צו זיין
שוואָגער אין ציגעלניע און געוואָרן אַ שותף אויף פראָצענטער. אין אַז די מאַמע
זיינע, די זקנה שמעון=הערשעלעכע, איז אָנהייב מלחמה געשטאָרבן, איז ער,
דער בן=יחיד, געוואָרן דער באַלעבאָס פון זיין טאַטנס, שמעון הערשלס, גרויסער
שטוב מיטן גאַנעק אין מאַרק אַריין און דער אייזנקראָם, און באַקומען אָנזען
אין שטעטל. האָט אָבער אויסגעבראָכן די וועלט=מלחמה, און די ציגעלניע האָט
אויפגעהערט צו אַרבעטן. פאַר דער אָקופּאַציע=צייט האָט זיך אויך די אייזנ=
קראָם אויסגעקראָמט, און דאָס אייזן=שיריים האָט בלוטיק געזשאַוועט. האָט
ער זיך געקלאַמערט, מאָטיע גפן, פאַרן שוואָגער, דעם בירגערמייסטער לוי זייד=
מאַן, און געלעבט בדוחק. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, איז ער שוין גע=
ווען אַ מטופל מיט קינדער, און חוץ דער זאָרג וועגן פרנסה איז צוגעקומען די
זאָרג וועגן לערנען אַ קינד: וווהין שיקט מען עס? אין אַ חדר? אין דער פּוילי=
שער שול? די משכילישע ביכער האָבן אים פאַרהאַסט געמאַכט דעם אָפּגע=
שטאַנענעם פינצטערן חדר, כאָטש זיינע זכרונות וועגן זיינע אייגענע חדרים
זענען גאָרנישט אַזוי פינצטער געווען. די ציוניסטישע ביכער און די באַלפור=
דעקלאַראַציע האָבן אים געמאַכט פאַר אַ פאַרברענטן ציוניסט — ווי וועט ער
דאָס שיקן אַ קינד אין אַ פרעמדער, נישט נאַציאָנאַלער שול? האָט ער זיך
אַנטשלאָסן און גענומען טאָן: קודם שאַפן אַ העברעישע שול און דערנאָך אויס=
בילדן אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. צייט פאַר כלל=אַרבעט האָט אים געקלעקט:
זיין ווייב, אין פרומקייט ווייט פון איר שוויגער, עליה השלום, איז אָבער געווען
נישט ווייניקער פון איר אשת=חיל און האָט זיך אַן עצה געטאָן סיי אין שטוב,
סיי אין קראָם אָן אים אויך אין און ענגער מינוט.

אָנקוקן אים, מאַטיע גפֿן — אַ מיזערער, מיט אַ געבויגענער פּלייצקע, מיט אַ צעקראָכענעם געבערעכלעכן שפּאַן, מיט אַ פּנימל, פֿאַרשפּיציקט דורך אַן אונטערגעשווירן קליין בערדל, מיט גרויסע טריבע פֿישענע אויגן — איז אויף אים גאָר נישט צו גלייבן געווען, אַז ער איז דער מאַן פֿון אַזאַ אשת=חילדיק ווייב, אַ מאַטע פֿון קינדער, אַן אייזנקרעמער און דערצו נאָך אַ פֿאַרברענטער ציוני און איינגעשפּאַרטער תרבות=טוער.

וועגן דעם ערשטן שריט זיין שרייענדיק ווייב אויף אַ שרייענדיק קול:

— מיין מאַן, מיין מאַטיע, האָט געטראַכט... מיין מאַן, מיין מאַטיע, האָט געזאָגט... מיין מאַן, מיין מאַטיע, איז געגאַנגען...

און דערפֿאַר רופֿט מען זי נישט, אפֿילו אין דער נאָך=מלחמה=צייט, אויפֿן נאָמען און פֿאַמיליע=נאָמען, נאָר מאַטיעכע.

אינעם צווייטן לאָזן נישט פֿאַרגעסן זיינע קינדער: איינס אָדער צוויי באַגלייטן אים שטענדיק, וווהין ער זאָל נישט גיין.

וועגן זיין אייזנקרעמעריי לאָזט אָפֿט הערן זיין קראָם דורך דער קליינער קאָוואַדלע, איבער וועלכער עס ווערן איבערגעהאַקט אייזנשטאַבעס מיטן האַמער אין דער האַנט פֿון אַ קאָוואַל, אָדער אַ קריסטלעכן קונה, און דער „זוביל"ע" אין זיין האַנט, אָדער אין דער האַנט פֿון זיין פּלוניתטע דער אשת=חיל; אַז מע דאַרף, קאָן דאָס ווייבל אויפֿהייבן דעם שווערן האַמער אויך.

און אַז ער איז אַ פֿאַרברענטער ציוני און עקשנותדיקער תרבות=טוער זענען מודה אַפֿילו די יידישיסטן, כאָטש זיי פֿאַרשרייען אים פֿאַר אַן עם=הארץ און אַ דולן, און באַרעדן אים, אַז סיי דער ציוניזם, סיי די העברעישע שול זענען אויך פֿאַר אים קרעמלער:

— פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאָנדן באָרגט ער זיך אויס געלט אָן פּראָצענט אונטערצוהאַלטן די אייזנקראָם. דאָס פֿאַרזשאַווערטע ביסל אייזן=שיריים, כאָטש ער האָט עס נאָך דער מלחמה „פֿאַרצוקערט", האָט אים נאָך אינגאַנצן אויף די פֿיס נישט געשטעלט... גייט ער דערהוויל אויף קהלישע קוליעס.

פּונקט פֿאַרקערט ווידער האָבן אַזוי די העברעיסטן באַרעדט שמעון אדלער, דעם פֿירער פֿון די יידישיסטן, דעם „קאָפּ" זייערן, אָדער, ווי שאַמע שמש פֿלעגט זאָגן, זייער אָפּגאָט — פֿאַר אַ נישט=דערפֿאָרענעם גדול=בישראל און נישט=דערגאַנגענעם גדול=בגויים, וואָס וויל פֿאַרבלייבן כאָטש אַ „חד=בדרא"* צווישן די יידישיסטישע עם=הארצים.

— דער איבערגעזייערטער אַלטער בחור מיינט נישט אַזוי די זשאַרגאָנישע הגדה, דעם יידישיזם... ווי די יידישיסטישע קניידלעך... זייערע יונגע מיידלעך.

---

* איינער אין אַ דור

ק אַ פּ י ט ל פ י נ ף א ו ן פּ ע ר צ י ק

שמעון אַדלער

שמעון אדלער — בערל מורה־הוראהס אן אייניקל. זיין טאַטע — מנחם, בערל מורה־הוראהס זון, א וואלד־סוחר, וואָס זיצט נאָך אום שבת איבער א בלאַט גמרא. זיין מאַמע — אסתר, ברוך מאיר דעם גבאים. א פרום־משכיליש־מתנגדישע שטוב געווען ברוך מאיר דעם גבאים פאר די צייטן פון רב זכריה ראָזנפעלד. זי, אסתר, האָט זיך געלערנט שרייבן און חשבונען ביי א „שרייבער“, געלייענט שמ״רן און מאַפּון אין יידישער איבערזעצונג און די ערשטע אין שטעטל אָנגעהויבן טראָגן א זאָגטיקל קעגן דער זון.

א יאָר פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, א ייִנגל נאָך, האָט שמעון גע־לערנט אין דער סלאָבאָדקער ישיבה, און דער ראש־ישיבה האָט דערפרייט דאָס האַרץ פון זיינע עלטערן מיט א בריוו, אַז זייער זון איז מסוגל אויסצוּוואקסן א שיינדל פארן פאָלק ישראל, אויב נאָר ער וועט גיין בדרך־התורה און וועט זי לערנען מיט גרויס תשוקה.* נאָר שמעון, דער גרויסער בעל־כשרון, האָט קיין חשק צום לערנען נישט אַרויסגעוויזן און איז אויך בדרך־הישר נישט געגאַנגען: האָט זיך גאָר דאָרט אין דער ישיבה פארנומען בסתר מיט לייענען העברעישע און יידישע ביכער אין דער ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון אברהם מאַפּו אין קאָוונע. נאָך ערגער — האָט פארפירט א ליבע מיטן שוסטערס מיידל, ווו ער איז געווען אויף קוואַרטיר. האַרט פאר דער מלחמה האָט מען אים פון דער ישיבה משלח געווען. זיין זיידן, בערל מורה־הוראה, איז בייגעשטאַנען זיין צדקות, ער זאָל נישט דערלעבן די דאָזיקע שאנד. אין דער בהלה פון דער מלחמה האָט זיך שמעון שוין איינגעצן ארויסגעבראָכן פונעם גדר, געירשנט פון הפקר א פּאָר צענדליק רוסישע ביכער פון דער חרובער שקאָלע־ביבליאָטעק, און ווו געגאַנגען, וווּ געשטאַנען, בעתן אויפשטיין און בעתן לייגן זיך — איז מיט אים שטענדיק געווען דאָס בוך.

* חשק, באַגער

— אויב אַ דיבוק איז נישט אַריין אין אים, איז גייט ער אים שטענדיק נאָך, ווי דער שטן, — האָט געקרעכצט אויף אים זיין באָבע, דער מאַמעס מאַמע, שבע ברוך מאירס.

נאָר די קלוגע, געטרייע מאַמע זיינע, אסתר ברוך מאירס, האָט ווי נאָר מעגלעך אים פאַרשטעלט, און פאַרגלעט זיין אויפפירונג.

פאַר און בעת דער מלחמה האָט שמעון קיין חברים נישט געהאַט. דער אייניציקער, מיט וועמען ער פלעגט זיך טרעפן און פטרן אַ ביסל צייט אין איידלער בטלה, מער ווי מיט אַ רבין איידער ווי מיט אַ חבר, איז געווען דעם רייכס ברודער, נחמן בער, דער מושלם, וועלכער איז פאַרזיצן אַן אַלטער בחור צוליב זיין קאַליעקער האַנט, וואָס ער האָט זי נישט געוואָלט אויסבאַהאַלטן און אָפּנאַרן אַ יידישע טאָכטער. אָבער אויך פאַר אים, דעם שטרענג אָרטאָדאָקסישן בחור, האָט ער זיך דאָך געמוזט אויסבאַהאַלטן, שמעון, מיט זיינע אַפּיקורסישע געדאַנקען. און אַז נחמן בער איז געשטאָרבן, איז ער פאַרבליבן קאָמפּלעט אַליין.

די מלחמה האָט זיך שווער אַ וואַליע געטאָן אויף ברוך מאיר דעם גבאים שטוב. אַ האַנגאַראָווער אָרנטלעכער סוחר, האָט שמעונס טאַטע, מנחם בערל מורה-הוראָהס, גלייך ביים אויסברוך פון דער מלחמה-בהלה נישט געפאָלגט זיין קלוגער אסתרן און דאָס גאַנצע מזומנע געלט פאַרטיילט צווישן די בעלי-חובות. זייער גאַנץ פאַרמעגן האָט געשטעקט אינעם וואַלד, וועלכן מ'האָט איצט נישט געקאָנט עקספּלאָאַטירן. שפּעטער-צו האָט דער דייטש אַרויסגעפירט זיינע בוי-מאַטעריאַלן צו די פּאָזיציעס און דאָס איבעריקע פאַרברענט אויף קוילן. נאָך אַ לאַנגן און שווערן „פּאָזעווען“ זיך און בימעס אויף דייטש — וואָס געשריבן האָט זיי שמעון און מגיה געווען נחמן בער, דער גרויסער דייטש-קענער — האָט מנחם באַקומען פון אַ דייטשער ווירטשאַפטס-קאָמענדע, שטאָט געלט, אַ היפּשן פּאַק געשטעמפּלטע קוויטעס אויף אַ פּאָר צענדליק טויזנט מאַרק, אָפּצונעמען נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה.

— דאָס הייסט, — האָט מנחם בערל מורה-הוראָהס פאַרטייטשט דעם דייטש — ווען משיח וועט קומען, און יידן וועלן זיך דערנערן מיט באָקסערן און פייגן...

מ'האָט אָנגעהויבן אונטערהונגערן. מנחם דער וואַלד-סוחר איז געצוווּנגען געווען צו שוואַרצן זיך דאָס פּנים און גיין ווי אַ ליאַדע באַלמעלאָכע צום דייטש אויף שוואַרצער אַרבעט. נאָר די כוחות האָבן אים נישט געדינט, און ער האָט געמוזט איבעררייסן. האָט מען פאַרקויפט דאָס ביסל זילבער און אסתרס צירונג, און ער האָט געפּרוּווט ווערן אַ שמוגלער. נאָר קוויאַטעק דער מיליציאַנט איז אים תמיד, ווי אַ שפּיהונט, פאַרלאָפן דעם וועג. אויף דער קונץ ווי אָפּצוחורשן דעם

כלב האָט ער זיך נישט פאַרשטאַנען. האָט מען אים איינמאָל און צוויי מאָל קאָנפיסקירט די סחורה, און ווען ער האָט זיך צולעצט אַרויסגעדרייט פון דעם עסק נאָך אַ וואָך זיצן אין תפיסה, האָט ער שוין מער נישט געהאַט וואָס איינצושטעלן, ער איז געווען נקי.

שמעון ווידער, דער געוועזענער בית=מדרשניק און סלאָבאָדקער ישיבה=בחור, האָט זיך אויך געקליבן, געקליבן צו גיין אַרבעטן, געקליבן זיך מחמת געוויסנהאַפטיקייט און איבערצייגונג, אַז שוואַרצע אַרבעט לייטערט דעם מענטשן, נאָר ביז וואָס=ווען, האָט ער אָנגעהויבן קרענקען אויף די לונגען, און דער מיליטערישער דאָקטאָר האָט אים באַפרייט אפילו פון צוואַנג=אַרבעט. שמוגלען?... אין אַזאַ שמוץ וועט ער נישט איינריכטן די הענט! פּרינציפּיעל. כאָטש דעם דיינס אַ זון טוט עס יאָ.

איז וואָס ווייטער די לאַגע אין שטוב אַלץ ערגער געוואָרן. דערהאַלטן ביים לעבן האָט די קו. די באָבע, שבע ברוך מאירס, האָט פאַרבויגן די גילדענע פּאָן, אַראָפּגערוקט דאָס קאָפּטיכל נידעריקער איבער די אויגן, און אַלע טאָג געשלייכט זיך צו דער פאָלקס=קיך נאָך בעטל=געקעכץ. זומער האָבן טאַטע=מאַמע באַאַרבעט אַ מעשטשאַנישן הפקרדיקן גרויסן גאָרטן, ביי וועלכן שמעון האָט צוגעהאָלפן (לייכטע אַרבעט אויף דער פרישער לופט איז אַ היילונג פאַר די לונגען). דאָס איבעריקע האָט מען נישט דערעסן. דערנאָך האָט מען פאַרביטן מיטן אַן אומגליק: אין שטעטל האָט אויסגעבראָכן אַ מאָר אויף די בהמות, און פון די ערשטע איז געפאַלן זייערע. צרות איבער צרות! פאַר נויט, שאַנדע און האַרצווייטיק האָבן זיך די עלטערן געעלטערט פאַר דער צייט, קראַנק געוואָרן אויף די לונגען און געשטאָרבן נאָך איידער די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט.

שמעון איז געבליבן אַליין מיט דער אַלטער באָבען. אין זייער גרויסער שטוב, קעגנאיבער דעם בית=מדרש, האָט ער פאַר זיך איבערגעלאָזט בלויז איין צימער מיט אַ קיך=צימערל, און די איבעריקע פאַרדונגען צו לעבן דערפון. ער האָט אויך געגעבן יידישע לעקציעס ביי זיך אין שטוב און געלעבט מיט דער באָבען אין גרוים דחקות.

אַן אומפּראַקטישער מענטש געווען שמעון אַדלער. נאָך דער מלחמה האָט ער צוגעשלאָגן אַ ביסל געלט פון דעם „וואָס ביי אַ גביר פאַרוואַלגערט זיך" און געעפנט אַ קראָם. נאָר גאָר שנעל האָט זי זיך אויסגעקראָמט. ס'איז אים נישט געגאַנגען אין דער קרעמערישער מלאכה. מיט אַ קריסטלעכן קונה איז אים שווער געווען צו פאַרשטענדיקן זיך, ווייל ער האָט נישט געקענט קיין אוקראַיניש. נאָר אויך מיט אַ יידישן אויף יידיש האָט ער נישט געקאָנט דערפירן צו אַ גוטן גמר. אַ קונה האָט ליב, מע זאָל מיט אים רעדן אויפגעלעבט, מיט אונטע=

רעס, מיט אַזאַרט, און שמעון איז תּמיד פֿוילבלעד, ווי אומפֿאַראינטערעסירט: ווילסט — קויף, ווילסט נישט — איז נישט. ווי ער וואָלט דעם קונה אַ טובֿה געטאָן דערמיט, וואָס ער פּטרט אויף אים צייט. אויף דער סטאָיקע ליגט דאָס אָפֿענע ביכל, פֿון וועלכן מע האָט דעם קרעמער אַוועקגעריסן, און ער, דער קרעמער, איילט זיך אומגעדולדיק, צו דעם אומצוקערן. דער קונה האָט ליב, מע זאָל אים וואָס מער איבערביטן, און ער זאָל וואָס מער אַראָפּדינגען, ביז דער קרעמער וועט זיך אָנהייבן שווערן, אַז ער דערלייגט שוין צו אים... נישט מער, ער וויל אים פֿון קראָם נישט אַרויסלאָזן מיט גאָרנישט... מילא, וועט ער ביי אים אַ צווייט מאָל עפּעס פֿאַרדינען. שמעון אָבער פֿלעגט ביים ערשטן וואָרט גלייך אַרויספּלאַצן די לעצטע פּרייז, פֿון וועלכער ער האָט גאָרנישט געקאָנט אַראָפּלאָזן. אָבער דער קונה פֿילט זיך באַליידיקט:

— וואָס איז? ס'איז אַן אַפּטייק ביי אייך?! אַפֿילו ביי אַ גוטן=יידן דינגט מען אַמאָל אַראָפּ פֿונעם פּדיון.

ביז ס'האָבן זיך ביי שמעונען געעפֿנט די אויגן, אַז קרעמעריי איז אַ מלאָכה טאַקע נאָר פֿאַר אַ קרעמער, און ער האָט די קראָם געשלאָסן. האָט נאָך איר אויסגעשפּיגן, ווי זיין באָבע נאָך אַ ווייסטן חלום.

אין די אויגן פֿון פּראַקטישע מענטשן איז ער אינגאַנצן אַראָפּגעפֿאַלן, שמעון. דערפֿאַר אָבער האָט פֿאַר אים גרויס דרך=ארץ געהאַט די אונטערוואַקסנדיקע יוגנט, וועלכע איז תּמיד נישט גאָר פּראַקטיש. ביי שמעון אַדלער האָט די יוגנט געזען אי אַלטע תּורה, אי נייע חכמה, כאָטש נישט קיין סחורה מיט געפּוצטע שטיוול. דאָס לעצטע איז ביי דער יוגנט, וואָס באַטראַכט זיך פֿאַר אידעאַליסטיש, נישט קיין עיקר. שמעון אַדלערס אָפּגעזונדערטקייט און אומעטיקע פֿאַרטראַכטקייט, זיין קרענקלעכקייט און נישט=באַרעדזאַמקייט, זיין אָפּט דערזאָגן דאָס נישט=דערזאָגטע מיט אַ סודיק שמייכעלע פֿון אַ מער=ווייסער — האָט געשאַפֿן אַרום אים אַן אַטמאָספֿער פֿון אויסדערוויילטקייט און דערהויבנקייט. ער איז נישט דאָס, וואָס אַלע. ער איז עפּעס אַ יום=טובֿדיקער.

אַ לעצטער מאָהיקאַנער פֿון דעם עלטערן דור בית=מדרש=בחורים, איז די באַציונג צו אים געווען, ווי צו אַלטן וויין, וואָס מע לאָזט אים צורו אין קעלער, און מע געניסט פֿון אים זעלטן און צוביסלעך. ס'האָט זיך געשאַפֿן אַרום אים אַן ענגער קרייז פֿון יונגע חבֿרים=פֿאַרערער, מיט וועלכע ער האָט, אַזוי צו זאָגן, גייסטיק אָנגעפֿירט. מע האָט זיך מיט אים תּמיד אַן עצה געהאַלטן. אַפֿילו ווען זיין עצה איז געווען באַשיימפּערלעך נישט פּראַקטיש, האָט מען זי לפֿנים פֿאַראינטערעסירט אויסגעהערט, כאָטש הינטער זיין וויסן וועט מען האַנדלען אַנדערש.

די יונגע חברים און אויך חברטעס פלעגן קומען צו שמעון אדלער, ווי צו אַ רבין. זיין קאָפּ מיט שוואַרצלעכע געקרייזלטע האָר איז תמיד געווען פאַרוואַקסן, און דאָס פּנים נישט גלאַט געהאָלט. זיין שטערן — הויך און ווינקלדיק. די נאָז — היפּשלעך, די שוואַרצע הייסע אויגן — קליין. אַ חן-גריבעלע אין זיין גאָמבעלע האָט געמילדערט דעם אומעטיקן ערנסט פון זיין אָנבליק. שמעון פלעגט זיי מער הערן, ווי אַליין רעדן. און אַז ער האָט שוין יאָ גערעדט, איז עס געווען אַ פילאָסאָפירן וועגן גאָט, וועלט און דעם מענטשנס לעבן, אָדער אַ גערייד וועגן ליטעראַטור, קונסט און קולטור-פראַגן. אויף די שפּאַצירן פלעגט ער זיך אַמאָל פאַרכליגען וועגן דער שיינקייט פון דער נאַטור, וועגן פּאָעזיע און ליבע. אין זיין באַגייסטערונג פאַר שיינקייט פלעגט ער דעמלט אַליין שיין ווערן, און די מיידלעך פלעגן צו אים אַרויפקוקן מיט ליבע און פאַרערונג, ווי צו אַן אידעאַל. ביי שמעון אַדלער אין צימער איז געווען דער „שטאַב" פונעם יידישיסטישן לאַגער, גלייך ווי ביי מאָטיע גפן פונעם העברעיסטישן.

יעדער לאַגער האָט געהאַט זיין ביבליאָטעק, וווּ ס'איז אייגנטלעך געווען דער קלוב פון זיינע אָנהענגער און סימפּאַטיקער. שפּעטער האָט יעדער לאַגער אויפגעבויט זיין שול. די שולן פלעגן פון צייט צו צייט איינאָרדענען, צוליב דערציערישע און פּראָפּאַגאַנדיסטישע צוועקן, פאַרווייַלערישע און ליטעראַרישע שול-אָוונטן און קינדער-פאָרשטעלונגען. די הכנסה פון די פאַראַנשטאַלטונגען — אַן אונטערשפּאַר צום שול-בודזשעט, וועלכער איז תמיד געווען אין דעפיציט צוליבן מינימאַלן שכר-לימוד, און אַרויסבאַקומען די קאָמונאַלע סובסידיעס פאַר יידישע הצטרכותן, כאָטש אין גאָר קנאַפּע סכומען, פלעגט אָנקומען מיט קריעת-ים-סוף. ס'פלעגן אויך איינגעאָרדנט ווערן בלימל-טעג, געוויינלעך אין אַ יאָריד- אָדער חגא-טאָג, און פוייערישע סיערמיגעס פלעגן באַפּוצט ווערן מיט יידישיסטישע רויטע אָדער תרבותיסטישע ווייס-בלויע פאַפּיר-בלימלעך. די ערשטע צייט האָבן די פּויערים עפּעס נישט דערוועגט זיך אָפּצוזאָגן די יידישע אויסגעפּוצטע „באַרישניעס", און פלעגן אַריינוואַרפן אַ מטבע, קראַצנדיק זיך דערנאָך הינטערן היטל. שפּעטער פלעגט טרעפן, אַז אַ בייזער פּויער זאָל זיך אַ כאַפּ טאָן צו דער בייטש, ווי צום אָוועקטרייבן אַ קו, וואָס האָט זיך אונטערגעגנבעט צו זיין היי אויף דער פור... נאָר די אַלע הכנסות האָבן נישט געקלעקט. האָבן זיך ביים יידישיסטישן לאַגער אויסגעבילדעט אַ ליבהאָבערישער דראַמקרייז, וואָס די הכנסות פון זיינע פאָרשטעלונגען זענען געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פונעם שול-בודזשעט.

די דאָזיקע טעטיקייט אין שטעטל איז פאָרגעקומען, ווי שוין דערמאָנט, בלויז צווישן דער יוגנט פונעם באַלעבאַטישן גראַד. די דאָזיקע יוגנט האָט זיך אפילו אין דער מלחמה-צייט ווי-נישט-ווי אַ ביסל געבילדעט. ביי די געציילטע

עלטערע, ווי אַ מאָטיע גפּן און אַ שמעון אַדלער, האָט זיך נאָך איינגעהיט ספּרימ־דיקע ווילקענעוודיקייט און וועלטלעכע בילדונג נאָך פון פאַר דער מלחמה־צייט. די באַלמעלאָכישע יוגנט אָבער האָט די נאָך־מלחמה־צייט געטראָפן עם־הארצדיק. די באָלשעוויקעס זענען ווייניק צייט געווען דאָ!

פאַר געווינען די דאָזיקע יוגנט איז אָנגעגאַנגען אַ כסדרדיקער געראַנגל צווישן די יידישיסטן און העברעיסטן; אַ באַזונדערס שטאַרקער קאַמף — פאַר די באַלמעלאָכישע קינדער. אויפן באַלמעלאָכישן קינד האָט מען אָנגעהויבן צו קוקן ווי אויפן הייוון פונעם פאָלק.

ק אַ פּ י ט ל ז ע ק ס א ו ן פּ ע ר צ י ק

געענטערע באַקאַנטשאַפֿט מיט דאָדיע קאָוואַלס הויזגעזינט

דאָדיע קאָוואַלס שטוב האָט דער סוף פֿון דער מלחמה דערווישט — אַ ייִדישלעך=פֿרומע, אַן איבערגלויבערישע, עם=האַרצישע און פֿאַרווילדעטע. מיט איר פֿאַרווילדעטקייט האָט זי זיך אויסגעטיילט פֿון גרעסטן טייל אַנדערע שטיבער פֿון באַלמעלאָכישן גראַד. אין ערגעץ, דאַכט זיך, איז נישט געווען אַזויפֿיל גריזעניש און קריגעריי, ווי דאָרט.

דאָדיע קאָוואַל איז נישט געווען פֿאַררעכנט צווישן די איידעלע ייִדן=באַלמעלאָכעם. זיינע ייִדישע קענטענישן זענען באַשטאַנען פֿון: דאַווענען נישט גאָר עברידיק; אייניקע תּפֿילות זאָגן פֿון אויסנווייניק, ווי „אשרי“, למשל; מעביר זיין די סדרה, אמות, אַ ביסל אונטער דער נאָז, ווי אַ סגולה, אַז ווילקעניעוודיקע אויערן זאָלן נישט דערהערן די שלעכטע „קאָוואַניעס“, און מיט אַ פֿאַרדעכטיקער איילעניש, וואָס זאָגט אים — דער וועג איז אַ שווערער, מע דאַרף אים וואָס שנעלער איבערקומען, האָבן אים שוין הינטער די פּלייצעס; קידוש און הבדלה מאַכן אויף אויסנווייניק, אויף אַ קול, און מיטן געהעריקן ניגון; אויסזינגען די שבתדיקע זמירות ביים טיש אין כאָר מיט די „בנים“ און „בנות“; יום=טובֿ קידוש מאַכן פֿון סידור אַרויס, דערפֿאַר אָבער מיטן גאַנצן קנאַק; פּסח פּראַווען דעם סדר, זאָגן די הגדה, אָנפֿירנדיק מיט דער חבֿרה אַרום, ווי אַ מלך, ביד=חזקה; און זאָגן קדיש פֿון אויסנווייניק אויף זיין מאַמעס יאָרצייט.

דאָדיע קאָוואַל האָט, פֿאַרשטייט זיך, אָפּגעהיט ייִדישקייט, און עס אויך געפֿאָדערט פֿון די קינדער. פֿאַר דער מלחמה פֿלעגט ער לאָזן אין גאַנג זיינע „אָפּגעלאָזטע“ הענט פֿאַר עובֿר זיין אויף ייִדישקייט. ווען אהרון „מעשאָר=שטשאָר“, דער בכור, האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אָפּגעגאָלט דעם שפּראָץ אויף די באַקן, האָט ער אים געשלאָגן מכות=רצח:

— דו ביסט נישט אברהם דעם יתומס בחור, וואָס גאָלט זיך די מאָרדע! אויף זייערער אַ באָבען שטייט אַ צלם מיט אַ פּאַרטעכל... און דיין טאַטע איז

ראָדיע קאָוואַל, דו משומד איינער! מיט צואה וועל איך דיר דעם גענאַליעטן פּאַרצוף פּאַרוואַטשקען!

דאָס איז געווען אַ ייִדישקייט נישט קיין תוכיקס, נישט אַזאַ, וואָס דרינגט אַרויס פון מענטשנס אינעווייניק, נאָר אַ צוגעטשעפּעטס פון דרויסן און אַ פאַר־פעסטיקטס דורך דער געוווינהייט; אַ ייִדישקייט פאַר „דער וועלט", פאַר דער זעלבער וועלט, וואָס ראָדיע האָט זי פיינט געהאַט און אַזוי אָפט זי ביטער אויס־געחוזקט און מיט גראָבע זלזולים ווי מיט קויט באַוואָרפן.

אויפן בית־מדרש האָט זיך ראָדיע געלאָזט קאָסטן, וויפל דער שענסטער באַלעבאָס, און ס'איז אים אָפּגעצאָלט געוואָרן מיט אָפטן אויפרופן, אים און די קינדער, צו דער תורה. מיט חנוכה־געלט פאַרן בלי־קודש האָט ער זיך געשטעלט זייער לייטיש, און צום דיינס שלח־מנות — געשיקט, פאַרשטייט זיך, נישט מיט דער שיקסע — פלעגט ער תמיד צולייגן אַזאַ מטבע, וואָס האָט פון דיינס ערנסט, יום־טובדיק פנים אַרויסגעפּאַנגען אַ צופרידענעם שמייכל:

— די באַלעבאַטים מעגן גיין זיך לערנען שאַצן אַ תלמיד־חכם ביי ראָדיע קאָוואַל דעם עם־הארץ!

איינמאָל איז אַפילו צו ראָדיען דערטראָגן געוואָרן דעם דיינס אַ וואָרט:

— אַן עם־הארץ נעבעך, ראָדיע קאָוואַל, אָבער דעם ווערט פון אַ תלמיד־חכם פאַרשטייט ער פאָרט. ער שאַצט אים נישט מיט קיין קופּערנעם מינץ, ווי אַ ליאַדע חשובער שטאָט־באַלעבאָס.

— ער האָט טאַקע אַן אַווערדיק מויל, זאָגט מען... איך אַליין האָב נישט געהערט... אָבער הענט... ערלעכע.

ראָדיען האָבן פאַרשאַפט נחת־רוח דעם דיינס קאָמפּלימענטן, האָט מען אָנ־געזען אויף זיין פנים, נאָר ער האָט זיך פאָרט אַ גריזשע געטאָן פאַרן „עם־הארץ" מיטן „אַווערדיקן מויל":

— פונדעסטוועגן איז ער מיט פאַרבעטן זיצן פאָרט פריער ומכבד אַ באַלעבאַ־טישן הינטן... דער באַלמעלאָכע איז ווי, להבדיל, אַ גוי — אַליין איז ער טרייף, זיין גראָשן — כשר.

ראָדיע פלעגט אויסמיידן אַריינצוגיין צום דיין אין שטוב, כאָטש ער האָט זיך גערעכנט פאַר אַן עמכאַדיקן דיין — דער מגין ביי אים אין שטוב איז באַ־שטאַנען נישט פון מיוחסים, און באַלמעלאָכעס פלעגן פראַווען ביי אים שלוש־סעודות און פאַרזיצן זיך שבת־צוגאַכטס ביי זיין מלוה־מלכה ביז חצות. ראָדיע האָט זיך אַליין אָפּגעגעבן אַ רעכענונג פון זיין עם־הארצות און מורא געהאַט פאַרן אייגענעם מויל אין אַן איידעלער סביבה. קלאָמפּערשט האָט ער פאַר־אַכטעט די איידעלע לייט, נאָר זייער מיינונג וועגן אים איז אים אינדערעמתן שטאַרק אָנגעגאַנגען. ער האָט ליב געהאַט, מע זאָל אים אָפּגעבן כבוד, נאָר —

נישט געקריגן אים אין דער מאָס, וואָס קומט אים לויט זיין מיינונג, האָט ער גענומען פון „דער וועלט" נקמה און געמאַכט זי אויסצודרייען.

אפשר ווען דאָדיעס קינדער־ און יוגנט־יאָרן וואָלטן געווען פאַרלאָפן אין אַן אַנדער סביבה און ביי אַנדערע באַדינגונגען, וואָלט פון אים אַ ווערטפולער מענטש אַרויסגעקומען. ער האָט געהאַט פעיקייטן, אַ גוטן פאַרשטאַנד, אַ גרויסע אַמביציע און שטאַרקע לייַדנשאַפטן. אָבער דער גורל האָט פאַר אים אָפּגעטיילט בלויז אַ שמאָל שטעגעלע אויף דעם זיך צו באַוועגן, פאַרטווישט זיין אַמביציע אויף קליינגעלט און זיינע לייַדנשאַפטן אויף פוסטע וועלעכצן. און ווייל נישט באַפרידיקט און תוך, איז ער שטענדיק געווען אָנגעלאָדן. נישט באַזיניקנדיק, ווער ס'איז דער שולדיקער, איז יעדער ביי אים שולדיק, און אויף יעדן קוקט ער ווי אויף זיינעם א שונא. דערפון אויך, מסתמא, זיין גיבול־פה.

אין אַ באַזונדערס פאַרביטערטן געמיטצושטאַנד האָט ער געקאָנט אויס־לאָזן זיין צאָרן אַפילו צום „שטריימל":

— נישט קיין שטריימל, אַ וואָמפּ וואָלט מען אים געדאַרפט אָנטאָן אויף דער יאַרמלקע!... און ס'טינופת זאָל פון אים אַראָפּרינען אויף אַלע שיינע יידן... וואָס פאַר אַ דיין קאָן ער שוין זיין, אַז שאַמע הררייזיע גררשונעבעם איז ביי אים שמש!

בעת דאָדיעס אַזעלכע מיאוסע און לעסטערנדיקע רייד, „פון וועלכע עס גלוסט זיך ברעכן און דאָס האַרץ הייבט אָן צו טיאָכקען", פלעגט זיין ווייב, מינציע, אַרומקוקן זיך מיט דערשראָקענע אויגן, צי זענען, חלילה, נישטאָ הער־ביי קיין זייטיקע אויערן, צושלייכן צו טיר און פענצטער, אויב אַזעלכעס איז אָפן, און „קעלביק" א זאָג טאָן:

— ס'ציט עפּעס א צוגווינט פון דרויסן... — און מיט א בעטנדיק קול צום מאַן:

— דאָדיע, גאָט איז מיט דיר!

די „בנים" פלעגן דערביי רויט ווערן, ווי די צוויקעס, פאַרשעמט פונעם טאַטנס „פּיסק", און פייערן איינער צום אַנדערן מיט די אויגן, פלעמלדיקע און שמייכלדיק־בלישטשענדיקע, זיך פאַרשטענדיקנדיק: ביסט א מבין אויף אים!... דערלאַנג אים איצט אהער דעם דיין, איז ער גרייט כאַפּן זיך יצו אים מיטן פאַ־סעק!... איז ער דאָך, דאַכט זיך, גאַנץ ווייט פון פרומקייט, דער טאַטע? און פונ־דעסטוועגן פרוּוו אָקאָרשט אַרויסדרייען זיך פון גיין מיט אים אין בית־מדרש אַריין דאַווענען, צי דו קריגסט נישט פון אים גלייך אַ טופּ מיטן האַרטן קולאַק אין זאַטילעק, אַז פינפאָרנט וועלן דיר פונקען זיך אַ שאָט טאָן פון די אויגן, ווי פון אונטערן בלאָזזאַק אַרויס! גיי, פאַרשפּיי ואים, דעם טאַטן. און איבערפרעגן — אויב דו ווילסט איינשטעלן דאָס לעבן, שטעל עס איין!

אַזוי האָבן אויסגעזען דאָריע קאָוואַלס יידישקייט־קענטעניש און זיין יידיש־קייט.

וואָס שייך זיינע וועלטלעכע קענטעניש, פלעגט ער זיך פריי צוזאַמענ־שמועסן מיט זיינע „כפּרהניקעס" אויף אַ זאַפּטיק אוקראַיניש, דורכגעוואָרפן מיט אַ יידיש וואָרט, אַזוי גלייך ווי זיין יידיש — מיט אַן אוקראַיניש וואָרט. אָבער לייענען און שרייבן האָט ער אויף די ביידע שפּראַכן נישט געקאָנט — אויגן און האַנט האָבן זיך אים נישט געלייגט דערצו. ערשט אין די שפּעטערע יאָרן האָט ער זיך אויסגעלערנט ביי איציקן אַנידערצולייגן אויפן פּאַפּיר זיין פּוילישע חתימה: וועמעס מאַכט — דעמס שפּראַך. אַ חשבון פלעגט ער מאַכן אויפן קאָפּ, און זעלטן זיך טועה זיין; אַ חשבון צו פאַרגעדענקען פלעגט ער פאַרצייכענען מיט קריידענע רינגלעך און פּאַסיקלעך אויף אַן אושאַק פון אַ טיר.

וועגן זיין ווייבס קענטעניש איז שוין אויבן דערציילט געוואָרן. און איצט — וועגן דעם יונגן דור.

אַוודאי וואָלט געווען דאָריעס אַמביציע, אַז כאָטש איינער פון זיינע „קדי־שים" זאָל אויסוואַקסן אַ גרעסערער תלמיד־חכם פון אים. זענען דאָך זיינע קינ־דער נישט קיין יתומים, חלילה, ווי ער איז דאָס געווען פון קינדהייט אויף. און אַ מאַמע האָבן זיי — אַ מאַמע, געלויבט צו גאָט, נישט קיין שטיפמאַמע, ווי ער האָט געהאַט. און — אויף וואָס, אויף וואָס — אויף צו לערנען זיי יידישקייט, און אויך שרייבן און חשבונען, וואָלט ער קיין געלט נישט זשאַלעווען. וועגן אהרון איז געוואָרן אַ „מעשׂאָר" ביים חזן, האָט דאָריע אויפגעלויכטן, ווייל אין הארצן איז אים אויפגעגאַנגען אַ שטאָלץ און אַ פרייד: אָט־אָט!... נאָר גאָרנישט איז דערפון אַרויסגעקומען:

— „אַ קעלבל האָט ער, — האָט זיסיע חזן געזאָגט — שוין אַזאַ יאָר אויף אונדז אַלעמען! נאָר אַן עברי האקט ער — אַזאַ יאָר שוין אויף אים אַליין!"

נו, און ווי נאָר ער איז עלטער געוואָרן, דאָס קול האָט זיך ביי אים געביטן, אוים אַלט — האָט אים דער חזן אַרויסגעשטעלט פונעם כאָר, ווי אַן אָפּגענוצטן בעזעם.

אַזוי, אַז אין די קליינע אותיעלעך איז אהרון געווען נישט קיין גרעסערער מיידעם פון זיין טאַטן. אונטער דער חופּה, נאָכזאָגנדיק דעם פעטער שאַמע שמש וואָרט ביי וואָרט דעם „הרי־אַת", האָט ער זיך נעבעך ספּאָטיקעט, און אַ גרוי־סער זכות איז אים ביי־געשטאַנען, וואָס ער האָט דערפאַר נישט געקריגן פונעם טאַטן קיין פּראַסק אין פּיסק אַריין אונטער דער סאַמע חופּה; דער זכות איז גע־זוען אַ פּשוטער: דער טאַטע האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס אייגענע איז געשען מיט אים אַליין... צעברעכן דאָס גלעזל איז אים אוודאי לייכטער אָנגעקומען, דעם חתן.

שרייבן און לייענען האָט ער אינגאַנצן נישט געקאָנט, אהרון, חשבונען אויפן קאָפּ — אויך נישט אַזוי לייכט ווי דער טאַטע. ער איז בכלל געווען אין כאַראַקטער אַ פאַמעלעכדיקער און אַ שווייגער. ווען ער האָט אַמאָל יאָ אַן אומצופרידענער א וואָרטשע געטאָן, האָט זיין קול בשום־אופן נישט דערמאָנט זיין באַרימטן אלט פון די פרי־יינגלשע יאָרן. א ביסל לשון האָט ער באַקומען, ערשט ווען ער איז אַ חתן געוואָרן נאָך זיין קראַנקהייט, ווי שוין אין איינעם פון די פריערדיקע קאַפּיטלען דערציילט.

אַז גיי טו עפּעס מיט זיי, מיט די „בנים“, מיט די גויים! האָבן, דאַכט זיך, נישט קיין פאַרשטאָפּטע קעפּ — קיין איין מלמד קלאָגט זיך נישט דערויף, נאָר אָט אַפּנים אַז שפּילקעס וואַקסן אויס אונטער זיי אויף דער חדר־באַנק. אַזוי ווי די „ניזשדע“ וואָלט זיך זיי אריינגעכאַפּט אונטער די תחתונים, אַז די כאָליערע ווייסט זיי! (ווער מיינט דער פּסוק מיט דער כאָליערע: די פּאַראַזיטן פון דער „ניזשדע“, אָדער זיי אליין טאַקע, די „בנים“? אויף יעדן אופן שפּייט זיין ווייב דריי מאָל אויס דערביי).

אויך דבורה „פּיסקעס“ האָט קיין עברי נישט געקענט. גלייך ווי איר מאַמע, האָט אויך זי זיך נישט אויסגעלערנט די קונץ ביי דער באָבע ליבע חיה. ווען זי וועט נאָך איר חתונה גיין אין שול אַריין דאַווענען, וועט איר אָפענער סידור אויפן שטענדער גענעצן, און זי אַליין וועט טאָן דאָס אייגענע וואָס די מאַמע — „ציילן די באַליעקעס“. הערפאַר א יידיש בריוול „אָנצוקאַצקען“ און אליין עס קוים מיט צרות איבערצולייענען האָט זי יאָ געקאָנט. פונוואַנען דאָס האָט זיך דערנומען איז שווער צו זאָגן. זאָל זי עס האָבן אומבאַמערקט אַליין זיך אויסגעלערנט? סיידן די העברעיסטן זענען גערעכט געווען:

— זשאַרגאָן דאַרף מען זיך דען לערנען? ס'אַ לשון, וואָס קריכט אפילו אַ דינסטמויד אין קאָפּ אַריין...

שימקע „בעל תכלית“ איז נישט אויסגעוואָקסן קיין גרעסערער ווילקענער פון אהרונען. כאָטש אַ קאָפּ האָט ער געהאַט אַן אָפענערן, און לויט זיינע פּעיקייטן—געראָטן געווען אין טאַטן, ווי לויטן אָנבליק. פאַר דער צייט פון זיין נאָכגיין („אוכאַזשעוועון“) פערל דעם פעטער שאַמעס, האָט ער זיך יאָ געקליבן צו גיין אויף אַ לעקציע צו שמעון אַדלער, נאָר אויף אַרבעטן אין קוזניע, און אויף „שפּילן“ די ליבע, און דערצו נאָך לערנען זיך אויך — האָט אים קיין צייט נישט געסטייעט. און ביז ער האָט זיך אויסגעקליבן — איז עס אים שוין מער צוליב פערלען נישט נייטיק געווען... נאָר וועגן דעם ווייטער.

די עם־הארצישסטע זענען געווען בושקע „בומאַזיע“ און נפתלציע „דער קרומער“. בושקע האָט אויף די פּלייצעס פּשוט קיין קאָפּ נישט געהאַט, ווי זיין טאַטע פלעגט זאָגן, ווען איידל גערעדט:

— ער האָט זיין מאַמעס קאָפּ אויף זיך... אַ קאַצענעם קאָפּ.

און ווען גראָב, אויף זיין אייגענעם שטייגער:

— ביי אים דאַרף מען זוכן דעם קאָפּ פון הינטן... ס'איז נישט קיין קאָפּ — זאַדיק־פלייש!

אַפילו צו דער אַרבעט אין קוזניע זענען ביי אים די הענט אין אָנהייב גע־לייִמט געווען, ביי בושקע „בומאַזיע", ווייל סע רעגירט מיט זיי אַ „ווי־הייסטמע־נעם".

נפתּלציע „דער קרומער" ווידער, ער וואָלט זיין גאַרנישט פון די ערגסטע, ווען ער וואָלט נאָר געווען „איינגעמען דאָס וועלניש". ער האָט שוין זיכער גע־האַט אויף זיך דעם טאַטנס קאָפּ. נאָר, ווי זיין מאַמע פלעגט אויף אים אָפּט זאָגן שטילערהייט, ער זאָל, גאָט באַהיט, נישט דערהערן:

— וואָס אָרעם, איז נישט רייך,

און וואָס קרום, איז נישט גלייך...

נפתּלציע האָט באַקומען זיין צונאָמען צוליב זיינע קאַליעדיקע פיס. פון געבוירן אָן זענען זיי געווען ווי געשוואָלן אין די קנעכל און אַזוי אויסגעדרייט, אַז זייערע פיאַטעס — ווי איינע וואָלט זיך אָוועקגעקערט פון דער אַנדערער; צעקריגט צווישן זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויפן גאַנצן לעבן און ווילן נישט גיין בייגאַנד: וואָלט נאָר זיין אין זיי געווענדט, וואָלט יעדע אָוועקגעפירט דעם קערפּער אין אַן אַנדער ריכטונג; ווען די צוויי אייביקע שונאים, קידער און ווי־דער, וואָלטן אימשטאַנד זיין אויסצופירן זייערס, וואָלטן זיי דעם קערפּער, וואָס באַהעפט זיי, אויף צווייען צעריסן...

שיך אויף נפתּלציעס פיס איז געווען אַ בריה אָפּצואַרבעטן בלויז איין באָנ־טשע פאַרך — דער בעסטער שוסטער אין שטעטל, כאָטש די מלאכה קומט נישט אַרויס ביי אים אַזוי געטאָקט, ווי ביי זייער שכן בעריש וועלוול „דעם רבינס איי־דעמל". ווייל צו נפתּלציעס שיך דאַרף מען צוליגן שכל, און באָנטשע האָט נישט בלויז אַ פאַרך אויפן קאָפּ, נאָר אויך אַ קאָפּ אויף די פּליצעס, אַפילו ווען ער איז נאָך אַ גלעזל. דאָדיע פלעגט אים טאָקע פאַר דער דאָזיקער פאַר שיך באַ־צאָלן, באַנטשען, אַזוי, „ווי ער וואָלט זיי באַקומען אין אַפּטייק אויף אַ דאָק־טערס אַ רעצעפּט".

אויך לויטן כאַראַקטער איז נפתּלציע געווען דער גרעסטנסטער אינעם טאַטן. תמיד בייז, פאַרביטערט און גרייט אַריינצולאָזן זיך אין קריג, זידלעריי און גע־שלעגן. וואָס שייך דער מאַמען פלעגט ער נישט נאָר אונטערהאַלטן דעם טאַטנס טענות קעגן איר, צושטעלן איר אַ בענקעלע פאַר אים, נאָר האָט זי פיינט געהאַט תכלית־שנאה. און פאַרוואָס?

— הלמאַי האָט זי מיך געהאַט מיט אַ מום!... כ'האָב זי געבעטן? וואָס איז? כ'האָב איר מער ווי די אַנדערע בראַטאַקעס געטווישעט מיט די פּיסלעך אין די געדערעם? — האָט ער געטענהט ערנסט־צאָרנדיק, ווי אויסן זינען.

דאָדיע פלעגט אַמאָל אויסהערן די אָפּגעריסן־נאַרישע טענות פונעם קלוגן „בן“ און נאָך אָנקוועלן.

און די מאַמע האָט געהאַט אויף דעם איר אייגן שפּריכוואָרט, וואָס זי פלעגט זאָגן שטיל און זייער טרויעריק:

— די שנאה מאַכט בלינד
אַפילו אַן אייגן קינד,
און ווי איז צו זיין מאַמען
מיט אים צוזאַמען.

אַלע זיינע ברידער האָבן געהאַט חברים און גוטעברידער, און עלטער געוואָרן — יידישע און אוקראַינישע מיידלעך. נפתּליציע אָבער איז געווען אָפּגעפרעמדט פון מענטשן, ווי אַ ווילדער: זיין מיאוסער מום און דאָס שעמען זיך מיט אים האָבן אים געהאַלטן צוגעשמידט צו דער היים. קינדוויין פלעגט ער אַנטלויפן פון חדר פון הינטערן טיש. אין בית־מדרש צום דאַווענען איז ער נישט אָפּגעטראָטן קיין פיר איילן פון טאַטנס שטענדער, אויסבאַהאַלטנדיק אונטער אים די פּיס. ער איז דעריבער געוואָרן נישט נאָר זיין טאַטנס רעכטע האַנט אין קוזניע ביי דער אַרבעט, נאָר אויך פאַרנומען זיך מיט דער באַלעבאַטישקייט אין שטוב. אָפּגעבן זיך מיט דער „פּאָסעסיע“ איז געוואָרן אויסשליסלעך זיין זאַך; קיין אַנדערנס קאָפּ האָרט נישט פאַר איר.

די „פּאָסעסיע“ האָט אין דאָדיעס שטוב געהייסן דאָס ביסל עופות, וואָס זיי האָבן געהאָדעוועט צו יעדער צייט אויף צו פאַרנוצן צום טיש שבת און יום־טוב און אויף פליד: הינער, קאַטשקעס און אינדיקעס; אום ווינטער — שטייגן מיט געגנדז אויף שמאַלץ מיט גריוון אויפן גאַנצן ווינטער און אויף פּסח. מע דאַרף איינזינען האָבן צו דערלאַנגען די עופות שפּייז און געטראַנק צו דער צייט, שטאָפּן די געגנדז, אונטערלייגן די קוואָקעם הינערשע, קאַטשענע און אינדעטשאַנע אייער צום אויסבריען. — „די הון איז די בעסטע מוטער“ האָט מען געהאַט בקבלה דאָרט אין שטוב; מיט דער קאַטשקע די פלאַפלערין איז מען נישט זיכער, צי וועט זי מיט געדולד אויסזיצן די צייט; די אינדיטשקע ווידער קאָן אויסזיצן, אויסזיצן, און אָט טוט זי, די פּריצישע שלימזלניצע, אַ טרעט אַרויף מיט אַ פיסל אויף אַן איי, און איר גאַנצע מאַמעשע מי רינט אויס, ווי אַן אויסגעשלאָגן אויג...

— איז ווער זשע טראָגט עם דאָס אַלץ אויפן קאָפּ און ווער, דער עיקר, פּירט טאַקע אויס די אַרבעטן? נישט די דינסט, נישט די מאַמע און אוודאי און אוודאי נישט די פרינצעסינס מיט די פרינצן, די שוועסטערלעך מיט די בראַטאָקעס! נאָר — ער אַליין, נפתּליציע. בנוגע שטאָפּן די געגנדז, האָבן אַלע שטוביקע מודה געווען, אַז טאַקע נאָר ער איז דער אמתער טויגער דערצו — („נפתּליציע אייגער, און מער קיינער“), ווייל ער איז דער שטאַרקסטער אַכלער, און דאָס איז אַ סגולה צו געגנדז שטאָפּן. ער פלעגט איינזינען האָבן מיטן עסן דעם הונט און

אַפילו די קאַץ, אָפּט פאַרטרעטן דעם טאַטן ביים אויסמעלקן די קו. דאַרף מען גיין צו אַ מעשׂטשאַן קויפן זריעה פאַרן גאָרטן הינטער דער קוזניע, איז ווידער נפתּלציע (פאַר נישטיידן שעמט ער זיך עפּעס נישט אַזוי שטאַרק מיט זיין מום). אַ קלייניקייט: מע דאַרף אַריינהאַקן אַ צוויאָק אין דער וואַנט — נפתּלציע, צוקלאַפּן אַ ברעטל צום שטאַל — נפתּלציע.

האָט זיך דערהאַר נפתּלציע געפילט ווי אַ באַלעבאָס אין שטוב און זיך געבלאָזן און געצאָרנט, ווי אַן אינדיק. ער האָט געהאַט חוצפּה קעגן אַלעמען; וואָלט זי אפשר געווען האָבן אויך קעגן טאַטן, נאָר מיט אים איז ער געווען בלאַט.

און אָט האָט זיך אונטערגערוקט אַ צייט פון אַ סך אַרבעט און גרעסערע געשעפטן. מע מוז האָבן עמעצן, וואָס זאָל קאָנען אַ פּויליש שטיקל פּאַפּיר איבערלייענען, אַ חשבון מיט דער פּען אַרויספירן, אַן אַדרעס אָנשרייבן. נו, און אַ געלערנט קינד איז טאַקע אַ כּבֿוד פאַר לייט אויך. נאָר פון די עלטערע איז שוין אָפּגערעדט — זיי האָבן פאַרשפּעטיקט. ס'קאָן אַ רייד זיין נאָר מכוחן יונגוואַרג: וועגן איציקן, וואָס „שנײדט זיך עפּעס פאַר אַ בעל־דרשער וועגן יושר“ און די מלמדים זאָגן — „אַ שאָד צו לייגן אַזאַ קעפּל אויף דער קאָוואַדלע“; און וועגן אסתּרקען „דעם באַנדיט“, וואָס אויב נישט לערנען זי, וואָס וועט פון איר אויסוואַקסן? זי וואַקסט דאָך אין ווילדן סטויפּ אַריין!

אסתּרקע האָט זיך פאַר יענער צייט איינמאָל אָנגעבראָגזט ביז צום טויט אויף שיע מלמד און געמאָלדן מיט עקשנות:

— איכל ווייטער נישט גיין צו אים! — ער האָט מיך געלעקט מיט די פאַרש... ליפּן. פּע־ע־ע!

— אַ מויד — איז אַרבעטן אין קוזניע נישט, — האָט דאָדיע געשריגן — אין שטוב, אַז מע האַלט אַ דינסט, דאַרף איך זי אויך אויף טישעניינציק כּפּרות! איז ווו פאַרשטעק איך זי? אַז שטעקן זאָל זי שוין קאָלאָם!

און בוניעקן, דעם מיזינעק — אַ קינד נאָך, איז דאָך אוודאי אַ יושר אים אַ ביסל צוצולערנען.

איז געפאַלן דאָדיעס באַשלוס, ווי אַ באַפעל, וואָס ווער עס איז עובֿר אויף אים, איז חייב קלעפּ:

— ער וועט נעמען אַ לערער אין שטוב אַריין פאַר די קלענסטע „גויים“!

דער חבֿרה איז דעם טאַטנס פריצישער פאַרנעם שטאַרק געפעלן געוואָרן, זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט מיט ברען: „אַדרבא!“ און געוואַרט אויפן לערער.

קאַפּיטל זיבן און פערציק

בעקערמאַן אַ לערער ביי דאָדיע קאָוואַל

נאָך זייער חתונה מיט דבורהל בערעקס האָט זיך דוד בעקערמאַן גענומען פּוצן אין די פּאַווע=פּעדערן פון זיין דבורהלס יחוס, כדי מיט זיי צו פאַרדעקן דאָס געדעכעניש פון זיין טאַטן יצחק דעם ליטוואַק, דעם שוסטער, ווי אַ שוסטער וואָלט זיין אַ קרא. און מיט דער הילף פון זיין ווייבס לעבעדיקע קרובים — איינער פון זיי מאָטיע גפן, דער „עמוד=האש"* ביי די ציוניסטן — האָט טאַקע דער יחוס פאַרדעקט:

דוד בעקערמאַן איז נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען און אינטערווענצן אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ לערער אין דער תרבות=שול.

האָט איינמאָל, אויף אַ זיצונג פונעם „וועד=ההורים"** ביי דער תרבות=שול, אַ זאָג געטאָן דער „יושב=ראש"***, מאָטיע גפן:

— אייגנטלעך וואָלטן דאָך די באַלמעלאָכעס באַדאַרפט שיקן די קינדער אין אונדזער שול. מיר מאַכן דאָך נישט קיין חילוק צווישן אַ באַלעבאַטיש קינד און אַ באַלמעלאָכיש. אַ סימן — ווער איז ביי אונדז לערער? דוד בעקערמאַן, יצחק דעם ליטוואַקס, דעם שוסטערס אַ זון.

מ'האָט אים אַליין טאַקע, בעקערמאַנען, געמאַכט פאַרן פּראָפּאַגאַנדיסט, געשיקט אין די באַלמעלאָכישע הייזער ווערבירן קינדער: אַ שוסטערס אַ זון, וועלן די „סמאָלע=קעפּ" האָבן צו אים צוטרוי; ער פאַרשטייט זיך צום בעסטן, ווי צו רעדן מיט זיי אויף זייער לשון.

דוד בעקערמאַן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אומרו פון אַ זייגער: געשאָקלט זיך אַהין, אַהער. צווישן זיינע באַלעבאַטישע קרובים פון ווייבס צד און די באַלעבאַטישע טאַטעס פון עלטערן=ראַט האָט ער, ווי אַן אייגענער מענטש, אויס=

* פּייער=זאַל

** עלטערן=ראַט

*** פאָרזיצער

געלאַכט דעם „המון“; צווישן די באַלמעלאָכעס האָט ער זיך פון צייט צו צייט, דער עיקרשט אָנהייב שול־יאָר, געריבן ווי אייגן בלוט און פלייש, מיט אַ שפּאָט־שמייכעלע פון אונטער די האַרטע וואָנצעס, וועגן די „פיינע לייט“, וואָס ער האָט זיי שוין, ברוך השם, „דערקאָנט“.

— ...אָבער דעם אמת מוז מען זאָגן — זייער שול איז אַ גוטע. אין שול איז דער לערער דער באַלעבאָס... אָ יע! און ווער איך בין... כי־בי־כי... דאַרף איך דאָך אייך נישט זאָגן — מיין טאַטע איז געווען יצחק שוסטער, אַ לאַטוטניק און אַ ליטוואַק דערצו.

אַזוי האָט ער זיך צוגעשאַרט אויך צו דאָדיע קאָוואַל, דעם קלוגן און כיטרען, און אים געגומען פון איין זייט מיט באַרימערייַ און פון דער צווייטער זייט מיט הנופה און שפלות.

האָט דאָדיע איינמאָל אין שטוב ערגעץ אויסגערעכנט דעם לערער בעקער־מאַנס מעלות: אַ מענטש פון אייגענעם גראַד; אַן אָנגעבידעוועטער פון קינדוויין איוף, אין דער היים און אין דער פרעמד; אַ גרויסער מיידעם אין די קליינע אותיעלעך... סיי אין די יידישע, סיי אין די גוייִשע; פאַר ניקאָלאַיקען געקאָנט רוסיש, פאַרן עסטרייכער — דייטש, און אַציגד, זאָגט מען, האָט ער זיך שוין אויסגעלערנט פויליש — שרייבט פראַשבעס! און אין די גרויסע גמרות, כאָטש הייגט דאַרף מען עס נישט — איז ער דאָך געווען אַמאָל אַ ווילערנער אין שטאָ־טישן בית־מדרש. און פון לשון־קודש איז דאָך אָפגעשמועסט — אַ לערער ביי די ציוניסטן אין דער שול!

— וועט ער מאָרגן קומען אייך לערנען, עפענען אייך די קעפּ, — האָט ער פאַרענדיקט און יעדן פון די קינדער אָנגעקוקט מיט אַ שאַרפן פאַרשנדיקן בליק.

אויף מאָרגן איז ער געקומען, דוד בעקערמאַן, שטיל אַ זאָג געטאָן „גוט מאָרגן“! און אַראָפּגענומען דאָס היטל (אַ מאָדערנער לערער).

זיין פּאָרטרעט דערמיט:

אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר פינף און דרייסיק; פון מיטעלער וווקס; זיין פיגור — פּולבלער, עטוואָס געבויגן אין דער פּלייצע, אָפּגעזעצט; זיין קאָפּ — קיילעכיק, מיט אַ טיף־ווינקלדיקן שטערן אונטער אַ נידעריק־געשוירענעם קוטשער טונקל־שאַטענע האָר; דאָס פּנים — הוכלע, געראַזירט; אויגן — קליינע, קורצזיכטיקע, מיט צוגעזשמורעטע ברעמען (ס'קומט אויס, אַז די אויגן קריכן צוריק הינטערן שטערן, ווייל ס'איז זיי שווער אַדורכצוקריכן זיך דורך די דיקע פענסנע־גלעזלעך, און קוקן קוקט ער מיטן גאַנצן אָנגעשטרענגטן פּנים); אַ קורץ געדיכט נעזל, וואָס פון דער נאָענט הערט מען ווי עס טוט פון צייט צו צייט אַ סמאָרע: ס־ס־ס! אונ־טער דעם — אונטערגעשוירענע דראָטענע וואָנצעס אויבער קליינע דיקלעכע ליפּן; ציין — גאַנצע, נאָר צוגעזשאַווערטע; זיין שטים — ווי באַוואָקסן מיט מאָך און דורכגעזאַפּט מיט בוימל.

מיט דער צייט פלעגט איציק באַמערקן, אַז ווען ער איז אַליין מיט זיך, איז זיין אָנבליק ערנסט, פאַרזאָרגט, און זיין שטערן שאָטנט זיך פון מחשבות; צווישן מענטשן ווערט זיין פנים באַוועגלעכער, אויפגעלעבטער. זעלטן איז ער אַפילו גוט אויפגעליינט. דעמאָלט ווערט ער באַרעדעוודיק, באַקומט הומאָר, דאָס פנים שמייכלט, און די קעל ציקלט זיך:

— כי־כי־כי! רב דאָדיע, וואָס קאָכט זיך עפעס ביי אייך אין קוזניע?

— כי־כי־כי! איר ווייסט, מינציע? איך בין דאָך אויך אַ קאָוואַל, ווי אייער מאַן. פאַלט אַריין צו מיר אין קוזניע אַן אייזערנער קאָפּ, איז גוט און ווויל צו מיר, און צו אים, און צו אונדז בײדן! כי־כי־כי! איך קאָוע שוין אויס פון אים עפעס רעכטס. נאָר טאָמער, חלילה — אַ דעמבענער, פאַרשעלט איך זיך די יאָרן. כ'וואָלט אים געדנער געשיקט אויף „טראַטשקע“ צו אייער שווער, צו גרשונען. המם...

דאָ ווויל ער זיך און שרעק אָפּבייסן די צונג: ווער ווייסט עס נישט, אַז גרשון טראַטש איז שוין עובר־בטל! און ער פאַרריכט זיך, דער לערער בעקערמאַן, זיך ווענדנדיק צו דאָדיען:

— נאָר ס'איז שוין היינט נישט פאַר אייער טאַטנס כוחות...

דאָדיע טוט אים אַ ברי פון אונטער דעם אראָפּגערוקטן דאַשעק, דורכן בלוי־לעכן רויך פון זיין ציגאַר, מיט אַן אומצופרידענעם בליק: וואָס פראַוועט ער עס מיט מיר פאַלשע אָנשטעלן, דער לימוואַק! ער דערציילט מיר ווען גרשון טראַטש! — און ער טוט אַ וואָרטשע:

— ניין, דוד, דו ביסט נאָר אַ קאַצעלייניק... מע דערלאַנגט דיר זאָדיק־פלייש — טרייבער!

אסתרקע טוט זיך אַ ציגער אָן פון בושה צוליבן טאַטנס גראָבע רייד פאַרן לערער אין די אויגן. אָה, ווען זי וואָלט געקאָנט אַרומוויקלען איר קליינע פויסט מיט אַ שמאַטע און פאַרשטאָפּן זיין „אָפן“ מויל, דעם טאַטנס, איינמאָל פאַר אַלע מאָל! אָבער, זע, דעם לערער מאַכט עס אפנים נישט אויס. ער ציקלט זיך ווייטער מיט חנופה:

— כי־כי־כי! איר זענט גערעכט, רב דאָדיע, טרייבער! כי־כי־כי! ווען אייער אסתרקע — אַ מיידל — וואָלט דאָ נישט געזיצן, וואָלט איך אייך געפרעגט אַ האַרבע קשיה...

דאָדיע טוט צופרידן אַ שמייכל און סטראַשעט דעם לערער מיט אַ פינגער גוטמוטיק. נאָר אסתרקע שטויסט זיך אָן דעם לערערס מיין: ווי טרייבערט מען דאָס אַ מיידל — מע טאָר דאָך נישט קוקן?! און דווקא ווייל זי איז אָנגעגאָסן מיט חרפה, שיסט זי אויס אַ געלעכטער.

— ווען עלטערע שמועסן, דאַרף אַ קינד זיצן מיט דרך־ארץ, — לערנט איר דער טאַטע מיט אַ בייזער און טוט זיך אַ ווענד צום לערער:

— און דו קוק נישט אויף קיין מיידלשע גליקן, פירט זיך עס אויף נישט ווי ס'קער צו זיין — טרייבער!... נאַ. נעם אַ ציגאַר טימון.

געטרייבערט האָט ער נישט, דער לערער, קיינעם פון זיי. ס'וואָלט אים מער נישט געפעלט! נאָר געקנעלט האָט ער פעסט. געהיצט זיך און געקאָכט זיך. טיילמאָל, ווען דאָריע איז צופעליק געווען אין צווייטן חדר, געשריגן הויך אויף אַ קול און באַליידיקט. זיי האָבן עס זיך נישט גענומען צום האַרצן: פאַרשטאַנען די שפּיל, דעם אָנשטעל, האָבן זיי געלאַכט אין זיך אַריין.

די לעקציעס זענען באַשטאַנען פון העברעיש (שוין נישט פון דאַווענען) און יידיש, פּויליש און חשבון. בוניעק האָט זיך געלערנט אַזוי־זיך; אסתרקע — פלייסיקער אַ ביסל; גוט — איציק „בעל יושר". פון ש״ע מלמדים חדר איז אסתרקע אַנטלאָפן, פונעם לערערס לעקציעס קיינמאָל נישט. זיי זענען אַזוי טיילמאָל אינטערעסאַנט געווען. חוץ דעם איז זי דעם לערער פאַר עפּעס דאַנקבאַר געווען, און דאָס האָט איר אין אַ געוויסער מאָס צו אים צוגעבונדן:

דער לערער האָט איר באַקענט, פריער הינטער די אויגן, דערנאָך זי צוזאַמענגעפירט מיט צוויי באַלעבאַטישע מיידעלעך: שבעלע קאַגאַן און רחל האָרן, און זיי זענען געוואָרן חברטעס.

שבעלע האָט געלערנט אין דער „פּאָוושעכנער" שול, און רחל האָרן אין בית־הספר. ביידע האָבן זיי געהאַט אַ סך אינטערעסאַנטס איר צו דערציילן. זי פלעגט זיי אויסהערן מיט נייגיר און קנאה — ס'האָט אַזוי געצויגן צו אַ גרויסן קינדער־עילום! זיי פלעגן איר אויך אָפט דערציילן וועגן זייער בשותפותדיקן לערער, דוד בעקערמאַן. ס'איז אַרויסגעקומען פון זייערע רייד, אַז נישט אין דער העברעישער, נישט אין דער פּוילישער שול „לעקט ער נישט קיין האָניק", דער לערער. אין דער פּוילישער שול שטעקן אים די „שקצימלעך" אַרויס אַ צונג און רופן אים — פאַרשטעלט הינטער דער וואַנט, אָדער אַ בוים — „זשידיווסקי פּיפּ"; * אין דער העברעישער שול סודען זיך די קינדער, ווער מיט פאַרוווּנדערונג, ווער מיט שפּאָט, אַז זיין טאַטע, דעם לערערס, איז דאָך געווען אַ שוסטער, יצחק ליטוואַק. קיין דרך־ארץ האָט מען נישט פאַר אים, פאַרן לערער, נאָר מורא. ער שרייט, ווי זיין מאַמע, צפורה די ליטוואַטשקע. אָרעמע קינדער, באַלמעלאָכישע, שלאָגט ער אַמאָל אויך.

— אוי, האָט ער איינמאָל געשלאָגן איינעם אַ נחום וואָלף... אַ יתום...

— אהא! — שטויסט זיך אסתרקע גלייך אָן. — אַ ייִנגל מיט אַ ראָזלעכן קאַרב אין אַ באַק ביז די ליפּן? וואָס שטשירעט כסדר מיט די ציין? יאָ?... ס'איז אונדזער שכנהס אַ ייִנגל, פעסיע חווה דער דאָרפסגייערינס.

* יידישער גלח

— אוי, האָט אים דער לערער געממיתט! — ציט רחל האָרן די ווערטער, ווי איר שטייגער רעדן איז, שאָקלט מיטן קאָפּ אַהין און אַהער, ווי זי וואָלט דערפֿון אַנטציקט געווען, אַז די וויעס לאָזן זיך איר אַראָפּ איבער די העלברויגע בולטע אויגן, די פֿולע ליפּלעך ווערן נאָך פֿולער, און זי לאַכט. — דער לערער שלאָגט אים, ער רעוועט אויף אַ קול, ווי אַן אָקס, נאָר זיין פּנים, קומט אויס, אַז סע לאַכט...

אַ מאָדנע שטים ביי רחלען: אַ ווייכע, פֿאַרשלאָפֿענע און זיסלעכע, און די ווערטער ציען זיך ביי איר פֿאַמעלעך ווי פּאַטעקע... „זי טרינקט אַוודאי שטאַרק פֿאַרצוקערטע וואַרעמע קאַקאַאָ" — טראַכט אסתּרקע אָפּט ווען איר. אירע אויגן זענען תּמיד ווי פֿאַרצויגן מיט אַ נעפּעלע. ווען זי שמייכלט, אַפֿילו ווען זי לאַכט, דאַכט זיך, אַז דער שמייכל פֿלאַטערט אַרום די אויגן; די אויגן אַליין אָבער בלייבן ווייטער איבער אונטערן נעפּעלע.

— אוי, געשלאָגן! אוי, געשלאָגן! — האַלט איר אונטער שבֿעלע און כאַפּט זיך מיט די פֿינגער פֿאַר איר אימעטיק, גרין פּנימל; אירע טונקלברוינע אויגן ווערן גרעסער, און אַ שמייכל מאַכט איר חן־גריבעלעך אין די אָפּגעצערטע בעקלעך.

שבֿעלעס שטים, ווען זי הייבט זי אויף, איז מיט אַ כריפּ, ווי אין דער קעל וואָלט איר געווען די הויט צעקרעלט... „זי מוז טרינקען קאַלטע טיי אָדער ציקאָריע אָן צוקער" — טראַכט אסתּרקע ווען איר. אירע אויגן זענען תּמיד ווי פֿאַרוועבט מיט אומעט. אָבער ווען זי צעשמייכלט זיך, קומט דער שמייכל צו אַלעם ערשטן פֿון די אויגן־שוואַרצאַפּלען, וועלכע ווערן גרעסער; דערנאָך ערשט מאַכט ער חן־גריבעלעך אין די בעקלעך, און נאָר צו לעצט טוט ער אַ צוק מיט אירע בלווילעכע ליפּלעך.

רחלס טאַטע איז אַ וואַלד־סוחר, אַ גבֿיר; שבֿעלעס — כאָטש פֿון באַלעבאַטישן גראַד, אַ יורד, אַן אָרעמאַן.

סע זעט נישט אויס, זיי זאָלן זיך ערגערן, אירע חבֿרטעס, פֿון דעם וואָס דער לערער האָט געשלאָגן דעם אָרעמען יתום. אפֿשר דערפֿאַר, ווייל זיי זענען געווינט דערצו, און אפֿשר ווייל ער אַליין, דער געשלאָגענער, האָט געשמשירעט מיט די ציין. ווערט אסתּרקע אויך אויפֿגעהייטערט, שיסט אויס אַ געלעכטער, אַ שקאָציש געלעכטער, און כאַפּט זיך: וואָס האָט זי דאָ אָפּגעטאָן?! ארויסגעוויזן, ווער ס'איז איר טאַטע! דאָריע קאָוואַל!.. און זי נעמט זיך פֿאַררעדן.

מיט די דאָזיקע חבֿרטעס, וואָס אין זייער ביישיין האָט זיך אסתּרקע געמוזט אויפֿפֿירן סטאַטעטשנער ווי געוויינלעך, האָט זי זיך געגרויסט קעגן אירע חבֿרטעס פֿון באַלמעלאָכישן גראַד. די נייע חשובֿע חבֿרטעס פֿלעגן אַפֿילו קומען צו איר אין שטוב אַריין. אסתּרקע פֿלעגט באַמערקן אויפֿן טאַטנס פּנים, אַז אַפֿילו ער איז

צופרידן און נעמט זיך איבער: יצחק האָרן דעם וואַלד־סוחרס טעכטערל חברט זיך מיט מיין „באַנדיט“!

אַז זיי, די קליינע חברטעס, זענען דורכן לערער בעקערמאַן מיט אַ הינטער־כּוונה צונויפגעפירט געוואָרן, איז ער האָט „אויסגעפירט דעם שידוך“ צוליב שול־פּאָליטיק: סוף־כּל־סוף אַריינצובאַקומען דאָדיע קאָוואַלס אַ קינד אין דער העב־רעישער שול, — האָט נישט איר טאַטן און אוודאי נישט אסתריקען געקאָנט איינפאַלן. און דערפאַר, כאָטש לעצטנס איז אויסגעקומען צו צאָלן פאַר דער לעקציע בלויז פאַר איר מיט איציקן אליין — בוניעק האָט אויפגעהערט מיטן טאַטנס הסכּמה צו לערנען: „דאָס לאָשעקל איז נאָך צו יונג צו גיין מיט די עלטערע אין שפּאַן“ — האָט דאָדיע דערמיט זיך נישט גערעכנט און דעם לערער ווייטער געהאַלטן.

אמת, דער שכר־לימוד איז דעמלט פאַר דאָדיען נישט קיין גרויסער באַטרעף געווען. די קוזניע אַרבעט אָן אויפהער, און די שטוב באַדאַרף זיך אין שפע. מע פאַרדינט שוין נישט בלויז מיט „די אייגענע צען פינגער“: טאַקע מיט דער הילף פונעם לערער האָט דאָדיע, איינמאָל ביי אַ גלעזל טיי מיט לימענע און אַ סך אָנגערויכערטן ציגאַרן־רויך, אַרויסגעפירט אַ חשבון און פעסטגעשטעלט, אַז איידער לאָזן זיך באַרייסן פון מאַטיע גופן, לוינט זיך בעסער אויסהאַלטן אַן אייגענע פערד־און־וואָגן, באַצאָלן, ווען מע דאַרף, אַ שמייסער, אָדער שיקן אַ געזעל נאָך דער סחורה קיין לודמיר, און זיין „סאַם פאַן, סאַם כאַזאַין“*; און געטראַכט און געטאָן; און אינגיכן איז טאַקע געשטאַנען ביי זיי אין שטאַל אייגענע פערד־און־וואָגן. דאָדיע האָט אַליין באַצויגן דאָס אייזנוואַרג פון לודמיר און קאָוולע.

צוליב דעם האָט זיך דאָדיע אָנגעהויבן באַטראַכטן פאַר אַ שטיקל סוחר. איציק פליגט עס אַראָפּליענען פון זיין פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט גרויס־האַלטעריי יעדעס מאָל, ווען פערד־און־וואָגן האָבן זיך אומגעקערט מיט דער טומל־דיקער און בראַזגענדיקער סחורה.

ערשט האָט שוין נישט געקלעקט קיין פּלאַץ אויף דער טיר צו פאַרשרייבן מיט קריידענע פּאַסקעלעך און רינגעלעך אַלע חשבונות. דאָדיעס קאָפּ איז נישט אַזוי שאַרף געווען פון זיי זיך אַרויסצופּלאָנטערן. מ׳האָט געמוזט אָנקומען צום לערער מיט זיין גיכער פען. טיילווייז פלעגט צוהעלפן איציק, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע פּעולה ביים לערער אויף חשבון. מיט דער צייט, האָט דאָדיע פאָרויס־געזען, וועט „דער באַנדיט“ אויך צוהעלפן. וואָס דאָס האָט באַוויזן באַשיימ־פערלעך מינציעס ווערטל, אַז — וואָס סע קאָסט געלט איז ווערט געלט.

— כּל־זמן דער „בעל־יושר“ און דער „באַנדיט“ האָבן נישט פאַרלוירן דעם אַפּעטיט צום לערנען, — האָט דאָדיע, גוט אויפגעלייגט, געזאָגט — זאָלן זיי זיך לערנען און ווערן לייט.

* אליין פריץ, אליין באַלעבאָס

קאַפּיטל אַכט און פֿערציק

דאָדיע קאָוואַלס קינדער ווײַלן זיך

יענעם ווינטער פֿלעגט דאָדיע קאָוואַל אָפֿט נאָך די קינדערס לעקציעס אָפּגעבן אַ באַפֿעל, אַ ברייטלעך־גוטמוטיקן:

— נו, חברה, שפּאַנט איין דאָס פֿערד אין שליטן און קאַטייעט זיך דורך אַ ביסל מיטן לערער. ס'וועלן זיך נאָך צוקלעפּן צו דער באַנק אייערע מערידן.

פֿון איין זייט טאָר מען נישט לאָזן דאָס פֿערד צופֿיל אָפּשטיין אין שטאַל צווישן איין „יאַזדע“ און דער צווייטער; אַזוי האָט דאָדיען געלערנט דער שוואָגער יונה סעווערניוק. פֿון דער צווייטער זייט איז עס באַלעבאַטיש־פּריצישע פּאָמפּע: זאָל זען און הערן די וועלט, וואָס דאָדיע קאָוואַל קאָן זיך פֿאַרגינען, און זאָלן שונאים פּלאַצן!

די שילער, איציק, אסתרקע און אויך בוניעק, זענען, פֿאַרשטייט זיך, אין קעלבערנע התפּעלות. אויך דער לערער איז צופֿרידן. ער דריקט עס אויס מיט אַ שמייכעלע, וואָס טוט אַ שימער אויף זיינע פּענסנע־גלעזלעך און אַ שפּיל אין זיינע שטעכעדיקע וואָנצעס. אָבער ער באַגלייט עס מיט אַ נישט־אויפֿריכטיקן זיפֿצעלע, וואָס די טייטש דערפֿון דאַרף זיין אַלעמען פֿאַרשטענדלעך: אוודאי וואָלט ער גלייכער אַהיימגעגאַנגען צו ווייב און קינדער אויסרוען זיך נאָכן טאָג „האָלעוען“ סיי אין שול, סיי אויף די פּריוואַטע לעקציעס; נאָר וואָס? ער וועט גיין זיך אָפּזאָגן פֿון דאָדיע קאָוואַלס אַ פֿאַרלאַנג?! עלעהיי די לעקציע פֿאַרציט זיך לענגער אַ ביסל. ער זיצט דען עפּעס אויפֿן זייגער? וויפֿל מאָל פֿאַרזיצט ער זיך מיט איציקן אַן איבעריקע האַלבע שעה, ווייל איציק לאָזט אים נישט אָפּ, ביז ער דערגרונטעוועט זיך נישט?!

נישט צופֿרידן פֿון די דאָזיקע שפּאַצירן איז געווען מיגציע: זי האָט מורא געהאַט פֿאַר אַ בייז אויג. נאָר ביי איר האָט קיינער נישט געפֿרעגט, און זי אַליין האָט עס מיטן מויל פֿאַרשוויגן; אַראָפּצוליינען עס פֿון איר פּנים האָט זיך קיינער נישט באַמיט. אויך די עלטערע „בנים“ זענען געווען דערפֿון אומצו־

פרידן מחמת נישט־פאַרגינערײַ. זײ האָבן שױן יאָ טײלמאָל אַ װאָרטשע געטאָן. נאָר דעמלט האָט דער טאַטע צוגעלײגט נאָך אַ קנײטל:

— פאָרט, פאָרט, קינדער, און לאָזט זיך װױלגײן. און די, װאָס װילן נישט שטינדירן (אַ נײַ װאָרט אין דאָדיעס מױל), מעגן באַקומען די פלאַץ אין דער הײם!

דאָס איז געװען אײנמאָל אין אַ דאָנערשטיק אין אָװנט. דאָדיע איז זיך ערגעץ פאַרזיצן. די לעקציע האָט זיך פאַרענדיקט, און זײ האָבן נישט געקאָנט אויף אים מיט זײן באַפעל זיך דערװאַרטן. האָבן זײ זיך אײנגעשטעלט אַלײן אַרױסצולאָזן זיך דאָס מאָל אויף אַ שפּאַציר. דער פּלאַן איז אײנגנטלעך געקומען פֿינעם לערער, און זײ האָבן זיך אין אים אָנגעכאַפּט, באַזונדערס טאַקע צוליב דעם, װאָס ס'איז נישט געװען דערױף דעם טאַטנס בפירושע הסכּמה: דאָס האָט געשראָקן און געדרייצט גלײכצײַטיק. דער לערער האָט געטראַכט: טאָמער װאָס־װען, װעט דאָ דער חטא פאַלן אויף זײַערע קעפּ — נישט ער האָט געשפּאַנט דאָס פערד, נישט ער האָט עס אָנגעטריבן. זײ װידער האָבן זיך אין האַרץ געזאָגט פאַרקערט: מיר װעלן זיך פאַרענטפערן — דער לערער האָט געהײסן, האָבן מיר געפאָלגט; דער טאַטע הײסט דאָך שטענדיק פאָלגן דעם לערער.

איציק איז אַרױסגעלאָפן אײַנשפּאַנען. אסתּרקע מיט בונימקן האָבן געװאַרט מיט אומגעדולד און מורא, דער טאַטע זאָל זיך נישט אָנידאָגן און אויף צו להכעיס אַ געשרײַ טאָן: — „װאָס איז דאָס? ס'איז שױן אין שטוב קײן באַלעבאָס נישטאָ? װאָס איז עס עפּעס פאַר אַ „סאַמעװאָליע“? איך װעל אײַך װײַזן זײן „סאַמע־װאָלצעס“! שױן, די רגע אױסשפּאַנען!“

דעם לערערס פּענסנע־גלעזלער האָבן געגלאָצט. ער איז געזיצן שװײַגנדיק, דאָס פּנים ערנסט, די אויגן פאַרמרױשעט און דורך די פּענסנע־גלעזלעך פאַר־שטאָכן אין דער קיך־טיר. פון דאָרט האָט זיך געהערט אַ פּעסטער טליאַפּ־טליאַפּ פון אױסשלאָגן ראָשטשינע אין דײַזשע. זײַן שטערן האָט זיך געמיניעט פון מחשבות... מאַלע װאָס אַ לערער האָט אַלץ צו טראַכטן.

אַז איציק איז אַרײַן מיט דער בײַטש: — פאַרטיק! קומט! — האָט דער לערער אַ זאָג געטאָן, װי אַ צופעליקן אײנפאַל, װײַל פון קיך איז גראָד אַרײַנ־געקומען דבורה:

— חבֿרה! אפשר פאַרבעטן מיר הײַנטיקס מאָל דבורהן אויך, זי זאָל זיך מיט אונדז דורכקאַטײען? װעט זײַן פרײלעכער.

— ס'איז אַ יושר, — האָט איציק אַ זאָג געטאָן — זי האָט זיך נישט װײַ־ניקער פון אונדז אָנגעהאָרעװעט.

דבורה איז געשטאַנען מיט אױסגעשטרעקטע נאַקעטע פרישע ראָזע הענט, פון װעלכע זי האָט נאָר־װאָס אַראָפּגעקראַצט און אַראָפּגעװאַשן דעם טאָפּ פון דער אױסגעקנעטער דײַזשע ברױט. איר פּנים האָט נאָך געפלאַמט פון אָנשטרענ־

גונג, און דעם לערערס פֿאַרבעטן האָט אַרויסגעצויגן אויף דעם אַ גלאַנץ פֿון שמייכל און צופֿרידנקייט. אירע אויגן האָבן געזשאַריעט און דערמאָנט די גליענדיקע קוילן אין דעם מאָרגנדיקן באַגינען־אויסגעהייצטן אויוון. זי האָט אויף די שילער א בליק געטאָן מיט בקשה.

— איינס, צוויי, דבורה! — האָט אַ זאָג געטאָן איציק. — איידער „דער קרומער“ קומט אריין...

דבורה האָט, ווי זי שטייט און גייט אין דער רויטער בייקענער האַלקע, אַרויפֿגעכאַפּט אויף זיך די פּאַלטע, א שאַלעכל אויפֿן קאָפּ, גיך־גיך פֿאַרשפּיליעט זיך און פֿאַרבונדן, אַרויס נאָך זיי אינדרויסן און כמעט אַריינגעפֿאַלן אין שליטן, וווּ דער לערער האָט זיך געפּעדערט און צוגעגרייט פֿאַר איר א פּלאַץ לעבן זיך. דער שליטן האָט מיט א סקריפּ זיך א גליטש געטאָן פֿון אָרט אויפֿן שאָסיי אַרויף.

דער אָוונט איז שטיל און טונקל געזעסן אויף די פֿאַרשנייטע דעכער. ליכטיקע שויבן האָבן זיי נאָכגעקוקט פֿאַרבענקט, נאָר פֿאַרבליבן אויף די ערטער — ס׳איז זיי א שאָד צו פֿאַרלאָזן די וואַרעמע הייזער. ווען זיי זענען אַרויס פֿון שטעטל, האָט דער טונקעלער אָוונט־הימל שטיפֿעריש א ווונק געטאָן צו זיי מיט טויזנטער שפּיזלדיקע שטערן. דער פֿראָסט האָט א גלעט געטאָן די באַקן און איבערגעלאָזט א וואַרעמקייט אויף זיי. אין האַרצן איז אויפֿגעגאַנגען א פֿרייד. די ביימש האָט זיך א שלענגל געטאָן מיט א פֿייף, און דער שליטן זיך א טראָג געטאָן.

תמיד בעת די דאָזיקע שפּאַצירן פֿלעגט דער לערער ווערן אויפֿגעלעבטער, ווי יונגער געוואָרן. ווייב און קינדער, דער עול־פּרנסה זענען אים אַרויס דעמולט פֿון קאָפּ, און ער האָט פֿריי אָפּגעאָטעמט. ער פֿלעגט א סך ריידן, דערציילן פֿון זיין לעבן אַמאָל, בעת ער איז געווען אין דאָרף אויף א קאָנדיציע (א גרויסאַרטיק, נישט אינגאַנצן פֿאַרשטענדלעך וואָרט), פֿון די הוליאַנקעס דאָרט אויף שליטלעך. ער פֿלעגט זיך וויצלען, דערציילן אַנעקדאָטן, און זיין תמיד בוימלדיק־חניפֿהדיק געלעכטערל האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין א געזונט מענערישן לאַכן. אַסתרקע און בוניעק פֿלעגן תמיד מיט אים מיטלאַכן און זיך פֿרייען. בלויז איציק פֿלעגט זיין איינגעהאַלטענער, אפֿשר דערפֿאַר וויל ער האָט אָנגעטריבן.

אויפֿן היינטיקן שפּאַציר האָט דער לערער פֿאַרגעסן אין דעם קליינוואַרג, געהאַלטן אין איין אַריינרעדן צו דבורהן אין שאַלעכל אַריין. דבורהס פּנים, נישט באַוויזן נאָך אָפּצוקילן זיך פֿון דער האָריוואַניע אין דער היים, האָט איצט אין אָוונט־טונקל געלויכטן סיי מיטן פֿריערדיקן פֿלאַם, סיי מיטן נייעם, וואָס ס׳האָט אין איר געצונדן דער פֿראָסט, אָדער דעם לערערס רייד.

וואָס ווייטער אַלץ מער און העכער האָט זי אַרויסגעלאַכט דורכן לערערס שעפּטשעריי און זיין פֿאַרשפּיצט ביביקען. פֿון צייט צו צייט האָט איר דאָס לאַכן

געמאַכט אױך אומטערשפּרינגען פונעם טיפן הײ אַרױס, מיט װעלכן דער שליטן איז געװען הױך אױסגעבעטן, געװאָרפן זי פון אײן זײט אױף דער צװײטער. אסתּרקע האָט געטראַכט, אַז אָט אַזאַ לאַכן הײסט עס — קאַטשען זיך פאַר געלעכטער. אסתּרקע און בוניעק האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער לערער דערצײלט דבורהן אױסגעלעכטע זאַכן, װאָס זײ, „די קינדער“, טאָרן דאָס ניט הערן. זײ האָבן זי מקנא געװען, און אױף אים האָט זײ פאַרדראָסן.

דבורה האָט בלױז געלאַכט. קײן װאָרט האָבן זײ פון איר ניט געהערט. ביסלעכװײז איז אױך איר לאַכן אַלץ נידעריקער און זעלטענער געװאָרן. אױך דעם לערערס געשעפּטש האָט זיך אָנגעהױבן איבעררײסן מיט הפסקות. ביז לסוף זענען זײ בײדע געבליבן זיצן, װי די נױנקעלעך. דאָס הײ בלױז האָט טײלמאָל חשדיק געשאָרכעט צװישן זײ.

אסתּרקע מיט בוניעקן זענען געזעסן פּנים־אל־פּנים צו זײ. איציק האָט אָנגעטריבן און איז געװען װי אײנגאַנצן פאַרטאָן אין קערעװען מיטן פערד. אסתּרקען מיט בוניעקן איז געװען לאַנגװײליק. ס'איז זײ געװען פאַרשעמענדיק־אומבאַקװעם דעם לערערס מיט דער שװעסטערס שטיל צוזאַמענזיצן, בעת דאָס שורשענדיקע הײ אונטער און אַרום זײ פאַרמוסרט, אַז ס'איז אַ גנבֿהשע שטילקײט, אַ זינדיקע. זײ האָבן פון זײ אַװעקגעקוקט און זיך פאַרערדט. אָט האָבן זײ זיך אַרומגעריסן, פאַרװאָס דער צװײטער פאַרנעמט דאָס גאַנצע אָרט, אָט זיך אױסגעגלײכט און שלום געװאָרן. זײ האָבן פאַרריסן די קעפּלעך, געצײלט די שאַרף־שפּיציקע, שטיפעריש־װינקענדיקע שטערן, און זענען פאָרט געװען מיט דער גאַנצער הײט אײנגעהאָרכט אין דער שטילקײט פון דעם פּאָרל דערװאַקסענע קעגנאיבער.

דורכן פעלדװעגל אַרום דעם פּריצישן הױף זענען זײ אַרױסגעפאָרן צו מאָמיע גפּנס ציגעלניע אױפן קאָװלער װעג אין דער ריכטונג, װאָס פירט שױן צוריק אין שטעטל אַרײַן.

האָט דער לערער װי פון שלאָף זיך אױפגעכאַפּט:

— חבֿרה! װײסט איר גאָר װאָס? לאָמיר אַראָפּ אַ ביסל פונעם שליטן און פירן אַ מלחמה מיט שנײקױלן.

— טפּררר! — האָט גלײך איציק באַװיזן זײַן שמײסערישן כּוח און אַזױ אַ ציִ געטאָן דאָס פערד אױף צוריק, אַז דער שליטן האָט זיך אַ קערעװע געטאָן אין אַ זײט, אָנגעשלאָגן זיך אין אַ פאַרשנײטן פּיען, זיך אַ לײג געטאָן אױף אַ זײט, און זײ אַלע האָבן זיך אים געטאָן אַ שאָט אַרױס מיט איבערגעשראָקענעם קװיטש און געשרײ, נאָר פאַרענדיקט מיט געלעכטערײען. קײנער האָט קײן קלאַפּ ניט געקריגן — די װײכע שנײ־איבערבעט אױפן פעלד פאַזע דעם װעגל האָט אַלעמען װײך אױפגענומען. פרײלעך־צעיאַכמערט האָבן זײ זיך אױפגעשטעלט, און ס'האָט זיך אָנגעהױבן אַ היציק־װילדע שפּיל אין װאַרפן זיך מיט שנײקױלן.

ווידער האָט דער לערער כסדר געפּונען זיך אין פּאָר מיט דבורהן. פון צייט צו צייט, בעתן אָפּרוען און איבערכאַפּן דעם אָטעם, האָבן די איבעריקע בגניבה געכאַפּט א קוק צו זיי. דבורה האָט באַקומען דרייסטקייט צום לערער און אים „געשלאָגן", ווי דער לערער אליין האָט זיך אויסגעדריקט מיט א וואָרט, וואָס קיינער פון זיי האָט נישט פאַרשטאַנען:

— זי שלאָגט מיך „עד־חרמה! עד־חרמה!" *

דעם לערערס פּנים — אָן די פּענסנע מיטן שווארצן בענדעלע, זעט איצט אים ווי נאַקעט. ער האָט זיי אפּנים ארייגעלייגט אינעם טאָוולענעם טעשל און פאַרשטעקט אין א קעשענע. ער זעט איצט אויס אזוי קאָמיש, דער לערער, מיט זיין פּולבלעכער, איינגעזעצטער און שווערלעכער פיגור, מיטן נאַקעטן פּנים און דער בלאָנדזשענדיקער נידריקער ראיה, אז יעדעס מאָל, ווען אסתּריקע דער־זעט אים, שיסט זי אויס מיט אַ געלעכטער. ס'איז א גרוים פאַרגעניגן צו לאַכן פון אַ לערער, ווען ס'איז דאָ פון אים פּאַר וואָס צו לאַכן... זיך איינגעבויגן און פּ־צוהייבן א הויפן שניי, זעט ער אויס, ווי ער וואָלט זוכן דעם פאַראַיאָריקן שניי מיט די אויגן — דעם היי־יעריקן זעט ער נישט... כאַ־כאַ־כאַ! בעת דבורה שרעקט אים פונוייטנס מיט א כלומרשטער שנייקויל און איר ליידיקער פויסט — אָט וואַרפט זי... אָט וואַרפט זי... — טוט ער זיך אַלעמאָל א בייג אייַן, א זעץ אראָפּ איבערגעשראָקן, ווי אָט־אָט לאָזט זיך אויף אים אראָפּ א בארג שטיינער. דבורה ווערט, האַכט זיך, אזש צעשמייכט פּנים געלעכטער. און אז די כלומרשטע קויל, דאַכט זיך אים, טוט צו אים א פלי, טוט ער זיך א דריי אויס צו איר מיטן רוקן און מיט א קווטש פון אן אַנטלויפנדיקן הונט אויף דריי פיסלעך. און דבורה נעמט זיך יאָגן נאָך אים, ווי א ווינט פון געלעכטער.

די שילער פירן זיך זייער מלחמה באַזונדער, אָבער איציק צום ווייניקסטן לאָזט נישט אראָפּ קיין אויג פון זיי, ער זוכט אַפּנים ביי זיי „יושר".

צום קאָמישסטן האָט דער לערער אויסגעזען, ווען שוין אויסגעקנאָטן א שנייקויל, האָט ער געטאָן מיט איר א לויף און זיך אָפּגעשטעלט, און אלץ נאָך פון ווייטן שווער געסאָפּעט און קריגעריש געסטראַשעט:

— וואַרט, וואַרט, דבורהניו! באַלד וועסטו קריגן פון מיר די אמתע גאָב! איצט וועל איך דיך שלאָגן „עד־חרמה!"

און ענדלעך האָט ער מיט ביידע הענט, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין זיי א בדוק־שטיין, א וואָרף געטאָן די שנייקויל. נאָר איידער זי איז דערפלויגן צום ציל, האָט זי זיך צעשאָטן.

— איר האָט שלעכט פאַרקנעטן די ראָשטשינע! כאַ־כאַ־כאַ! — האָט פון אים מיט געלעכטער געחוזקט דבורה, און דער לערער, נישט באַוויזן נאָך זיך

* ביז צום פאַרטיליקן

אַ ריר צו טאָן, האָט „געליזט“ פון איר אַ קליין, נאָר גוט אויסגעקנעטע האַרט קוילעכל, גלייך אין היטל אַריין.

ער האָט דערשראָקן אַ קרעכץ געטאָן און זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ — צי האָט ער נישט צומאָל קיין לאָד אין שאַרבן?! ניין. און דורך זיין מויל איז אַרויס פון קעל אַזאַ פּליסיק געלעכטערל, ווי ס'וואָלט אויסגעמישט זיין מיט אַ פריידיק געוויין. פון זיינע פאַרזשמורעטע אויגן האָבן זיך אַרויסגעקוועטשט פרייד־טרערן.

דער לערער האָט זיך ווידער איינגעבויגן, צונויפגעקנאָטן אַ שנייקויל און זיך ווידער געלאָזט צו דבורהן מיט געמאַכטער רציחה. נאָר דבורה האָט זיך גאָרנישט איבערגעשראָקן. זי איז געשטאַנען קעגן אים דרייסט, מיט אַן אָפן פּנים, צעלאַכט אויף אַ קול, און איר גאַנצע פיגור האָט זיך ווי געכוואַליעט אין דער מונטערקייט פון אָוונט... האָט זי זיך פאַרשטעלט מיט דער האַנט דאָס פּנים? ניין. זי האָט בלויז אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן. דער לערער האָט, משמעות, אויסגערעכנט, אַז אין לעצטן מאָמענט וועט דבורה נעמען בלומרשט אַנטלויפן, און האָט זיך אויף איר אַ יאָג געטאָן מיט אַלע כוחות: „המם... המם...“ — האָט ער מיט אַזאַ אימפּעט אַ שטויס געטאָן אויף איר, אַז זי האָט זיך, ווי גרויס זי איז, געטאָן אַ צי אויס נאזגדיק אין שניי אַריין. און ער — אויף איר. דער לערער זעצט זיך אויף, בייגט זיך איבער דבורהן, שטעלט צו זיין בלאָנדזשענדיק קורץ־ראיהדיק פּנים צו אירן, ווי ער וואָלט זי אַרומשמעקן. דבורה — ווי זי וואָלט זיך געשטיקט מיט אַ שטיל געלעכטער. ער נעמט אַ הויפן שניי, רייבט איר פּנים און רעדט דערביי מיט אַ פריידיק־זאַפטיקן קוויטש:

— אַ לערער וויל מען דעם קאָפּ שפּאַלטן? אַ, שיקסע? שוין אינגאַנצן דעם דרך־ארץ אָנגעווירן, אַ? אַ, דבורהניו? וועל איך דיר דערפאַר... אָנפּודערן אַ „פאָנציע“, כלה־לעבן... אַז דו ס'טמיר שוין האָבן ביז צו דער חופה צו פאַרגעדענקען!

דבורה טוט זיך אַ הייב, ווי דאָס געלעכטער וואָלט זי אונטערגעהויבן. זיי באָברען זיך אין שניי. און פּלוצעם ווערן זיי ביידע אַנטשוויגן. ראַנגלען זיך. זייער סאָפּען מישט זיך אויס מיט דער אָוונט־שטילקייט.

דעם קליינוואַרג איז געוואָרן שוין גאָר הפקרדיק פאַרן לערער מיט דער שוועסטער, און זיי האָבן זיך אַוועקגעיאָגט פון זיי ווייטער: זאָלן זיי זיך שוין טאָן דאָ, וואָס זיי ווילן. אַסתרקען האָט עס דערמאָנט אין די שעפּטשערייען וועגן די טראָכנבראָדער אויסגעלאָזענע מיידלעך פאַר די דייטשן.

נאָר גאָר אומגעריכט, נישט דערוואַרטנדיק זיך אויפן לערערס באַפעל, האָט איציק דער ערשטער געוואָרפן די שפּיל, צוגעלאָפן צום שליטן, אַ כאַפּ געטאָן די בייטש און אַ זאָג געטאָן באַפעלעריש און מיט פאַרדרוס אין דער שטים:

— מיר פאָרן! מיר פאָרן אהיים! דבורה „פּיסקעס“! שנעלער א ביסל!

— מיר פאָרן, מיר פאָרן, — איז באַלד אונטערגעקומען דער לערער, ווי א פארשולדיקטער שילער... איציק האָט געזאָגט דער מאָכטער, און געמיינט די שנור... אים — דעם לערער...

הינטער אים איז נאָכגעקומען דבורה, אן איינגעבויגענע, אָפּווישנדיק דעם שניי פון אירע פּאַלטע־פּאָלעס. זיי האָבן זיך ערנסטע און געזעצטע אַזעלכע, ווי ס'פּאַסט פאר דערוואקסענע, באַזונדערס פאר א לערער און א כלה־מיידל, אריינגעזעצט אין שליטן.

דער צוריקוועגס איז דאָס מאָל געווען א שווייגנדיקער און נישט־היימלעכער. די קאַלירטע, מיט פרייד ברענענדיקע לאַמטערנס אין זיי, מיט וועלכע מ'איז ארוים אויפן שפּאַציר, זענען געווען אויסגעלאָשן. איציק האָט בייז געטריבן דאָס פערד. ס'האָט זיי אָנגעהויבן קאַלט ווערן. גאָר שנעל זענען זיי געווען ביי זייער שטוב.

דער לערער איז שווער, מיט באַוועגונגען פון א שניי־מענטש, אראָפּגעקראָכן פון שליטן, א ברוס געטאָן „א גוטע נאַכט“ און, ווי אן אָפּגעשמיסענער, אַוועקגעשלייכט צו זיך אַהיים, צו ווייב און קינד. דבורה האָט שטיל א זאָג געטאָן, אז זי וועט בלייבן א ביסל אינדרויסן — אויב דער טאַטע איז אין שטוב, זאָל מען איר א ווונק טאָן דורכן פענצטער, וועט זי איבערוואַרטן א צען מינוט, וועט עס הייסן, אז זי קומט צו גיין פון א חברטע. איציק האָט אָפּגעפירט פערד־און־שליטן צום שטאַל, און אסתרקע מיט בוניעקן זענען אריין אין שטוב. דער טאַטע האָט זיך שוין געקליבן גיין שלאָפן, און גאָר אומדערוואַרט איז זיי דער שפּאַציר אָפּגעגאַנגען טרוקן.

— א שאָד, — האָט דאָדיען געזאָגט — וואָס בעקערמאַן איז נישט אריינגעקומען זאָגן „א גוטע נאַכט“. כ'וואָלט באַדאַרפט מיט אים א חשבון ארויספירן. — און ער איז, אויך אָן „א גוטע נאַכט“, אריינגעגאַנגען צו זיך אין צימער אויסטאָן זיך צום שלאָפן.

איציק האָט אריינגעוונקען דבורהן.

צווייט בוך

צווייטער טייל

קאַפּיטל ניין און פערציק

א יאָרצייט־אָוונט ביי די יידישיסטן

דעם רייכן ישראל לעווים, דעם וואלד־סוחרס און מיל־אינהאַבערס זינדל, אהרון לעווי, איינער פון שמעון אַדלערס יונגע און נאָענטסטע חברים, האָט איינמאָל איבעראַשט די שטוב פון שאַמע שמש מיט א וויזיט:

זיי גרייטן א יאָרצייט־אָוונט אין דעם ביבליאָטעק־לאָקאַל. ווילן זיי דאַרפן האָבן א בליצלאָמפּ פונעם „קאָמערטשעסקי"־שטיבל. איז ער געקומען באַצייטנס אים באַשטעלן. זיין טאַטע ווייסט אויך וועגן דעם...

שאַמע שמש איז געוואָרן זייער ענג פון דער בקשה: פון איין זייט, ווי זאָגט מען עס אָפּ אַזאַ אָנגעזעענעם גאַסט? ער בעט דאָך, אויב נישט, אין זיין טאַטנס נאָמען!... נאָר, פון דער צווייטער זייט, ווי באָרגט מען אוים א חפץ פון א מקום־קדוש און א ביבליאָטעק אַריין! וואָס וועט זאָגן דער דיין, אויב ס'וועט זיך, חלילה, צו אים דערטראָגן? און וואָס וועט זאָגן די שטאָט? אַמאָליקע יאָרן וואָלט אַזאַ זאַך געקאָסט דעם מעמד־פרנסה.

לעווי האָט געוווסט, פאַר וואָס פאַר א נסיון ער שטעלט דעם שמש, און האָט אים דורך זיינע פענסנע־גלעזער שאַרף אריינגעקוקט אין פנים אריין מיט א קאָנצענטרירט־פאָרשנדיקן בליק: אויף וואָס וועט ער זיך באַשליסן? אויך שאַמעס בליק איז געווען קאָנצענטרירט, נאָכדענקענדיק און שאַרף. זייערע בליק־שאַרפן האָבן זיך באַגעגנט. די שטוביקע האָבן שווייגנדיק צוגעקוקט און געוואַרט.

— איך האַלט קיינמאָל נישט דאָס שטיבל פאַרמאַכט אויפן שלאָס, — האָט שאַמע געזאָגט ווי באַזאָרגט און ערנסט, און א ביטערקייט האָט געמאַכט צוקן זיין נאָז — ביז 'היינט האָט מען נאָך פון דאָרט קיין בליצלאָמפּ נישט אַרויסגעטראָגן.

לעווי האָט אים אָנגעקוקט נישט פאַרשטייענדיק.

דאָ האָט א פאַרבאָרגענער שמייכל א שיין געטאָן אויף שאַמעס פנים און ער האָט פאַרענדיקט:

— נאָר ס'זאָל זיך נישט מאַכן, וואָס סע קאָן זיך מאַכן... הםם.

איצט האָט שוין לעווי פֿאַרשטאַנען דעם מיין און געענטפֿערט מיט אַ שמייכל. דערמיט איז דערליידיקט הייסט עס. אָבער נישט צוליב דעם איז ער אײַנגעלעך געקומען. אַז מע קאָן אַנטלייען אַ בליצלאָמפּ פֿונעם שטיבל, בישט אָנפֿרעגנדיק זיך ביי קיינעם, און — רופֿט מיך קנאַק־ניסל, דאָס האָט ער אליין געוווסט. הײַנטיקע צײַטן וואָלט זיך אפֿשר בלויז דער דײַן דעם ספּאָדעק צערײסן פֿאַר אַזאַ זאַך. איז, נו, מילא... זאָל ער! וועט ער שוין זײַן אַ מאָדערנער רב און גיין בגילוי־ראש. אים, אהרון לעווין, איז געגאַנגען אין אַ וויכטיקערער זאַך.

— כ'האָב שוין פֿאַראייגוועגס נאָך אַ בקשה צו אײַך, רב שאַמע, — האָט ער ווײַטער אונטערגעשמייכלט — מיר גרייטן צו צו דעם אָוונט אַ כאָר, וואָלטן מיר וועלן, אַז אויך אײַער עלטער מיידל זאָל זיך אין אים באַטייליקן. מענטשן גייען פֿאַרביי אײַערע פֿענצטער, בלייבט מען פּשוט אַמאָל שטיין צו הערן ווי זי זינגט... זי וואָלט געהאַט דערפֿאָלג. כאַ־כאַ־כאַ! הײַנטיקע צײַטן איז עס אַ מעלה צו אַ שידוך.

זײַנע אויגן זוכן אויף פּערלען אַליין און, כאָטש ער איז מיט איר נישט באַקענט, בעטן זיי זי דורכן שימער פֿון די פֿענצטער־גלעזער, זי זאָל אים אונטערהאַלטן. פּערל, קוים פֿאַררויטלט, קוקט שטום אויף טאַטע־מאַמע, נאָר פֿון אירע אויגן שײַנט זיך אַרויס אַ בעטנדיקער פֿאַרלאַנג. טאַטע־מאַמע קוקן זיך איבער: צי זאָל מען טאַקע נישט פֿאַרשאַפֿן דעם קינד אַ ביסל פֿאַרגעניגן? זאָל זי קומען אַמאָל צווישן באַלעבאַטישע קינדער. תמיד נאָר מיטן קאָוואַלס יונג?!...

— אינעם כאָר וועט אויך זינגען שעיה שוחטס מיידל, — גיט זיי אהרון לעווי צו חשק — און... זי פֿרעגט אפֿילו נישט ביי איר טאַטן.

דאָס איז שוין אַן אָנצוהערעניש פּערלען. מישט זיך אַריין אומצופֿרידן די באָבע רייזיע און שנײַדט די לופֿט מיט די האַרטע רחריישן:

— ראשית, דאַרף מען נאָך דעם שוחטס מיידעלע אָפּווישן דאָס נעזל, זייט מיר מוחל. צווייטנס, כאָטש אַ שוחט איז חשובער פֿון אַ שמש, איז אָבער מײַן אייניקל אָטאַפּנים אויף בעסערע הייוון אויפֿגעצאַנגען. אָן טאַטע־מאַמעס הסכמה וועט זי גאָרנישט טאָן.

— בין איך דאָך טאַקע געקומען בעטן... א יי ע ר דערלויבעניש, באָבע רייזיע, — דערפֿילט אהרון לעווי, אַז איר הסכמה האָט ער שוין געוווּנען.

— וואָס וועט איר דאָרט פּראַוועז אויף דעם אָוונט? — נעמט שאַמע אָן דעם טאָן פֿון אַן אויספֿאָרשער.

— אַ יאָרצײַט־אָוונט נאָך ש. אַנ־סקי.

— ווער זשע איז ער דאָס דער מר־בר־רב־אשי אײַערער, וואָס איר קלײַבט זיך אַזש פּראַוועז אַ יאָרצײַט נאָך אים? אַנסקי? אפֿשר גאָר קיין ייִד נישט?

— איך האָב געלייענט זײַנס אַ ייִדיש ביכל, טאַטע, — רופֿט זיך שטיל אָן פּערל.

— נישט סתם קיין ייד, רב שאַמע, — איז שוין אהרן לעווי גאָר היימיש־לעך אויפגעלייגט — אַ גרויסער יידישער מענטש! אין דער מלחמה האָט ער גע־זאַמלט הילף פאַר די „בעזשענצעס". איך האָב אים איינמאָל אַליין געזען. מיר זענען דאָך אויך געווען „בעזשענצעס". איר דאָך אויך. א י ר זענט, דאַכט זיך, פ א ר אונדז געקומען פון רוסלאַנד?

אהרן לעווי האָט נישט ווילנדיק אַרייַנגעטראָפן אין פינטל אַריין:

— אַ, דער־אָ! — דערמאָנט זיך שאַמע. — אַ „וואָיענער" מיט פּאַגאָנעס?... אַזוי... אָ־וואַ!... איז ער שוין געשטאָרבן?

— אויב אַזוי, — זאָגט ער ברייט — איז גאָר אַנדערש די מעשה. ע ר איז דאָך געווען האָ הי אויך. טאַקע ביים דיין אין שטוב. האָט דערציילט, וואָס קאָזאַקן האָבן אָפּגעטאָן מיט די יידן אין גאַליציע... דערפאַר בין איך דאָך אין שרעקן געלאָפן מיט די בני־בית קיין ראַסיי... יאָ, אַזאַ ייד איז ווערט, מע זאָל אָפּהיטן זיין יאָרצייט... ער האָט געוויזן דעם דיין אַ שטיקל פּאַרמעט פון אַ ספר־תורה... ווי מיינסטו, יאָכוועד, וועגן פּערלען?

— איך ווייס? אַ קינד... זאָל זי ק ו מ ע ן אַמאָל צווישן באַלעבאַטישע קינדער, אונדזער כלה־מיידל... וואָס ז אָ ג ס ט ו, פּערלע? נאָר, דאַכט זיך, אַז דו פּילסט זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען?

— ניין. גאָרנישט, — טוט זי אַ שעפּטש מיט אַ שטילער בענקשאַפט — איך וואָלט זייער גערן געגאַנגען.

— נו, זאָל זי גיין. ס'איז היינט פאָרט אַ נייע וועלט, — וועגט איבער די וואָגשאָל די קלוגע באָבע רייזיע.

און אהרן לעווי שפּאַנט גלייך אַוועק, ווי הויך ער איז, מיט אַ שיינענדיק פּנים און צעגלאַנצטע אויגן צו שמעון אַדלער און טיילט זיך מיט אים מיטן נצחון: חוץ רחל דעם שוחטס, וואָס באַטייליקט זיך אין כאָר אָן איר טאַטנס וויסן, וועט אויך זינגען פּערל שאַמע שמשס שוין דווקא מיטן וויסן פון איר טאַטע־מאַמע, מיט דער הסכמה אפילו פון איר באָבען. „ס'איז היינט פאָרט אַ נייע וועלט..." — האָט זי געזאָגט, רייזיע גרשונעבעס. ער, אהרן לעווי, האָט עס ביי זיי אויסגעפּועלט. מאָרגן וועט זי קומען, פּערל (אַ שיין מיידל!), אין ביב־ליאָטעק אויף אַ רעפּעטיציע. זי וועט אפשר זינגען אויך סאָלאָ.

— די יידישיסטן זיינען מטמא די כלי־קודש! — ווערט שמעון אַדלער אויפ־געראַמט פון דעם אָפּגעהאַלטענעם זיג.

* * *

צוליב פּערלס גיין אויף די רעפּעטיציעס צו די יידישיסטן איז אַ שוואַרצע קאַץ דורכגעלאָפן צווישן איר און שימקען. ער איז געווען אייפערזיכטיק צו די יינגלעך „פון דער גילדענער שמאַטע", ווייל זי האָט מסכים געווען בלויז, ער זאָל

איר אַהין באַגלייטן, אָבער נישט איבערבלייבן מיט איר אויף די רעפּעטיציעס. יעדעס מאָל, ווען זיי זענען צוגעקומען פאַר דער טיר פון דער ביבליאָטעק, האָט ער געבורטשעט אַ באַליידיקטער:

— דאָס איז נישט קיין תכלית פאַר מיר... כ׳זאָל זיך דאָ אַרומדרייען, ווי אַ הונט, הינטער דער טיר, ביז די רעפּעטיציע וועט זיך ענדיקן!

— ווער בעט דיר זיך אַרומדרייען? קאָנסט וואַרטן אויף מיר אין שטוב.

— אַהאַ!... ווילסט, אַהרון לעווי זאָל דיר אונטערפירן אַהיים „טיליגענטיש" אונטערן אָרעם... דו שעמסט זיך מיט מיר פאַר די באַלעבאַטישע יינגלעך מיט די „ליידיקע הענט"...

האָט זי אים איינמאָל אַ זאָג געטאָן צולהכעיס־פאַרדריסלעך:

— נו, איז וואָס? איז שעם איך זיך!... אַז דו ווילסט אפילו נישט, אַז איך זאָל פאַר דיר פאַרלייענען אַ ביכל...

האָט נאָך דעם שימקע געפּראַוועט אַ פּאָר טעג ברוגז. אָבער יענעם שבת, ווען אין גאַס האָבן עטלעכע גרויסע פילקאָליריקע אַפּישן, מיט די הענט געמאָלענע און באַצירטע, געמאָלדן וועגן דעם הײַנטיקן אָוונט, איז ער בעסער געוואָרן און געקומען. אָבער איצט איז שוין פערל געווען אויף אים אָנגעבלאָזן. זי האָט זיך בכלל געפילט עפּעס נישט מיט אַלעמען. ווער ווייסט, ווי זי וועט זיך פילן אין אָוונט, צי וועט איר הײַנט דינען די שטים. האָט דאָס שימקע אָנגענומען פאַר ליב צוזאַמען מיט איר רוגז, אין דער אויסבאַהאַלטענער האָפענונג, אַז ער וועט הײַנט דערלעבן אַ נקמה אין די „שמידיסטן"... אַנשטאָט ביי זיי צו זינגען, וועט זיי פערל אָנפּייפן!

נאָך דער שבתדיקער סעודה האָט פערלען עפּעס „געהאַקט אין די שלייפן", און זי איז נישט געגאַנגען אויף דער גענעראַלער רעפּעטיציע, כאָטש ס׳איז צו איר געקומען איין שליח נאָכן צווייטן. די שטוביקע זאָלן נאָר גאָרנישט באַמערקן אויף איר, און שימקע זאָל איר נישט פאַרמסרן.

ביז צו לעצט האָט זי באַקומען דורך אַ שליח אַ בריוועלע פון אַהרון לעווי: „זי, די חשובע חברטע, זאָל נישט פ אַ ר אַ ט ן". דאָס וואָרט „חברטע" האָט איר געשמייכלט, דאָס שטאַרקע וואָרט „פאַראַטן" האָט געווירקט ווי אַ דראָונג. ס׳האָט אויך געמאַכט אַן איינדרוק דאָס, וואָס דאָס בריוועלע איז דאָך געשריבן געוואָרן אום שבת...

— אַז איך האָב געגעבן מיין וואָרט, וועל איך באַשטימט קומען, — האָט פערל געענטפערט דורכן שליח.

ווען דער שליח איז אַרויסגעגאַנגען פון פערלס צימער, איז אַריינגעקומען די באָבע רייזיע און דערהערט, ווי שימקע האָט אַ וואָרטשע געטאָן דורך דער אַראָפּ־געלאָזטער נאָז:

— וועל איך דיר אַהינצו נישט אָפּפירן!

פּערל איז רויט געוואָרן פון פּאַרדרוס, האָט זיך אויסבאַהאַלטנדיק אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַרץ, וווּ ס'האָט איר שטאַרק געטאָן, און ווי מיט אַ כריפּ געענטפערט:

— כ'וועל טרעפן אַהין, דאַכט זיך, אָן דיר אויך.

שימקע איז אָן אַ „גוטן שבת" אַוועקגעגאַנגען.

— ווייסטו וואָס, פּערעלע? — איז איינגעפאַלן דער באָבע רייזען. — ס'וועלן דאָך מסתּמא אַרייַנקומען איציק מיט „מייַן מאַמע אסתּר", וועסטו זיי מיטנעמען און נישט גיין אַליין.

אין אָוונט האָבן שוין איציק מיט אסתּרקען אונטערגעאיילט פּערלען. אָבער זי האָט אַלץ אָפּגעלייגט אין שטילן וואַרטן אויף שימקען. אַזוי, אַז זי איז מיט זיי געקומען די לעצטע.

דאָס, וואָס זיי האָבן דערזען, איז געווען עפּעס אויסטערלישס, יום־טובדיקס און אָבלדיקס גלייַכצייַטיק — יענעוועלטיקס:

די גאַנצע פראָנט־וואַנט פונעם צווייפענצטערדיקן ביבליאָטעק־צימער איז פאַרדראַפּירט מיט שוואַרצן טוך. אינמיטן — אַנסקיס פּאָרטרעט, אַרומגעהילט מיט שוואַרצן קרעפּ און באַצירט מיט סכך־גרינס און רויטע פּאַפּיראָס־בלומען; אַנסקיס פּנים אונטערן סופיט — אין שאָטן: דער בלעכענער אַבאַזשור פונעם בליצלאָמפּ פאַרהאַלט דאָ זיין רויטלעכע פאַרוויינטע נאַפט־ליכט. אַ ביסל אָפּגעטרעטן פון דער וואַנט — אַ לענגלעכער טיש, אויך געדעקט מיט שוואַרצן; אויף אים — צעשטעלט אין אַ ריי, זילבערנע לייַכטער מיט דיקע, שוואַרץ־געפאַרבטע, ברענענדיקע ליכט; זייערע רויטלעכע פייערצינגלעך באַלייַכטן מיט אַן אומעטיקער שייַן די פּנימער פון אַ מיידל־כאָר; צעטיילט אויף צוויי האַלב־קרייַזן שטייט ער, דער כאָר, פון ביידע זייַטן טיש, ווי צוויי צעעפנטע קאָלירטע פעכערס.

אַהרון לעווי פירט פּערלען דורך דער עולם־ענגשאַפט צום כאָר. איציק בלייַבט שטעקן אין דער ענגשאַפט. אסתּרקע גייט נאָך פּערלען. זי פאַרנעמט אַן אָרט אין כאָר, און אסתּרקע — הינטער איר.

איצט האָט אסתּרקע דערזען — פונפאָרנט, האַרט בייַם טיש, אויף צוויי רייען שטולן, און ווייטער אויף בענקלעך, ריי צו ריי צוגערוקט, בחורים און מיידלעך. מע שטייט אַרום פאַזע די ווענט. דורך דער אָפענער טיר זעט מען קעפּ אויף קעפּ אינעם צווייטן צימער. צווישן זיי — שימקעס. ביי אַלעמען — פּנימער צעפלאַמט פון ענגשאַפט, דושנעקייט און דערוואַרטונג; אויגן — פאַרגאַפט, און דער גאַנצער אָנבליק — פייערלעך־אָבלדיק. ווי דער פאַרשטאָרבענער, וואָס זייַן בליק קוקט אויף זיי אַראָפּ פון שאָטן אַרויס אויף דער וואַנט, וואָלט זיי אָנגעקערט אַ לייַבלעכער פאָטער.

שמעון אַדלער, אַ בחור פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק, מיט אַ הויכן ווינקלדיקן שטערן, היפּשלעכער נאָז, קליינע, שוואַרצע, אומעטיקע אויגן און אַ חו⸗

גריבעלע אין דער גאָמבע, — איז שטיינגעבליבן צווישן די צוויי קאַלירטע פּעבערס פונעם כאָר. זיין פּנים — בלאַס, אומעטיק־ערנסט, און זיינע ליפּן צוקן, ווי ער וואָלט נישט קאָנען עפענען דאָס געשלאָסענע מויל — אָט באַלד צעווייננט ער זיך. ס'האָט זיך גלייך איינגעשטעלט אַ פייערלעכע שטילקייט. ס'האָט זיך געהערט דאָס אָטעמען פונעם עולם, דאָס שפּריצן פון די שוואַרץ־געפאַרבטע ליכט; הורך די פאַרדראַפּירטע פענצטער — אַ סקריפּ פון אַ שליטן אינדרויסן אויפן איינגעפרוי־רענעם שניי... ס'האָט זיך געטראַכט: אַ בר־מינן האָט מען געבראַכט צו פירן אויף אים אין שטעטל אַריין אויף דער פולער וואָך.

שמעון אַדלער האָט מיט געציילטע ווערטער געעפנט דעם אָוונט, און דער כאָר האָט אויפן וווּנק פון אַ שוואַרץ שטעקעלע אין דער האַנט פונעם לערער בערל בריגמאַן אויפגעזונגען שאָפּענס טרויער־מאַרש. ס'האָט ווי געשוועבט עפּעס אונטערן סופיט און געהאָנגען איבער די קעפּ... זיכער — די גרויסע נשמה פון דעם פאַרשטאָרבענעם; ווען פוגאַויבן וואָלט נישט געהאָנגען אַזאַ געדיכטער שאָטן געמישט מיטן נעפּל פון הייסן אָטעם, וואָלט מען זי אפשר דערזען, די נשמה. ס'איז געווען אַזוי טרויעריק, אַזוי טרויעריק! ווי אַלע דאָ וואָלטן פאַרשיכורט גע־ווען פון טרויער. ווי די גאָרע וועלט וואָלט געטרויערט, אַז אפילו דער שניי אינ־דרויסן מוז איצט זיין אומעטיק אין דער לבנה־שיין.

איציקן האָט זיך דערמאָנט און ס'האָט זיך אים געשטעלט פאַר די אויגן די לוויה פון זיין פאַרשטאָרבענער שוועסטער, חנה... ס'דאַכט זיך אים צו הערן זיין מאַמעס געיאָמער דעמלט...

אסתרקעס קינדיש געמיט איז באַפאַלן אַ זיסע מרה־שחורה. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו פערלען, און דורך פערלס לייב האָט אין איר אריינגעריזלט איר זיך שטימעלע, ווי אַ שטראָמעלע פון אַ פידל.

און אָט איז דער כאָר אַנטשוויגן געוואָרן. דער עולם שווייגט און וואַרט. איצט נעמט זינגען, אָנגעפירט פון דעם לערער בערל בריגמאַנס כישופדיק שטע־קעלע, פערל אַליין, אַזוי אומעטיק־ווייטיקלעך:

„אין געזאַלצענעם ים פון די מענטשלעכע טרערן...“

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ שטיקט זיך פון טרויער, דושנעקייט און היץ. דאָס פייער פונעם בליצלאָמפּ טוקט זיך טריב אונטער, ווייל אויך כאַפּן אָטעם. די צינגעלעך פון די שוואַרצע ליכט ציען זיך דורשטיק אַרויף מיט רוס און גליווערן. און פּלוצעם... וואָס איז געשען? פערלס שטימעלע האָט זיך אַ צי געטאָן מיט אַ כריפּ, ווי אַ פאָדעם וואָלט זיך צו דעם צוגעטשעפעט, און צוזאַמען מיטן פאָ־דעם האָט זיך עס איבערגעריסן. פערל האָט זיך פאַרהוסט, פאַרקייכט און זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט דער האַנט פאַרן האַרצן.

אַן איינגעהאַלטענער טומל. באַלד איז אויסגעוואָקסן לעם איר אהרון לעווי. ער האָט זי אונטערן אָרעם אַרויסגעפירט אין דריטן צימער אַריין. פערל האָט

געטאָן אַ שלוק וואַסער, געקומען צו זיך, אונטערגעזיצן אַ ביסל און דערקלערט: גיין, זי וועט שוין נישט אַריינגיין. זי פילט זיך נישט גוט, זי מוז גיין אַהיים.

דאָס בלאַסקייט פון איר פּנים און אסתרקעס איבערגעשראָקנקייט האָט אָפּגעהאַלטן אהרון לעווי פון איינשפּאַרן זיך זי דווקא צו פאַרהאַלטן. ער האָט איר געהאָלפן זיך אָנטאָן, אַרויפגעכאַפּט אויף זיך דעם מאַנטל און זי באַגלייט אַהיים. אסתרקע איז איר נאָכגעגאַנגען ביי דער צווייטער האַנט. ביים פעטער שאַמעס טיר האָט זי דערשפירט היינטער זיי שטילע טריט. אַ הונט?!... זי האָט זיך דערשראָקן אומגעקוקט: ס'איז געווען שימקע. אַהרון לעווי האָט זיך געזעגנט.

— זע נאָר, וואָס=זשע זענט איר שוין דאָ צוריק? — האָט זיך די מומע יאָכוועד פאַרחידושט.

— גאָרנישט. ס'איז דאָרט אַן ענגשאַפט דערשטיקט צו ווערן. כ'האָב אָפּגעזונגען מיינס, בין איך אַוועקגעגאַנגען.

— זייער גוט האָסטו געטאָן, קינד. האָסט אפשר איינגאַנצן נישט געדאַרפט גיין?...

— זאָל אסתרקע בלייבן דאָ נעכטיקן, — האָט פערל אַ בעט געטאָן. זי האָט געוואָלט אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון די שטוביקע פון זיך אויף איר — און מיר גלוסט זיך שוין גיין שלאָפן, כאָטש ס'איז נאָך אַזוי פרי.

— אָך, פאַרוואָס נישט. אדרבה! נעם זי אַפילו צו זיך אין בעט אַריין, אַז די ליבע צווישן אייך איז שוין יאָ אַזוי גרויס, — האָט די באָבע רייזיע געשמייכלט.

— לאָמיר איינשלאָפן, אסתרקע, — האָט פערל געזאָגט, גלייך ווי זיי האָבן זיך אַריינגעלייגט אין בעט. אָבער זי האָט זיך בלויז געמאַכט שלאָפנדיק, אסתרקע איז אַנטשלאָפן געוואָרן פאַר איר. פון שלאָף אַרויס אפילו האָט אסתרקע געשפירט, ווי זי דרייט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, פערל.

קאַפּיטל פופציק

א וואַנט פון שווייגן

— פערל, — האָט מען שטיל געשמועסט ביי האָדיע קאָוואַלס טיש — האָט אַ לאָך אין די לונגען, און מע דאַרף זי פאַרגיסן מיט חזיר־שמאַלץ. מיט היינטישער ליעבער־שמאַלץ וואָלט געווען נאָך בעסער.

שימקע האָט אויסגעהערט דעם שמועס וועגן פערלס קראַנקהייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און פאַרשנורעוועטע ליפּן. אויף זיינע טעלער איז פאַרבליבן שירייִם — אַ זעלטענע זאַך ביי די „בנים". ער האָט אָפּט אָנגעגאָסן אַ בעכער בראָנפן און איבערגעקערט אין האַלדז אַריין. זיין פּנים איז רויט געווען, ווי קין, און ס'האָט אים געברענט דער לינקער אויער. און אַז ער האָט איינמאָל אויפגעהויבן די אויגן אויף דבורהן, וואָס האָט זיך געשמאַקן ארומגעלעקט נאָכן פעטן קוגל, האָט איציק דערזען אין זיין בליק אַ נישט־פאַרגינערישקייט און בייזקייט, פונקט ווי זי וואָלט געזונט געווען אויף פערלס חשבון.

צווישן דאָדיעס שטוב און שאַמע שמשס האָט זיך איצט אוועקגעשטעלט אַ וואַנט, שוין נישט פון שנאה — פון שווייגן. שימקען פלעגן זיי דאָרט נישט לאָזן קיינמאָל אַליין מיט פערלען. כמעט שטענדיק איז ביי איר צוקאָפּנס געזיצן די מומע יהודית, וועלכע האָט פאַרגאַבלעסיקט דאָס שניידעריי, און געהאַלטן זי אין איין מינטערן עפּעס צו עסן, אָדער צו טרינקען:

— נייט זיך צו, גייט זיך צו, קינד, וויפל דו קאָנסט נאָר. דער בעסטער דאָקטאָר איז די צייט, דער בעסטער אַפּטייק — די קיך, און די בעסטע רפואה ליגט אין דער שיסל.

האָט שימקע אָנגעהויבן גיין אַהין זעלטענער.

אַפילו אסתרקען פלעגט מען דאָרט נישט לאַנג פאַרהאַלטן, כאָטש פערלס פּנים האָט אסתרקען תמיד אַקעגנגעפלאַטערט מיט אַ בלאַסן שמייכל. מ'האָט אפשר געהאַט פאַר איר, פאַר אסתרקען, נישט ווייניקער האַרץ, ווי פריער, אָבער נישט קיין קאָפּ. פערלען איז פאַרוווערט געווען, לויטן דאָקטערס באַפעל, אַ סך צו

רעדן; אַפּילו בלויז פֿרעמד גערייד פֿלעגט זי איינמאַטערן. די ווייעס פֿלעגן זיך איר אַראָפּלאָזן מיד אויף די אויגן. ס'האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז זי האָט איינגעדרימלט. ווי נאָר אָבער זי פֿלעגט פֿאַרבלייבן אַליין, פֿלעגן אירע אויגן פּאַמעלעך זיך גליטשן איבער די שורות פֿונעם ביכל, וואָס זי האָט געהאַלטן פֿאַר זיך. אַהרן לעווי, וועלכער איז אַפּילו איינ־קע מאָל געקומען צו איר זי מבקר־חולה זיין, האָט איר באַזאָרגט מיט ביכלעך פֿון דער ביבליאָטעק.

מיטן אָנקום פֿונעם פֿרילינג האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פּערל הייבט אָן צוריקצוקומען צו די כוחות. זי פֿלעגט אַרויסגיין אינדרויסן, זיצן אויף דער זון. נאָר דער אָנהייב זומער האָט ווידער געבראַכט אַ פֿאַרערגערונג. דער הוסט האָט זיך פֿאַרשטאַרקט.

און איינמאָל, אומגעריכטערהייט, זיך נישט געזעגנענדיק מיט קיינעם, איז שאַמע שמש אַוועקגעפֿאָרן מיט פּערלען קיין אָטוואָצק. מ'האָט זיך באַמיט אויסצובאַהאַלטן עס פֿאַר לייט, כדי, אַז ווען זי וועט זיך, אם־ירצה־השם, אומקערן אַהיים געזונט און פֿריש, זאָל עס איר, חלילה, צו קיין שידוך נישט שאַטן. און מע פֿאָרט פֿון הי קיין אָטוואָצק, הייסט עס, אַז דער דאָקטער האָט שוין אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. אַזוי — גאָרנישט... ס'איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך מיט דער דאָזיקער קרענק. מ'האָט שוין געזען אַזעלכע זאַכן: דעם לערער בעקערמאַנס ווייבל, דבורהל בערעקעס, האָט אויך געהאַט געשפּיגן מיט בלוט, און פֿונדעסטוועגן — חתונה געהאַט מיט גאָטס הילף, געבוירן אַ קינד און איז שוין, ברוך־השם, מיט אַ צווייטס אויף דער צייט.

— „אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם“ — האָט געזאָגט איר שוויגער, ציפּורה די ליטוואַטשקע, ווען ס'האָט זיך דערהערט דער ערשטער קוויטש פֿונעם ביי־געבוירענעם איניקל.

און דווקא די געזונטע מויד, וואָס איז געווען ביי זיי אין שטוב, די טראָכנע בראָדער קרובה, חווה, (זי האָט געהלשט חתונה צו האָבן פֿאַר בעקערמאַנען) גייען אַרום ווען איר קלאַנגען, אַז — פֿאַר קיין ייִדישער טאָכטער געטראַכט!... זאָל זיין, אַז זי האָט אַליין אויף זיך די האַנט אַרויפֿגעלייגט?... סיווי... אַז ס'איז באַשערט דאָס לעבן, לעבט מען.

דעמלט איז שימקע „בעל־תכלית“ געוואָרן אַ שטוב־זיצער גלייך מיט נפֿתליציע „דעם קרומען“. איז תמיד ביי געווען און האָט זיך כסדר אַרומגעריסן מיט די ברידער. נאָר דער עיקר האָט ער געברענט און געבראָטן דבורהס טריט, ווען איציק, וועלכער געמט זיך תמיד אָן איר קריוודע, איז נישט געווען דערביי. איציק איז שוין נישט קיין ייִנגל, ער לייגט שוין תפֿילין, אַרבעט אין קוזניע און פֿירט אַרויס דעם טאַטנס חשבונות. נישט געהאַט פֿאַרוואָס זיך צו טשעפּען צו דבורהן, האָט שימקע גלאַט געוואָרטשעט ביי יעדעס מאָל, ווען זי איז אים פֿאַרבייגעגאַנגען, און טיילמאָל האָט זיך נאָכן וואָרטשעניש נאָכגעשלעפּט אַ קללה:

— אַ כאַליערע אין די גראָבע קליבעס אַריין! אַ בראָך אין די פּיסקעס!...

שימקע האָט אין זיינע ליידן געמוזט אויסלאָדן זיין האַרץ אויף עמעצן פון די אייגענע, וואָס ליידן נישט. זיין פאַרהאַלטן זיך צו דבורהן איז געווען דער געמיינער אונטערשלאַק פון זיינע געפילן: דער פיינער אייבערשלאַק, וועלכן ער האָט אויסבאַהאַלטן, איז געווען זיין בענקשאַפט נאָך פערלען, זיין ליבע צו איר, זיין גאַרן, זי זאָל זיך וואָס גיכער אומקערן אַהיים אַ געזונטע און קרעפטיקע, ווי די שוועסטער דבורה. די געזונטע, בלוט און מילך, בליענדיקע שוועסטער האָט אים כסדר דערמאָנט זיין געליבטע, קראַנק מיידל — האָט ער זיך צוזאַמענגעטאָן אויף איר געקילט דאָס אָנגעווייטיקטע האַרץ. ער האָט זי מקנא געווען, די אייגענע שוועסטער, דערויף, וואָס זי פאַרמאָגט בשפע, און זיין פערלען פעלט עס אינגאַנצן. בלויז אָסתרקען האָט ער געשאַנעוועט, פאַרגערעכנענדיק פערלס צוגעלאָזנקייט צו איר פאַר און אַפילו בעת איר קראַנקהייט.

איינמאָל האָט ער זי איינגעבעטן, אָסתרקען, זי זאָל גיין צום פעטער שאַמע זיך נאָכפרעגן, וואָס פערל שרייבט פון דער דאַטשע. האָט זי אים געבראַכט אַ תשובה פון דער באָבע רייזיע:

— ס'איז דאָ אַ פאָטעררדר אין הימל, וועט ערדר העלפן, אם־ירדרצה־השם...

שימקען האָט די דאָזיקע תשובה גאָר נישט אויפגעלייגטער געמאַכט. גאָטס הילף האָט אים אויסגעזען נאָך ווייטער פון דער אָטוואָצקער. זיין בייזקייט איז נישט לינדערער געוואָרן. ער איז דבורהן ווייטער דערגאַנגען די יאָרן, ביז זי האָט אים סוף־כל־סוף פאַרמוסרט פאַרן טאַטן.

— הער אויף צו בילן אויף איר! — האָט ער געקריגן פונעם טאַטן אַ יאָג. — זי פאַשעט זיך נישט אויף דיין שווערס קעסט... וואָס מע האָט זיי דיר נאָך אַפילו נישט צוגעזאָגט אויך... זאָל דער הונט נישט שאַרפן די ציין, כל־זמן די יאַטקע איז אויפן שלאָס.

— אַז מע טראָגט אַן ענגן שוך אויף אַ גאַנגיאָטקע, קאָן מען בייזן זיין אַפילו אויף אַן אייגענער שוועסטער... — האָט זיך איציק זייער קלוג איינגעשטעלט פאַר אים דאָס מאָל.

דעם טאַטנס „איידל אָנצוהערעניש“ און איציקס „יושרדיק אָנצוהערעניש“ האָבן שימקען געעפנט דעם מוח, און ער האָט זיך לסוף איינגענומען.

קאַפּיטל איין און פופציק

פרייד גייט צו פרייד

יעדעס מאָל, ווען ביי דאָדיען אין שטוב גייט אַרויף דער שמועס וועגן פערל׳ דעם פעטער שאָמעס, הייבט אָן טאַטע־מאַמען עפּעס צו בייסן, און זייערע בליקן טרעפן זיך באַזאָרגט איבער דבורהס פּנים: דאָרטן פאַרגינט מע זיי אוודאי נישט זייער געזונטע טאָכטער... פערלס קראַנקן זיין דערמאָנט, אַז ס׳איז דאָ אַ מלאך־המות אויף דער וועלט, וועלכער לויערט אויף יונגע בליענדיקע לעבנס. צום גלייכסטן וואָלט זיין, אַז אויב ער וועט וואַרפן אַן אויג אויף איר — זאָל ער זי דאָ אין שטוב נישט טרעפן. און ס׳איז שוין גלאַט צייט זי חתונה צו מאַכן: אַ דייטשע ראָשטשינע, אַז זי שטייט איבער, וועט פון איר אויך נישט קיין געראָטן ברויט אויסגיין.

און שיע מלמד, כאָטש אסתרקע האָט שוין ביי אים אין חדר נישט געלערנט, איז ווידער געוואָרן זייער אָפטער אורח אויף קידוש יעדן שבת אונדערהפרי, און ער האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דבורה „פּיסקעס“, ווי מיט אַ שטיקל צייט צוריק צו אהרון „מעשאָר־שטשאָר“.

נאָר דעם מלאך־המות קומט שטענדיק צו הילף דער שטן: מעשה־שטן קלעפּט זיך נישט קיין איין שידוך פון די, וואָס ער שלאָגט אָן.

— שיע, ס׳האָט זיך ביי דיר אויסגעוועפּט אין קאָפּ, — האָט זיך דאָדיע אָפּט געקרימט — פון דיינע שידוכים גרעפּצט אַרויף, ווי פון שלעכטן רעטעך מיט פאַרשטונקענעם שמאַלץ.

איינמאָל איז צו זיי צו גאַסט געקומען אויף שבת די מומע צביה פון קאָוולע. מינציע האָט זיך מיט איר צעקושט און זיך פלוצעם צעוויינט, כאָטש ס׳איז, דאַכט זיך, נישט געווען פאַרוואָס:

— וואָלסט שוין געמעגט קומען, שוועסטער לעבן, ווי אַ פאַרבעטענע מחו־תּנתטע אויף אונדזער דבורהס חתונה, און דאָ הייבט זיך גאָרנישט אָן.

דאָריע האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז זי איז געקומען צו פֿאָרן, די אָרעמע אַלמנה, צו „צאַפּן“ פֿון אים, דעם „אָנגעטאָלעטן“ שוואָגער, און ער האָט בלויז אַ קוק געטאָן אויף איר זייטיק און ברוגז און צוריק פֿאַרבאָרגן די אויגן אינעם שאָטן פֿונעם אַראָפּגערוקטן דאַשעק. ער האָט געשוויגן. אויך דער גאַסט האָט געשוויגן. אירע שאַרפֿע דינע ליפּן זענען צונויפֿגעקוועטשט געווען אין אַ קאַרב. רייד פֿון קלוגע לייט טוען זיך נישט קיין לאָז איבער די ליפּן, ווי אויסלויפֿנדיקע מילך איבער די ראַנדן פֿון פֿענדל.

ערשט אויפֿן צווייטן טאָג צום קידוש, ווען מ׳איז געווען אויפֿגעלייגט פֿונעם ביסל בראָנפֿן און דעם קוגל, האָט זיך אין דער מומע צביהס אויגן געוויזן אַן אויפֿשטראַלונג, זי האָט אַ שאַרף געטאָן די ליפּעלעך, ווי אַ פֿליג די פֿליגעלעך פֿאַרן פֿליען, און אויסגעשניטן ווערטער:

— דו ווייסט, טייערער שוואָגעריק מיינער, וואָס איך בין געקומען צו דיר? אַ ביסל געלט פֿאַרדינען, נישט אום הייליקן שבת גערעדט.

— פֿ אַ ר ד י נ ע ן ? — האָט זיך דאָריע אַרויסגעגעבן מיטן אַקצענטירן דאָס וואָרט.

— אַוודאי נישט ב ע ט ל ע ן, — האָט צביה געזאָגט בײַלײַדיקט — אַ סך בין איך שוין געווען בײַ דיר פֿון נאָך אַהרונס התונה אָן?! איך בין געקומען מיט אַ שידוך פֿאַר דבֿורהן, וואָס קיין בעסערן דאַרף מען זיך נישט ווינטשעווען גאָר... אַמאָל דערלאַנגט מען נישט דאָס, וואָס מע דאַרף, ווײַל מע האָט צו ווייט אויסגעשטרעקט די האַנט, אַמאָל דערזעט מען נישט דאָס, וואָס מע זוכט, ווײַל שטאָט צו זוכן מיט די אויגן אויפֿן אייגענעם שפּיץ נאָז סאַלאָפּעט מען גאָר מיט זיי אויפֿן שפּיץ קלויסטער... הערלעבן וווינט אַ שכן, בעריש וועלוול שוסטער („דעם רבינס אײַדעמל“, דאַכט זיך, רופֿט מען אים דאָ הי), אַ פֿײַנער יונגערמאַן? אַ? האָט ער אין ניסכיזש אַ ייִנגערן ברודער, איז ער נאָך פֿײַנער פֿון אים; נישט קיין שוסטער, איז אַ סטאָליער; הערצל הייסט ער. נו, איז עס אפֿשר אַ שלעכטער שידוך פֿאַר דבֿורהס וועגן?! און דאָ גייט מען אַרום מיט ליכט, און מ׳איז בודק־חמץ מיט אַ פֿלעדערוויש אַ ברעקל בחור!

...הער, זכות פֿונעם ניסכיזשער רבֿ, זכרון צדיק לבֿרכה, איז איר, דער מומע צביהן הייסט עס, אַוודאי בײַגעשטאַנען. ווען זי איז נאָך אַ קליין מיידעלע געווען, האָט איר די מאַמע דערציילט — די וועלט האָט געשמועסט: ווען דער טריסקער מגיד וואָלט געווען שלום ווערן מיטן ניסכיזשער רבֿ, וואָלטן זיי בשותּפֿות משיחן אַראָפּגעבראַכט... זונטיק איז זי געפֿאָרן קיין ניסכיזש אויפֿן רבֿס יאָרצייט. אַראָפּגייענדיק פֿון דער פֿור, האָט זי אַ פֿרעג געטאָן דעם באַלעגאָלע, צי וווינט דאָ נישט עמעצער, וואָס קער זיך עפּעס אָן מיט טריסק. — „אָט דאָ אַראָפּ־גאַס צום טײַכל צו — איר זעט דאָרט דאָס הײַזל מיטן שטרויענעם דאַך? וווינט דאָרט אַן אַלמנה, דאָבריש די אַלמנה, וואָס איר זון איז אַ טריסקער אײַדעם“, — האָט ער געטײַטלט

מיט דער ביימש. איז זי אַהין אַריינגעגאַנגען. אמת — ס׳איז בעריש ווילוולס מאַמע. די אַלטע, אז זי האָט דערהערט, אז א טריסקערין איז אויפן יאָרצייט געקומען, האָט זי איר אויפגענומען ווי א ליבן גאסט — „משים כאַטאַ באַגאַטאַ״. צוזאמען זענען זיי געגאַנגען אויפן רבס אוהל און צוזאמען זיך אויסגעוויינט די אלמנהשע הערצער. אין אָוונט איז איר יינגסטער זון, הערציל, געקומען פון דער אַרבעט. אזוי שאַ און שטיל, ווי א טויב, מיט אזא דרך־ארץ צו דער מאַמען. האָט איר, צביהן, א בליץ געטאָן אין מוח: א ווילער בחור — פאַר וואָס זאָל עס נישט זיין קיין גלייכער שידוך פאַר אונדזער דבורהן?

— ...זי האָט זיי דאָרט גלייך אָנגעשלאָגן דעם שידוך. „פאַרוואָס נישט? — האָט די אלמנה מסכים געווען — אויב ס׳איז נאָר א זיווג מן השמים״. נאָר ער אליין, דער חתן־בחור, האָט לאַנג געשוויגן. ערשט אז די מאַמע האָט אים גע־פרעגט: — „מיט וואָס זשע זאָל די מחותנתטע אהיימפאָרן?״ — האָט ער שטיל און איידל א זאָג געטאָן: — „איכל זיך פאַרלאָזן אויף בעריש וועלוולען... אויב די כלה געפעלט אים. איכל אים אָנשרייבן א בריוול״. — אויף מאָרגן אינדערפרי האָט ער איר, צביהן, געגעבן א בריוול און זיך זייער פיין געזעגנט.

— אויב די כלה געפעלט! ער האָט אפנים א ברירה, סע זאָל אים נישט געפעלן! — האָבן דער מומע צביהס ליכטיקע אויגן געקוואָלן מיט ליכט איבער דבורהס פנים. — דו שיינסט דאָך, ווי דער מאָרגנשטערן, כלה־קרוין! דבורה־לעבן!... נו, וועל איך ביי דיר נישט פאָרדינען קיין געלט, טייערער שוואָגער, נישט אום שבת גערעדט?!

ווי דער מאָרגנשטערן האָט דעמלט דבורה גראָד נישט געשיינט — איר פנים איז געווען צונטער רויט, ווי די זון צום זעצן זיך.

נאָכן שבת־ביינאַכטיקן שלאָף איז די מומע צביה אַריינגעגאַנגען צו בעריש וועלוול שוסטער, אים איבערצוגעבן א לעבעדיקן גרוס פון זיין מאַמען, דאָבריש די אלמנה, דאָס בריוול פון זיין ברודער הערציל, און צו זעען ארויספירן די זאַך אויף א דרך:

— א פאַרשלעפּטער שידוך איז ווי א פאַרשלעפּטע קרענק — ביידע ענדיקן זיך נישט גוט.

שבת־צונאַכטס איז בעריש וועלוול „דעם רבנים איידעמל״ אַריינגעקומען צו דאָריען נאָך שבתדיק אָנגעטאָן מיט א צעשמייכלטן „גוטעוואָך״. ער האָט זיך א דריי געטאָן איבער דער שטוב מיטן זיין צירלעך־מאַנירלעך געזגל. פון זיין שוואַרצער דרייפערטלדיקער קאַפּאָטקע האָט ארויסגעשמערט א געפּרעסטער פאַפּירענער קאָלנער מיט א טונקל־רויטן שניפס, פון די קורצלעכע אַרבל — פאַפּי־רענע מאַנזשעטן. דאָס קמין־בערדל מיט די וואָנסעלעך — פיין אָרומגעגלעטיקט מיט א שערל. צווישן די ליפּן האָט ביי אים אַרומגעטאַנצט א פּאַפּיראָסל, און זיינע געדיכטע פערלדיקע ציינדלעך האָבן פון צייט צו צייט א שימער געטאָן מיט

קלוגער ווייסקייט. נישט אומזיסט האָט אים דאָס שטעטל געקרויגט מיטן צונאָ־מען „דעם רבינס איידעמל“, כאָטש אויך זיין שווער, צאַלע, איז געווען א שוסטער.

בעריש וועלוול איז נישט באַזונדערס צופרידן געווען מיטן דאָזיקן צונאָמען, ער האָט עס גאָרנישט געהאַלטן פאר קיין יחוס צו זיין דעם רבינס אן איידעם. ער האָט גאָר געהאַט די אַמביציע מע זאָל אים רופן, ווי ער רופט זיך עס אליין, „דער וואַרשעווער שוסטער“. בעריש וועלוול האָט עטלעכע יאָר געאַרבעט אלס געזעל אין סאמע וואַרשע, און זיינע א טופליע, האָט ער געהאַלטן, קאָן גיין גלייך אין א וואַרשעווער „וויסטאַווע“ — זי וועט זיך, חלילה, נישט פאַרשעמען. ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט ער עס איינקנעלן מיט זיינע קונדן:

— איך זאָג עס אייך, ווי א וואַרשעווער שוסטער... איך אלס וואַרשעווער שוסטער... דאָ האָט איר א וואָרט פון א וואַרשעווער שוסטער... עס רעדט דאָך מיט אייך נישט קיין טריסקער פאַרטאַטש, נאָר א וואַרשעווער מייסטער!...

איצט אָבער, ביי א גלעזל טיי מיט צובייסן ביי דאָדיע קאָוואַלס טיש, ווען דאָדיע קאָוואַל אליין זיצט דערביי, האָט ער זיך אויפגעפירט ווי א סטאַטיק. מער, ווי זיך, האָט ער איצט געלויבט דעם ברודער זיינעם, דעם בראָטאָק, דעם חתן. נאָר מערער נאָך האָט ער געלויבט די כלה, זייער הבורהן הייסט עס. פונקט ווי זיי וואָלטן זי וויניקער פון אים געקענט:

— זי איז א מיידל מיט א פאַרנעם, אייער דבורה.

— פאַר מיר איז גענוג צו נעמען איין מאָל א מאָס פון א מיידלס א פוס, ווייס איך שוין מיט וואָס זי שמעקט... איך בין א וואַרשעווער שוסטער, — האָט ער פונדעסטוועגן נישט אויסגעהאַלטן ביזן סוף דעם עקזאַמען.

אויף דעם האָט אים האָדיע, וואָס האָט פיינט, אז עמעצער לויבט זיך פאַר אים, אָפּגעצאָלט מיט אזא „שמעקעדיק“ ווערטעלע, נאָך וועלכן מע האָט באַדאַרפט אַריסרייבערן די שטוב מיט אַ ציגעלע צוקער אויף לעבעדיקע קוילן. די כלה, וואָס האָט נישט אַראָפּגעלאָזן קיין אויג פונעם חתנס ברודער און לויט אים געוואָלט זיך פאָרשטעלן, ווי דער חתן זעט אויס, האָט זיך דערביי א הייב געטאָן פון אָרט בלומרשט אריינצובריינגען פרישע גלעזער טיי און קוים דערטראָגן איר איינגעהאַלטן געלעכטער אין קיך אריין.

אָבער דער שמועס האָט זיך צוריק אָנגעבונדן, און מ'האָט זיך דערערעדט:

ער, בעריש וועלוול, וועט געבן א דעפעש צום ברודער: מאָנטיק, אם ירצה השם, זאָלן חתן־כלה זיך צוזאַמענפאָרן קיין קאָוולע „צו שליסן באַקאַנטשאַפט“, דער חתן זאָל פאַרפאָרן אויפן אדרעס פון דער מומע צביה, די כלה — צום ברודער, צו אהרונען; און אז דאָס יונגוואַרג וועט זיך מיט מזל געפעלן, זאָל מען מיט טעלעגראַמעס ארויסרופן די מחותנים, און מע וועט ברעכן טעלער ביי אהרונען אין שטוב.

— אייזן האָט ליב, מע זאָל עס קאָווען כל־זמן ס'איז הייס, — האָט דאָדיע דערקלערט זיין אייַלעניש.

און טאַקע דעם קומענדיקן דינסטיק איז פאַרטיק געוואָרן „די קאָוואַניע“: טאַטע־מאַמע האָבן זיך אומגעקערט פון קאָולע צוזאַמען מיט דבורהן אַזש מיט צוויי מזל־טובן פאַראַמאָל — דבורהס תנאים זענען געשריבן געוואָרן נישט ביי אהרונען, נאָר ביי דער מומע צביהן — גאָלדע אהרונס האָט זיך פאַרגלוסט אַקוראַט דעם טאָג צו באַקומען ווייען, און צום מזל־טוב ביים ברעכן די טעלער איז אהרון אריינגעלאָפן מיטן צווייטן:

— מזל־טוב דיר, טאַטע! ביסט א זיידע געוואָרן!

— מזל־טוב דיר, מאמע! ביסט א באָבע געוואָרן!

— מזל־טוב דיר, כלה, צוויי מאָל! ביסט א מומע געוואָרן! —

— מיין גאָלדע האָט געבוירן א מיידל.

— א מיידל?! — האָט דאָדיעס פּנים א לייכט געטאָן, און אלע האָבן פאַרשטאַנען, אז דאָס מאָל זענען זיידע־באָבע צופרידן, וואָס א מיידל: אהרון האָט אויפגעשטעלט דעם נאָמען פון דער פאַרשטאָרבענער געליבטער טאָכטער חנה.

— זאָל שוין טאַקע אָנהייבן צו גיין ביי אונדז תמיד מיט דער פּוטער אַרויף! — האָט מינציע געזאָגט און פאַרענדיקט — ביי אונדז און ביי כל־ישראל... ביי דער שטיפשוויגער... רייזיע...

קאַפּיטל צוויי און פופציק

דבורהס תנאים און איר חתונה

אין יענע חדשים, צווישן דבורהס תנאים און איר חתונה, איז דאָדיע קאָוואַל געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. ער האָט געוווסט, אַז דאָס שטעטל האַלט אים איצט אין מויל צוליבן נדן, וואָס ער האָט געגעבן דער טאָכטער; וועגן אַזאַ האָט מען נאָכנישט געהערט צווישן באַלמעלאָכעס! אַז ער האָט זיך אַזוי צעגאַרטלט, האָדיע קאָוואַל, איז דאָך עס דער חתן מן־הסתם ווערט.

פון דעם נדן איז אויך נישט אָפּגעשטאַנען דבורהס אויסשטייער; און די חתונה־הלבשה איז געוואָרן געניייט — אין קאָוולע ביים בעסטן שניידער, ביי הערש באַרמוט!

אויב דער נדן מיטן אויסשטייער האָבן אַרויסגערופן אין שטעטל קנאה און פאַרשידענערליי רייד, האָט דאָס ניייען ביים קאָוולער שניידער פאַרשאַפן בייז בלוט. די היגע דאַמען־שניידער האָבן געהאַט בלוטיקן פאַריבל, הלמאַי מע פירט אַרויס זייער פרנסה קיין קאָוולע. אַמאָליקע יאָרן וואָלט עס דערגאַנגען ביז צו אַ דין־תורה: ס'טייטש? חזקה! היינטיקע צייטן — וואָס קאָן מען טאָן? וואָס איינער וויל, דאָס טוט ער. אַ וועלט פון „סאַמאָוואָלצעס"!

מ'האָט דאָדיען אָפּגעטראָגן שעלטנדיקע רייד:

— זאָל ער זיך היטן פאַר אַ גוט אויג, דאָדיע קאָוואַל! ער קלאַפּט מיטן האַמער אין צו הויכע פענצטער. ער קאָן זיך נאָך דעם אייגענעם קאָפּ צעפּלעטן...

איז דאָדיע, פאַרשטענדלעך, נישט געבליבן קיין בעל־חוב און געסילוקט:

— תכריכים, אַז זיי וועלן פאַר זיך צוגרייטן, וועל איך זיי געבן צו שטייער. און מיין קינדס חתונה־קליידער וויל איך ביי קיין פּאַרטאַטשעס נישט איבערפירן.

געמזיענע סאַפּאָזשקעס מיט קאַלאָשן פאַר דער כלה האָט דאָדיע געקויפט גרייטע פון קראָם. דערפאַר אָבער אַ פּאָר ווייסע זיידענע לאָדעמשקעס צו דער חופה האָט ער באַשטעלט ביים חתנס ברודער אַליין, ביים „רבינס איידעמל", פון וועלכן בעריש וועלוול האָט אָנגעקוואָלן. ביים נעמען די מאָס האָט ער באַוויזן זיינע געדיכטע, פּערלדיקע ציין און פאַרזיכערט די כלה:

— ווי איך וואָלט זיי פאַר מיין אייגענער כלה געסטראָיעט... ווי אין אַ וואַרשעווער „ווּיסטאַווע“ אַריינצושטעלן... ווי מזרזהלער וועלן זיי זיין, די לאָדעטשקעס — די שפּיץ פינגער צו זיי צוצולייגן און אַ קוש צו טאָן.

נישט בלויז די כלה, אַלעמען אין שטוב האָט דאָדיע אין זינען געהאַט. יעדער איינער האָט זיך מיט עפּעס באַנייט אויף דער חתונה. מאַרוסיען, דעם אוקראַיִנישן דינסטמיידל, האָט ער געקויפט ציץ אויף אַ קליידל און געגעבן איר געלט צו קויפן זיך אַ פּאָר זיידענע זאָקן. אַליעקן, דעם פּוילישן געזעל, האָט ער געקויפט אַ שיינעם קראַוואַט.

באַזונדערס האָט מען לכבוד דער חתונה אויסגעפּוצט די כלהס שוועסטערל, אסתרקען, וואָס אירע חברטעס, באַלעבאַטישע קינדער, רחל האָרן און שבעלע קאַגאַן, וועלן קומען טאַנצן מיט איר אויף דער חתונה. פון דער מומען צביה פון קאָוולע האָט מען אַרויסגעפּאָדערט די מאָס פון איר בת־יחידקע, שפּרהלען, און מע האָט אויפגענייט פאַר זיי, פאַר אסתרקען און פאַר איר, ביי זייערע קוזינקעס, דעם פעטער זרח דעם רויטנס מיידלעך, צוויי אַלציינגע ליבערטינענע קליידעלעך — בלויע, מיט קליינע בלימעלעך געשפּרענקלט.

איינמאָל, אַ חודש פאַר דער חתונה, גייענדיק אַ צעשטראַלטע פון די קוזינקעס מיט די נייע קליידעלעך אויף דער האַנט, איז אסתרקען אָנגעפאָרן אַנטקעגן דאָס פורל פון דער באַן. זי טוט אַ קוק — פערל דעם פעטער שאַמעס! פון אָטוואָצק צוריקגעקומען. אויך זי האָט אסתרקען דערזען, געשאָקלט צו איר מיטן קאָפּ און אַריינגעשמייכלט און איר צעשטראַלטקייט. דאָס פורל איז שנעל פאַרביַיגעפאָרן, איבערלאָזנדיק פאַר אסתרקעס אויגן פערלס אָנבליק און שמייכל... דער שמייכל איז טאַקע אינגאַנצן פערלס, אָבער פערל אַליין איז עפּעס יאָ זי, און נישט זי: די פיגור — דיקער, און דאָס פּנים אויסגעקיילעכיקט, ווי אַנגעטאָן אין פרעמד לייב. דאָס איז אסתרקען געווען פריקרע, כאָטש זי האָט געקוואָלן פון פרייד: „פערל איז שוין געזונט! זי׳ט זיין אויף דער חתונה! זי׳ט מיט מיר טאַנצן!...“

נאָר פון טאָג אויף טאָג איז אָט די פרייד אסתרקעס טונקעלער געוואָרן. די היגע פייכטע לופט, בפרט די אָסיענדיקע, פאָליובעט איר נישט, פערלען. איר טעמפּעראַטור האָט ווידער גענומען שטייגן, דער הוסט ווערט אָפטער און שטאַרקער. אָן קיין שפּייקעסטל לעבן זיך קאָן זי זיך נישט באַגיין. איר אַפּעטיט איז פאַרשוואונדן. עסן און טרינקען, זעט מען אויף איר פּנים, רופט אַרויס ביי איר עקל און פאַרשאַפט איר ערגעניש. זי איז ווידער מער געליגן אויפן געלעגער, ווי געווען אויף די פיס.

כאָטש נעם זי, פערלען, און זעץ זי אַוועק אויף כסדר אין אָטוואָצק! דאַרף מען דאָך אויף דעם האָבן קורחס אוצרות. נישט דאָס שמשעריי, משטיינסגעזאָגט,

און נישט דאָס בעקעריי טראָגן נישט דערויף. ס'איז געגוג, אז סע קלעקט אויף פרנסה — אָן עין־הרע אַזאַ שטוב!

די באָבע רייזיע, שטייענדיק מיט אסתרקען ביי דער קיך (זי קאָכט אַ גאָלדן יויכל מיט מאַרך פון ביינער פאַר פערלס ווענן), כאַפּט אַ קוק, צי די מומע יאָכוועד איז דאָרט אין שטוב פאַרנומען, און רעדט צו איר, ווי צו אַ גרויסער שוין. אירע בלויע אויגן, דער באָבעס, האָבן פאַר דער לעצטער צייט זיך פאַרשאָטנט מיט אומעט. אירע רייד זענען שטיל און דער טאָן — אַפּהענטיק און אונטערטעניק:

— נישט מיט ליב האָט זי זיך דאָרט, אין אָטוואָצק, אָנגענומען, פערל. ס'איז געווען לויטער אָנגעפּוישעכץ, ליב אָן בלוט — קיין פאַרב און די באַקן האָט נישט געשפּילט. און אַז זיי האָבן זיך יאָ געטאָן אַמאָל אַ צינד אָן, איז ווי זשאַר פון הינטער דער הויט. ליב אָן ליב־און־לעבן. עלהיי פינגע פון אייערווייסל — בל־זמן מע שלאָגט אין דער שיסל מיטן גאָפּל, הייבט זי זיך אויף, בלעזלט זיך; הערט מען אויף — זעצט זי זיך אָפּ אויפן דנאָ...

פון טאָג אויף טאָג, פאַר די אויגן טאַקע, טרוקנט זי איין, פערל. אין שטוב איז שטיל. אומעטיק. זיפצן גייען אויף אין דער שטילקייט און פאַרבאָרגן זיך. ס'הייבט אָן צו שטיקן דאָס געמיט, אַז מע פאַרבלייבט דאָ אַ ביסל לענגער. אסתרקע הערט אויף אהער ארייַנצוקומען. זי ווייסט שוין אויף געוויס, אז פערל וועט מיט איר אויף דבורהס חתונה נישט טאַנצן.

שימקע איז גאָר לכתחילה אַהין נישט אַרייַנגעגאַנגען. געווען אָנגעלאָדן אויף פערלען, דערהערנדיק, אַז זי זעט אויס געזונט און פריש: הלמאַי האָט זי אים נישט געענטפערט אויף זיין בריוו, וואָס ס'האָט אים אָנגעשריבן בסוד דער לערער בעקערמאַן! זי, פערל, קאָן דאָך שרייבן אַליין און דאַרף צו קיינעמס הילף נישט אָנקומען! איז וועט ער איר ווייזן, אַז ער שטייט איך נישט אין איר!... זי מיינט, זי איז איין שיין מיידל אין שטעטל?!... נישקשה... ער וועט זיך אָן איר דערשלאָגן צו אַ תכלית.

נאָר שפּעטער, ווען מ'האָט אָנגעהויבן שמועסן אַנדערש: „אַבי מ'האָט זיך איינגעשמועסט — אָטוואָצק איז אַ גאָט! פערל שאַמע שמשם — מיט דעם, וואָס זי איז אַוועקגעפאָרן, מיט דעם איז זי צוריקגעקומען..."; „לופט! אָטוואָצקער לופט!... די לעבער פון אַ זיפ וועסטו מיט קיין ווינט נישט פאַרשטאָפּן" — האָט עס אים, שימקען, אָנגעהויבן צו גראַבלען די נשמה, און אַלע טאָג פלעגט ער אסתרקען אַ פרעג טאָן:

— ביסט געווען ביי פערלען? וואָס מאַכט זי?

— כ'בין נישט געווען.

— פאַרוואָס גייסטו נישט?

— גיי דו... יענע וואָך בין איך געווען. זי ליגט.

— און אויף מיר האָט זי דיר קיין איין מאָל אַפילו נישט געפרעגט?

— ניין.

— הממ... אסתרקע... גיי היינט אַריין צו איר. איכל דיר קויפן וועלשענע ניס.

שימקע האָט געוווסט, אַז אָפּזאָגן זיך פון אַ נאַש איז פאַר אסתרקען אַ נסיון. נאָר דאָס מאָל האָט ער נישט געטראָפן. זי האָט פערלען שטאַרק ליב געהאַט, און זיין וועלן קויפן איר גאַנג צו פערלען פאַר ניס האָט זי באַליידיקט:

— גיי אַליין און קויף זיך אַליין ניס! — האָט זי אויף אים אַ געשריי געטאָן און געקוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין מיט עזות, וואָס האָט געהייסן: אפשר וועסטו פרווון מיך שלאָגן?... וועל איך שוין דווקא יאָ זיין היינט ביי פערלען און איר עם דערציילן!

שימקע האָט איר געדאַנק אָראָפּגעלייענט פון איר שטערן. האָט פאַרביסן די ציין און דערנאָך אַ זאָג געטאָן, ווי אַ קליין יינגל:

— וואַרט, וואַרט — וועסט נאָך אַמאָל אָנקומען צו מיר.

און זיי זענען זיך מיט אַ וואָרטשעניש פונאַנדערגעגאַנגען.

— איך וועל דיר היינט ברענגען אַ גרוס, — איז אים אַנטקעגנגעקומען פון צווייטן צימער אַרויס איציק און אים פאַרבייגעגאַנגען.

וואָס נעענטער צו דבורהס חתונה (די טעג ווערן קירצער, קעלטער און כמורנער, די זון באַווייזט זיך זעלטענער, טריב און צעפּלאָסן), אַלץ מער ווערט אין אסתרקען פערלס געשטאַלט פאַרנעפּלט. די צוגרייטונגען צו דער שמחה האָבן אויך זי פאַרטאַראַמט. קיינער דערמאָנט איר נישט אין פערלען. אפילו שימקע האָט איר מער גאָרנישט געפרעגט וועגן איר פון יענעם טאָג אָן. די באָבע רייזיע האָט זיך נישט באַוויזן ביי זיי אַפילו אין דער חתונה-וואָך צו פאַרנעמען זיך מיטן צוגרייטן אויף דער חתונה. מינציען, מיט דער כלה, מיט דער דינסט האָט צוגעהאָלפן בלויז זייער שכנה פעסיע חווה. זעלטן כאַפּט זיך אויך אַריין צוהעלפן דעם חתנס שוועגערין, „דעם רבינס איידעמלס“ ווייבל, ראָסיע צאַלע שוסטערס, אַ ווייבל, וואָס מע דערקאָנט אויף איר, אַז אַמאָל, איידער זי איז אַ מאַמע געוואָרן, האָט זי געמוזט זיין אַ שיינע מויד — אירע באַקן דערמאָנען אין פאַרוועלקטע בלומען. זי האָט קיינמאָל קיין צייט נישט, איילט זיך:

— די קליינע שדים וועלן דאָרט די שטוב איבערקערן, און בעריש וועלוועט נישט פאַרטיק ווערן מיט דער אַרבעט... גאַנצע שעהען טאָקט ער דער כלהס חופּה-לאָרעטשקעס.

און דער עיקר — אסתרקען אַליין איז פּינגעשטאַנען נישט קיין לייכט שטיקל אַרבעט צו דער חתונה. דאָס איז געווען דעם לערער בעקערמאַנס אַן „אידייע“, זי זאָל אַרויסטרעטן אויף דער חתונה מיט אַ „מאמר“, אָדער, ווי דאָס האָט געהייסן ביי זיי אין שטוב, אַ „רעטש“ — אַ באַגריסונג פאַרן יונגן פּאָר נאָך דער חופּה.

אַרויסגעפירט דעם לערער אויף דער דאָזיקער „אידייע“ האָט, ווי אויף אַלע גרויסע אידייען, די גויט. אסתּרקע האָט לעצטנס אָנגעהויבן אָנווערן דעם חשק צו די לעקציעס, און דער לערער האָט זיך דערפילט פאַר דער סכּנה, זי זאָל אים נישט אַ ליאַדע טאָג לאָזן זיצן ביים טיש אַליין. האָט ער צוגעטראַכט פאַר איר אַ רייצעניש. זי זאָל באַווייזן פאַר די חברטעס, פאַר דער היים און „פאַר דער גאַנצער שטאָט“, וואָס זי קאָן.

דער „רעטש“ איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ ווערק פונעם לערער גופא. ער איז באַשטאַנען, דער „רעטש“, פון אַ גרויסן שנור ווינטשעוואַניעס פאַר דער יונגער פּאָר, וואָס גייט איצט אַרויף געאָרעמט, פון דער חופּה גייענדיק, אויף איר נייעם אומבאַקאַנטן לעבנסוועג. די ווינטשעוואַניעס זענען פול געווען מיט פיל־פאַרביקע בלומען און זינגענדיקע שפּילפייגעלער, מיט שימערירנדיקע זונשטראַלן און טייכן מיט זילבערנע שטראָמען, מיט צעדערן פון לבנון און וואַסערן פונעם ירדן, און מיט נאָך און נאָך אַזעלכע שיינע און דערהויבענע זאַכן. דאָס אַלץ האָט געדאַרפט פאַרבלענדן, איבעראַשן דעם חתונה־עולם, פאַרשאַפן לויב און באַוווּנ־דערונג דער שילערין און רום דעם לערער, ווייל יעדער וועט זיך דאָך אָנשטויסן, און אַז מע וועט דאַרפן, וועט מען עס געבן צו פאַרשטיין, וועמעס פיין שטיקל אַרבעט דאָס איז, דער „רעטש“.

אויסצולערנען דעם „רעטש“ אויף אויסנווייניק איז אסתּרקען לייכט אָנגע־קומען, אַ סך לייכטער ווי אים צו פאַרשטיין: ס'האָט איר געדינט איר גוטער זכרון. זי האָט אָבער געמוזט האָרעווען ביי דעם „מעביר זיין די סדרה“, ווי דער לערער האָט זיך אויסגעדריקט, ס'הייסט ביים איינרעפּעטירן ווי אַזוי דער „רעטש“ דאַרף געהאַלטן ווערן: ווו זיך אָפּצושטעלן, ווו צו רעדן גיך און ווו אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ.

— מע דאַרף ביי דיר אַרויסקומען ווי ביי אַן אַרטיסטקע! — האָט דער לע־רער געוועקט איר אַמביציע, און ווען ס'פלעגט ביי איר אַרויסקומען געלונגען, פלעגט ער זי אַ כאַפּ טאָן אויף די קני, אַ דריק טאָן צו זיין ברוסט און טיילמאָל אויך אַ רייב טאָן איר בעקל מיט די האַרטע וואָנצעס.

— כי־כי־כי!... זי מאַכט דאָך עס בעסער פון מיר אַליין! — האָט דער לערער געקוואָלן פון איר אויף דער „גענעראַלער רעפּעטיציע“ אַ טאָג פאַר דער חתונה.

דאָס מאָל האָט ער באַזונדערס לאַנג געריבן איר מאָרדעטשקע מיט די שטע־כעדיקע וואָנצעס און געגעבן צו שפּירן איר נאָז דעם גאַל־ברוינעם טיטון־ריח, מיט וועלכן זיי זענען געווען דורכגעזאַפּט. נאָר זי האָט דאָס אַלץ געדולדיק אַריבער־געטראָגן: איר מאָרגנדיקער דערפאָלג וועט איר באַצאָלן פאַר דער דאָזיקער פּיין אויך.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און אָט באַזעצט מען די כלה, און מע פירט אַריין דעם חתן צו באַדעקנס. אסתרקע האָט דערזען דעם אייניציקן חתונה־גאַסט פון דער באָבע רייזיעס שטוב — דעם פעטער שאַמע. ער האָט זיך געהאַלטן, דאַכט זיך, ווי תמיד: דער קאָפּ גרויסהאַלטעריש אויפגעהויבן, דער אָנבליק — ערנסט, די ברוסט — אַרויסגעשטאַרצט. אָבער פון פרייד איז אויף זיין פנים קיין זכר נישט געווען, ווי ער וואָלט זיין אויף דער חתונה טאַקע בלויז שמש, און נישט קיין מחותן. דווקא ערשט דערזעט אסתרקע מיטאַמאָל: דער פעטער שאַמע האָט זיך פאַר דער לעצטער צייט געעלטערט — זיין בלאָנד גאָלדיקן בערדל איז באַפּראָשעט מיט אַ זילבערשטויב, און ביי די אויגן־ווינקלען ליגן קליינע פעכערלעך פון קנייטשן. זיינע תמיד בלוי־קוואַלנדיקע אויגן קוקן היינט נישט צום עולם, נאָר אַריבער אים; פאַרשאָטנטע, אומעטיקע אויגן. ער זעט אוודאי זיין אייגן כלה־מיידל, זיין פערלען, וואָס אָנשטאָט צו טאַנצן אויף דער חתונה, ליגט זי אַ בלאַסע אויפן בעט, און אַרום איר זיצן די באָבע רייזיע, די מומע יאָכוועד און די מומע יהודית, אָנגעטאָן אין וואָכעדיקן, מיט אומעטיקע פנימער און אומעטיקע געמיטער, ווי אין שטוב וואָלט זיין תשעה־באָב... און... שימקע „בעל־תכלית“ שטייט דאָ אין אַ ווינקל מיט פרייליקע זרח דעם שוואַרצנס, זי שמייכלט צו אים און ווייזט אים אירע ווייסע ציין.

די מוזיק שאַלט אויף. מע פירט צו דער חופה. געשטופעריי און געדראַנג. ווי גייען אינפירן: אסתרקע, אירע חבֿרטעס, רחל און שבעלע, די קאָוולער קוזינקע — מיט קאָלירטע הבדלות אין די הענט. וואָס נעענטער זיי קומען צום פעטער שאַמעס שטוב, אַלץ שטאַרקער ציט עס אסתרקען צו דער קראַנקער פערלען. זי ציט מיט אירע חבֿרטעס נאָך זיך צום ראַנד פון שאָסיי, כדי צו קאָנען אַריינקוקן צום פעטער שאַמע אין די פענצטער, פאַרבייגייענדיק.

ס'איז פינצטער דאָרט אין שטוב, די שויבן גלאַנצן, ווי שוואַרצע שפיגלען, און שפיגלען אָפּ די ליכט־צינגלעך פון די חופה־הבדלות. אין איין שויב דערזעט זי די אָפּשפיגלונג פון אַ געל־בלאַסער לבֿנה. זי טוט אַ הייב אַרויף דעם קאָפּ צום הימל — ער איז חושך, קיין זכר נישט פון קיין לבֿנה; סע שפּריצט אַ דריבנע רעגנדל, ווי פון שפּילקע־שפּיצעלעך... ס'איז זיכער געווען אין פענצטער דער קראַנקער פערלס פנים... אפשר האָט איר בליק געזוכט אין דער שיין פון די הבדלות שימקען?... האָט זי אים אפשר דערזען פירן געאָרעמט פריידל זרח דעם שוואַרצנס?... אויף דער שויב דאָרט האָבן אַ גלאַנץ געטאָן רעגן־טראָפּנדלעך: אפשר וויינט זי דאָרט, ביים פענצטער שטייענדיק, פערל?

ס'האָט גערייזלט אין אסתרקען דאָס געוויין פונעם פידל. מער האָט זי פון דער מוזיק גאָרנישט אויפגענומען.

די חבֿרטעס האָבן זי מיטגעצויגן. זי האָט זיך דערזען ביים בית־מדרש, וווּ ס'איז שוין געשטאַנען די חופה. זי איז צעטומלט און הערט נישט און זעט נישט,

וואָס דאָ קומט פאָר. די אָנגעצונדענע הבדלה אין איר האַנט ציטערט, ציטערט און שפּריצט מיט בריענדיקע פינקעלעך אויף איר הויט... די מוזיק טוט אַ שפּיל אויף, אַזוי ווי אויף צולהכעיס, אַ פריילעכס. מע פירט שוין צוריק פון דער חופּה. די האָר אויפן קאָפּ זענען איר נאַס.

...באַלד דאַרפסטו זאָגן דעם „רעטעניש"! — טוט עס איר מיטאַמאָל אַ פּייק אין קאָפּ, און זי הייבט אָן איין זיך איבערווייניק צו זאָגן אים.

— געדענקסטו גוט? — דערשפּירט זי אַ הייסן אָטעם איבער איר אויער און אַ טיטון־ריח אין דער נאָז.

— כ'געדענק! — ענטפערט זי דעם לערער פעסט און מיט פאַריבל.

— לויט־זשע אַרויס, קינדער, פאָרויס, — באַפעלט ער זיי — און שטעלט זיך ביי דער שטוב פאַר דער שוועל.

פאַר דער אָפענער טיר פון זייער שטוב איז אַ געשטופּעניש, אַ געדראַנג און אַ געשריי.

— שאַ־אַ־אַ!... דער כלהס שוועסטערל וועט האַלטן אַ „רעטעש"!

ס'ווערט שטיל. עמעץ (זי דערזעט דאָס פּנים פונעם פעטער יונה סעווערינק) פירט זי אַ הייב און אַ שטעל אַרויף אויף אַ באַנק, וואָס פאַרשפּאַרט דעם אריינגאַנג אין שטוב. אין אירע ביידע זייטן שטייען די חברטעס מיט דער קאָוולער קוזינקע מיט די אָנגעצונדענע הבדלות פאַר איר פּנים. מע שטופּט איר אַריין אַ בעכער ווייַן אין אַ האַנט, און זי הערט דעם לערערס געשעפּטש: — „דער עולם וואַרט. הייב אָן, אסתרקע". זי עפנט דאָס מויל. וואָס זי דאַרף זאָגן, ווייסט זי נישט. נאָר איר מויל ווייסט עס אַליין און זאָגט. ווי אַ רינגל נאָך אַ רינגל ציט זיך אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט און אַ פראַזע נאָך אַ פראַזע. מיט דער אינטאָנאַציע און מיט די באַוועגונגען, ווי זי האָט עס אויסגעלערנט. און... אומגעריכט פאַר זיך אַליין איז זי שטיין געבליבן. נישטאָ אַפילו וואָס צו זאָגן מער. דאָס מויל איז ווי אויסגעשעפּט און טרוקן. וואָס האָט זי ווייטער צו טאָן? אַהאַ!... זי האָט צוגעטראָגן דעם בעכער ווייַן צו די ליפּן, אַ זופּ און אַ גאָס געטאָן פון אים דעם איבעריקן ווייַן מיט אַ שטראָמל איבער די קעפּ פון דעם עולם... די שטילקייט און דערוואַרטונג האָט זיך מיטאַמאָל איינגעבראָכן מיט אַ הילך פון הענט־פּאַטשערייען, מיט אַ קולות־געדויש פון געשרייען: „מזל־טוב!", „מזל־טוב!", אַז איר האָבן זיך פאַרמאַכט די אויגן, און ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי פאַלט פון דער באַנק, אויף וועלכער זי שטייט. זי ווערט געטראָגן אויף הענט אין שטוב אַריין, ווי דער גרויסער קוויטיש, מיט וועלכן מע האָט געטאַנצט אַנטקעגן חתן־כלה... זי ליגט אויף אַ בעט, און הייסע טרערן רינען איר פון די אויגן: פאַרוואָס איז פערל דערביי נישט געווען? זי'ט שטאַרבן?...

קאַפּיטל דריי און פּופּציק

אסתרקע ווערט א „גרויסע“

אַזוי געשעט עס אין לעבן: נאָך שׂכרות קומט אויסניכטערונג, נאָך רויש — שטילקייט, נאָך פרייד — אומעט.

נאָכן פריידיקן און טומלדיקן רויש פון דבורהס חתונה, ווי נאָר זי איז מיט איר מאַן, מיט הערצלען, אַוועקגעפאָרן צו אים אַהיים קיין ניסביזש, האָט זיך ביי דאָדיען אין שטוב אָפּגעשטעלט עפּעס אַזאַ מאָדנע שטילקייט. אַ הוילקייט און אַ שטילקייט געמישט מיט אומעט.

דאָדיע איז אויסערלעך געווען רואיק. אָבער זיין געמיט — קענטיק נישט געלייטערט, גיכער — באַטריבט... צי האָט ער געבענקט נאָך דער אויסגעגעבענער אוועקגעפאָרענער טאָכטער? צי האָט די דאָזיקע בענקשאַפט אויפגעיאַטערט זיין ווונד נאָך איר פאַרשטאָרבענער שוועסטער חנה, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט און אין איר קיין נחת נישט דערלעבט?

מינציען פלעגט מען דעמלט צייטנווייז טרעפן מיט פאַרוויינטע אויגן. זי האָט דבורהס פעלן אין שטוב טאַקע געדאַרפט אָפּפילן שטאַרקער פון אַלע: ס’האָבן איר אויסגעפעלט דבורהס צוויי געזונטע הענט צו דער שטוב-אַרבעט. אין די בענקשאַפט געווען די סיבה פון איר וויינען? צי אפשר איז דעם מאַנס פאַרהאַלטן זיך צו איר ערגער געוואָרן? כאָטש אויסערלעך האָט זיך עס נישט געמערקט.

אויך אסתרקען איז באַפאַלן אַן אומעט, וואָס האָט זי געקלעמט. די ווילדע קינדערישע שפּילערייען האָבן זי שוין מער נישט געצויגן. ס’האָט איר פון זיי פּלוצעם אָפּגעהאַלטן א געפיל פון גרויסהאַלטן זיך: „וואָס? א קינד בין איך?!“ די ברידער מיט זייערע אינטערעסן זענען איר פרעמד געוואָרן. אפילו איציק, וועלכער האָט איר עטלעכע מאָל אַ שטאָך געטאָן מיט שפּאָט: — „גאַ דיר אַ חתונה-רעטש!... א מענטש זאָל רעדן, וואָס ער פאַרשטייט נישט!... א מענטש מאָר נישט זיין קיין פּאָפּוגיי!...“ אויך צום פעטער שאַמע אין שטוב איז זי נישט

געגאַנגען. פּערלס שמייכל צו איר פּלעגט זיין קורץ און בלאַס, און מאַמע האָט זי גערעדט צו איר אַ ביסל לענגער, האָט איר די מומע יאָכוועד דערמאַנט: „שטרענג זיך נישט אָן, פּערעלע... עס וועט דיר פּאַרשאַטן...‟ פּלעגט זיך אַסתר־קען דערייבער דאַכטן, אַז זייער רוגז אויף אירע אייגענע האָט זיך שוין אַריבער־געטראָגן אויך אויף איר. זי האָט געאַנט, אַז צום תמידיקן רוגז האָט זיך נאָך צוגעמישט די קנאה, וואָס ביי זיי האָט מען דערלעבט דעם נחת דבורהן צו דער חופּה צו פירן, בעת זייער פּערל... איין גאָט ווייסט, ווען זי וועט צוריק צו די כוחות קומען! אַפילו די באָבע רייזיע האָט געקוקט אויף איר מיט טריבע אויגן. האָט זי איינגעאַנצן אויפגעהערט אַהין צו גיין. זעגען איר פּאַרבליבן בלויז די חברטעס, רחל האַרן און שבעלע קאַגאַן. נאָר אויך זיי האָבן איר שוין נישט איינגעאַנצן צו־פרידנגעשטעלט: עפּעס (וואָס? האָט זי אַליין נישט געוווסט) האָט איר נאָך געפעלט צו זיי.

איר קינדערישע נשמה האָט זיך געריסן ווי פון אַ קלעם אַרויס, אומטעכטיק געצאַפּלט מיט די פליגעלעך, נאָר נישט אימשטאַנד געווען זיך פון אָרט אַ ריר צו טאָן.

אויף די לעקציעס מיטן לערער בעקעחמאַן איז זי געזיצן ווי אַ נעכטיקע. זי האָט געקוקט פּאַרתמט ערגעץ אין דער וועלט אַריין, און ער — מיט שרעקעוודיקע בליקן צו דער טיר, צי קומט נישט עמעצער אַריין? יענער וועט דערזעען ווי דער לערער מיט דער שילערין געגעצן אין כאַר, דער לערער — אויסבאַהאַלטנדיק, מיט פּאַרקלעמטע ציין, די שילערין — פריי, מיט אַ ברייט צעעפנט מויל.

אַ סוף צו מאַכן מיט דער לעקציע האָט אסתרקען אָפּגעהאַלטן בלויז: וואָס וועלן זאָגן רחל און שבעלע?

דער לערער האָט פּאַרשטאַנען — פריער אָדער שפּעטער, פּלאַצן מוז עס. האָט ער געוואָלט כאָטש עפּעס ראַטעווען. און איינמאָל בעת אַ גלעזל טיי, גאָבן אַרויסגעפירן דאָרין אַ חשבון, הייבט ער אים אָן צורייידן, ער זאָל אסתרקען בעסער שיקן אין בית־הספר:

— איר זעט דאָך, רב דאָדיע — איך רעד אייך צו, כאָטש ס'איז נישט אין מיין אינטערעס אָנצוווערן אזא גוטע לעקציע...

דאָדיעס אויגן זענען געווען אָנגעשטעלט אויף אים, און מיט אַן אומבאַ־וועגלעכן בליק האָט ער אַריינגעקוקט אין זיך אַליין. ער האָט זיך געקווענקלט, געקווענקלט און לסוף מסכים געווען.

— דאַכט זיך מיר, אַז אין דער „פּאָווישעכנער‟ שול צו שיקן איז אַ גרע־סערער תכלית? — האָט זיך אריינגעמישט שימקע „בעל־תכלית‟.

— איז ערשטנס, איז זיך קיינער מיט דיר נישט מישב, דו סמאַרקאַטש איינער! — טוט אים דער טאַטע אַ סמאַליע אָפּ.

— און צווייטנס, — רעדט ער שוין אין שטוב אַריין — אַז מיין „באַנדיט“ זאָל זיך דאָרט אָנהייבן צו חברן מיט שקצים, איז ווער ווייסט, וואָס דערפון קאָן אַרויסקומען!

„...וואָס קאָן דערפון אַרויסקומען?“ — האָט אסתרקע זיך געפרעגט און געהערט, וואָס דער טאַטע האָט פאַרענדיקט, ווי ער וואָלט זי געסטראַשעט:

— אַ יידישן „בחור“ לייגט מען אַריבער אויף די קני, און מע צעפּאַסעוועט אים דאָס זאַדיק־פלייש... אויף דעם איז דאָ אַ פּאַסעק.

— איכל שוין דאָרטן וועגן אַלץ אַרומרעדן, — האָט דער לערער געזאָגט מיט אַ רחמנות־שמייכל — און אַלץ וועט זיין דערליידיקט. כאָטש מאַטיע גופא, דער פאַרזיצער פונעם „ועד־הורים“, איז אייך נישט פון די גוטפריינד — פאַר אַלעמען איז ער אַן אייזנקרעמער, און איר זענט געוואָרן אים קונה זיינער... צי וועט איר טאַקע נישט מיט דער צייט עפענען אַן אייזנקראַם, רב דאָדיע?...

כיוויי, מאָרגן, רב דאָדיע, גיט אסתרקען געלט אויף אַ שול־רענצל און שול־ביכלעך (רחל האָרן וועט איר שוין זאָגן, וואָס זי דאַרף אַלץ קויפן) און איבער־מאָרגן שיקט זי אין בית־הספר. דינסטיק איז אַ גוטער טאָג ביי יידן.

אין דער אומעט־טונקלקייט פון אסתרקעס געמיט האָט אָנגעהויבן אַרומ־בלאָנדזשען אַ שטראַל פון אַנטציקונג: אויף אַ האַלבן טאָג כאָטש וועט זי פּטור ווערן פון דער היים... וועט זיך געפינען צווישן אַ סך קינדער... און — „כ'וועל לערנען אין איין שול מיט רחל האָרן!“ און שבעלע קאַגאַנס טאַטע האָט געזאָגט, אַז אויב מע וועט זי אַריינגעמען אין בית־הספר פאַר אַ קליינעם שכר־לימוד, וועט ער זי אויך שיקן אין בית־הספר.

דער מאָנטיקדיקער בייטאָג איז ביי אסתרקען אַוועקגעגאַנגען אין איינקויפן צוזאַמען מיט רחלען און שבעלען אַלץ, וואָס זי דאַרף געניטיק אין שול אַריין. דער טאַטע איז נישט קאַרג געווען. איר געמיט איז געווען אויפגערודערט: „מאָרגן אינדערפרי וועל איך גיין צו רחלען, און צוזאַמען וועלן מיר גיין אין שול!“

די גאַנצע נאַכט איז זי אומרואיק געשלאָפן. ס'האָט איר אויך געמאַטערט עפעס אַ ווייטיקלעכע שוואַכקייט אין די גלידער. דאָס האַזיקע האָט איר נאָך מיט אַ וואָך פריער געלאָזט פילן, אַז סע קומט עפעס פאָר אין איר אינעווייניק. נאָר זי האָט זיך געפילט צו קלאָגן זיך אויף דעם פאַר דער מאַמען. איצט, ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אינמיטן דער נאַכט, האָט איר וויי געטאָן דער קאָפּ אַרום די שלייפן, ווי מע וואָלט זיי אַריינגענומען אין אַ רייפל... און שלאָף האָט זי זיך געזען — מיט אַ גאָלדן קריינדל אויפן קאָפּ. זי האָט זיך געגרייסט דערמיט קעגן דבורהן מיט דער „גירלאַנדע“, נאָר דאָס קריינדל האָט זיך איר איינגעגעסן מיטן רענדל אין לייב, און ס'האָט ווי געטאָן. זי האָט אַלע וויל אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ אַראָפּצוואַרפן עס, נאָר זי האָט נישט געקאָנט...

אינדערפרי האָט אַ שטעכעניש אַרומגעבלאָנדזשעט אין איר אינגעווייד, און זי האָט זיך נישט געקאָנט אויפהייבן פון געלעגער.

ווען דאָריע איז אַהיימגעקומען אויף מיטיק, און מינציע האָט אים געזאָגט, אַז אסתּרקע איז עפּעס נישט מיט אַלעמען און נישט געגאַנגען אין שול, האָט עס אים אויפגעהעצט. עסנדיק די פאַרשפּייז, אָנגעריבענעם רעטעך מיט ציבעלקעס און שמאַלץ, האָט ער געבילעוועט:

— דער „באַנדיט" מיינט זיך אַרויסצודרייען... סע וועט איר אָבער נישט גיין. איכ'ל זיך איינהאַלטן הייַנטיקן טאָג. וועט זי מאָרגן ווידער זיין נ י ש ט מ י ט אַ ל ע מ ע ן, על'יך אַ פאַרקאַטשע טאָן די קאָלדרע און אַרויסרייסן איר אַלע שפּילקעס פונעם געזעס... וועט איר שוין גרינג זיין איינצוזיצן אין שולע אויף דער באַנק.

דאָריע האָט גערעדט הויך, כּדי אסתּרקע זאָל אים הערן אין צווייטן צימער, און די עוולה, וואָס איר ווערט אָפּגעטאָן, האָט זי צעקלעמט. פאַרוואָס? פאַרוואָס? די באַעוולהטע אומשולד האָט געוויינט אין איר האַרצן, און טרערן האָבן קעגן איר ווילן אַרויסגעשפּאַרט דורך אירע געשלאָסענע ברעמען. אויף די טרערן האָט זי זיך אַליין געחידושט: „זע נאָר — וואָס איז דאָס געווײן! כ'האָב דאָך נאָך אַפילו דעם פּאַסעק פאַר די אויגן נישט געזען!" און זי האָט דערמלט פאַרשטאַנען דאָס שפּריכוואָרט, וואָס זי האָט נישט איינמאָל געהערט פון איר מאַמען: „אַ פּאַטש פאַרגייט, אַ וואָרט באַשטייט".

פאַרנאַכט האָט זי זיך דערפילט לייכטער און איז אַראָפּגעקראָכן פון געלעגער. „מאָרגן וועל איך גיין אין שול, אַפילו ס'זאָל מיר ווי טאָן יעדעס אבר! — האָט זי געטראַכט צולהכעיסדיק — און אַז איכל ווערן אמתדיק קראַנק — זאָל ע ר וויסן!".

זי האָט געמיינט, דעם טאַטן. מינציע האָט אָפּגעהאַלטן פאַר רייכטיק דעם מאַנס חשד, אַז אסתּרקע מאַכט בלויז אַן אָנשטעל. ווי צו באַשטעטיקן, אַז זי איז געזונט, האָט זי איר געהייסן „אַ וואַש טאָן" די פּאָדלאָגע אין פאָדערשטן חדר. ווי אויף צולהכעיס דעם טאַטן און איר האָט אסתּרקע געפאָלגט. האָט מיט אַלע כּוחות געשאָבן און געוואַשן די פּאָדלאָגע, זי זאָל ווערן „אַ געלעכל", ווי בעת דבורה פלעגט וואַשן. ס'איז אָבער געווען איבער אירע כּוחות. דאָס בלוט איז איר געלאָפן מיט הייסע כוואַליעס אין פּנים אַריין. דאָס שטעכעניש, וואָס האָט אינדערפרי אַרומגעבלאָנדזשעט אין איר, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף איין אָרט און זיך צונויפגעגאָסן אין איין שאַרף שניידעניש. זי האָט קוים דערוואַשט די פּאָדלאָגע, ווי מיטאַמאָל האָט איר געטאָן אַ שלאָג אַרויס אַ שווייס אויפן קאָפּ: זי האָט זיך דערשראָקן: „וואָס איז געשען מיט מיר?" זי איז צוגעגאַנגען צו איר געלעגער (פון דבורהס אוועקפאָרן אָן איז זי געשלאָפן אין איר בעט) און כמעט אַריינגעפאַלן אין דעם. זי האָט זיך צוגעדעקט ביז איבערן קאָפּ מיט דער קאָל־

דערע, צוגעמאַכט די אויגן און מיט ניגער זיך איינגעהערט צו עפּעס אומגעוויינילעכס, וואָס קומט פאָר אין איר גאַנצן וועזן. „וואָס געשעט מיט מיר?" און ס׳עטוט איר שוין איצט גאָרנישט ווי... ס׳איז איר לייכטער, לייכטער... זי באַפרייט דעם קאָפּ פון דער קאָלדרע.

ס׳באַפאַלט זי אַ זיסע שמאַכטונג, און ס׳פאַרשלייערט זי אין דער טונקלקייט פון אָוונט אַ לופטיקער דרימל. — — —

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט ביינאַכט אינדערפרימצייטער — בלויז אַ שמאָלער פּאַס שיין האָט זיך אַריינגעזייעט דורך דער נישט אינגאַנצן צוגעמאַכטער טיר — האָט זי דערהערט ווי די מאַמע האָט שטיל און וואַרעם געזאָגט צום טאַטן:

— ווייסט, דאָדיע? האָסט אַסתרקען אומזיסט חושד געווען... זי איז טאַקע נישט מיט אַלעמען.

— וואָס שוין ווידער?

— אונדזער אסתרקע, איז היינט... אַ „גרויסע" געוואָרן.

— המם... צו פרי! — האָט דער טאַטע אַ וואָרטשע געטאָן האַלב צופרידן, האַלב מיט פאַרדרוס. — ערשט נישט לאַנג עלף יאָר געוואָרן!

— קיין אומגליק נישט, חלילה. ס׳טרעפט זיך, דאָדיע.

— צו פרי, — הערט זי ווי דעם טאַטנס וואָרטשען גיסט זיך אָן מיט רוגזא — מ׳עט דאַרפן קוקן אויף איר מיט אַלע אויגן...

—וואָסי, דאָדיע, — האָט די מאַמע פאַריבל — מיינע עלטערע טעכטער זענען, חלילה...

— די איז אַן אַנדערער סאָרט פרי. אַ טערפּקע... זי קאָן אייליק מאַכן די ציין. אזעלכעס טאָר מען אָן קיין שומר נישט לאָזן. געדענק!

...„וואָס מיינט ער דערמיט, דער טאַטע?" זי האָט עס נישט קלאָר באַנומען, כאָטש זי איז שוין אַ „גרויסע געוואָרן". נאָר זי האָט זיך ערשט ווייניק איבערגענומען מיט זיינע רייד:

זי איז געווען דורכגענומען מיטן געפיל, אַז זי לעבט איבער אַ יום־טוב, וואָס איז קיינעמס נישט, בלויז איר אייגענער. אינדרויסן רייסט דער ווינט די לאָדן, ס׳איז שפּעטער בלאָטיקער און כמאַרעדיקער הארבסט, און אין איר איז אויפגעגאַנגען אַ פרילינג. ס׳האָט זיך אין איר צעבליט אַן עפּל־בוים, און ער פאַרשמעקט איר מיט זיין אַראָמאַט.

זי האָט געוואָלט פאַרבלייבן אליין מיט איר יום־טוב, און זיך שוין נישט געאיילט אין שול אַריין. זי איז מייַנסטנס געליגן אין בעט און געדרימלט, אָדער זיך געמאַכט דרימלענדיק. די מאַמע האָט עטלעכע מאָל געוואָלט איר עפּעס זאָגן, נאָר זי האָט פאַרשעמט אוועקגעדרייט דעם קאָפּ צו דער וואַנט און געוואָרטשעט,

אז זי וויל נישט הערן. קיינער האָט איר קיין בייז וואָרט נישט געזאָגט, ווי מע וואָלט געהאַט פאַר איר דרך־ארץ, און זי האָט זיך געהיים געגרייזט דערמיט.

ווען דער לערער בעקערמאַן האָט זיך דאַנערשטיק אריינגעכאַפּט צו זיי „געוואָר ווערן, פאַרוואָס עפּעס האָט אסתרקע אָנגעפּייפט דעם שול? כי־כי־כי...“ — האָט אים מינציע בארויקט:

— מיין כלה־מויד איז נישט מיט אַלעמען. זי וועט שוין קומען די צווייטע וואָך, אם ירצה־השם. זאָרגט זיך נישט, לערער.

— אייער כ ל ה ־ מ ו י ד ?... —האָט זיך דער לערער עפּעס אָנגעשטויסן. — ס'האָט אייך אפנים פאַרשמעקט צו זיין א מחותנתטע, מינציע. כי־כי־כי! אפשר ווילט איר שוין, מע זאָל אייער אסתרקען א שידוך אָנשלאָגן? שיין טאַקע די העכסטע צייט... וויפל איז זי אלט? ...כי־כי־כי! אין צוועלפטן יאָר? מיין באָבע האָט שוין טאַקע צו די יאָרן חתונה געהאַט.

אסתרקע האָט זיך געמאַכט שלאָפנדיק און שטיל אריינגעלאַכט אין זיך פונעם לערער.

ערשט שבת פאַרנאַכט־צו, ווען דאָדיע איז געזיצן א שווייגנדיקער ביי שלוש־סעודות, האָט אסתרקען אָנגעהויבן דריקן אויפן געמיט דאָס כסדרדיקע זיין מיט זיך אליין. זי האָט ארויסגעקוקט דורכן פענצטער אינדרויסן. אין דער לופט האָט ארומגעבלאָנדזשעט אן ערשט שנייעלע, א שוואַכס אזוי, אז פאַלנדיק אויף דער בלאָטיקער ערד, האָט עס קיין צייכן נישט געלאָזן. אפילו נישט אויף די שוואַרצע נאַסע צווייגלעך פון דעם פלוימענבייטל הינטערן פענצטער. בלויז פון דער שאָל פון א יידענע, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען פאַזע די שטאַכעטן, האָט עס אראָפּגעגרויט, ווי א פוך. ס'האָט איר א צי געטאָן אינדרויסן, און זי האָט זיך שטיל ארויסגעשלייכט דורך דער קיך־טיר.

זי האָט זיך געלאָזט מיטן שאָסיי צו שבעלע קאַגאַן. אויב זי וועט זי נישט טרעפן אין דער היים, וועט זי גיין ווייטער, צו רחל האָרן, מסתם איז זי ביי איר... פאַרוואָס זענען זיי כאָטש היינט צו איר נישט געקומען? ברוגז פאַרוואָס זי איז נישט געקומען אין שול? המם... „איכל זיך גיין פאַר זיי פאַרענטפערן?! וועגן דעם־אָ מיט זיי ריידן... זיי זענען דאָך נאָך קינדער!...“

און פאַרבייגייענדיק דעם פעטער שאַמעס שטוב, האָבן זי די פיס אומגעריכט פאַר איר אליין אריינגעפירט צו פערלען.

ווי לאַנג זי איז שוין דאָ נישט געווען! ס'איז טונקל, שאָטנדיק און שטיל. ד פאַרנאַכטיקע דעמער־שיין זייעט זיך דורכן פענצטער אויף פערלס צוקאָפּנס. ווי גוט, וואָס זי איז גראָד אליין! זי צעשמייכלט זיך קעגן אסתרקען און ווינקט זי מיט א פינגער צו זיך. אסתרקע האָט זיך געזעצט אויפן ראַנד פון איר בעט.

אויף פערלס פאַרגעלבט־בלאַסע באַקן שטייען שאַרף־רויטע פלעקן, און ס'דערמאָנט זיך אסתרקען דער געל־ברוינער בלעטער־פאַל, באַשפּרענקלט מיט

בלעטלעך רויט, ווי בלוט. און ...„ביי מיר אין האַרצן איז גאָר פרילינג די לעצטע טעג“!

— וואָס הערט זיך עפּעס ביי דיר, אסתרקע? וואָס מאַכסטו? — פרעגט זי איר, שעפּטשענדיק, ווי אַ סוד.

— גאָר... נישט, — זאָגט זי און בייגט זיך מיטאַמאָל איין און פאַרטרויט איר עפּעס אויפן אויער.

אסתרקע פילט, ווי פּערלס וואַרעמע האַנט בלאָנדזשעט צערטלעך איבער אירע האָר און אַקסל, און ס'ווערט איר אַזוי גוט מיט איר!

— ביסטו שוין אַ גרויסע, — טוט פּערל אַ שמייכל צו איר, און איר דאַכט זיך, אַז זי רעדט צו איר ווי אַ גלייכער צו אַ גלייכן.

דערנאָך האָט איר פּערל שטילערהייט, מיט פויזעס צווישן איין פראַזע און דער צווייטער, אַ זאָג געטאָן, דאַכט זיך, גאַנץ גלייכגילטיק, נאָר הינטער די ווערטער האָט זי געאַנט איר געפיל, ווי אַ מענטש הינטער אַ דין ווענטל:

— און דיין שימקע ווייזט זיך שוין גאָר אינגאַנצן נישט.... איז ער טאַקע אַזוי פאַרנומען... מיט פריידל זרח דעם שוואַרצנס?... נו, זאָל זיי וויל באַקומען...

די ברכה פון פּערלס מויל איז אין אסתרקעס געהער פאַרקערט געוואָרן צו אַ קללה. זי האָט זיך געפילט שולדיק און פאַרשעמט פאַר איר ברודער, דעם כראָבן נפש. האָט זיך שיר אליין נישט אַרויסגעכאַפּט מיט אַ קללה אויף זיין קאָפּ. נאָר ס'האָט איר איבערגעשלאָגן אַ רייב פון אַ שוועבעלע אין קיך. דאָס שוועבעלע האָט אַ זיפץ געטאָן, און שאָטן מיט שיין האָבן זיך צעשווינדלט.

— גוטוואָך! — האָט אסתרקע דערהערט דער באָבע רייזיעס אומעטיק קול און זיך איילִיק אויפגעהויבן מיט אַן אויסרייד:

— מיין מאַמע וועט זיך נאָך בייזערן. מאָרגן גיי איך אין שול. אַ גוטע וואָך דיר, פּערל.

— אַ גוט יאָר, טייער מיידעלע. המם... שימקען רעד גאָרנישט איבער.

אסתרקע איז שוין געווען אויף דער צווייטער זייט טיר... אוודאי וועט זי נישט איבעררעדן שימקען. זי פאַרשטייט עס נישט אליין? זי איז דאָך שוין אַ גרויסע!... „אַ מענטש טאָר נישט זיין קיין פּאַפּוגיי“ — זאָגט איציק.

ק אַ פּ י ט ל   פ י ר   א ו ן   פ ו פ צ י ק

אסתרקעס ערשטע שול און ערשטע ליבע

זונטיק אינדערפרי איז אסתרקע דאָדיע קאָוואַלס, מיטן שול=רענצל, אַריינגעקומען אין בית=הספר. איר איז גלייך אַנטקעגנגעלאָפן מיט אויסגעשפּרייטע הענט און צעשמייכלט פּנים איר חברטע רחל האָרן. רחלס בולטע, פון פרייד פאַרגרעסערטע העל=ברוינע אויגן זענען, ווי תמיד, געווען איבערגעצויגן מיט אַ וואַרעם נעפּעלע.

אַראַנק רחלען האָט אסתרקע שוין גלייך אײַנאָנהייב נישט אָפּגעפילט די פרעמדקייט פון דער נייער נישט היימישער סביבה. גלייך פון ערשטן טאָג האָט זי זיך אין איר איינגעגלידערט. אמת — די לעקציעס זענען איר געווען (אפשר נישט אזוי שווער, אָבער) פרעמד, ווייל אַלץ איז דאָך געלערנט געוואָרן אויף העברעיש. האָס לשון האָט נאָך מער געהאַמעוועט זייערע שפּילערייען און פאַרווײַלונגען בעת די הפסקות.

צווישן די „מורים" און תלמידים איז אָנגעגאַנגען אַ שווערער געראַנגל. די לערער האָבן געפּאָדערט: אין שול, אין גאַס, בפרהסיה מוז אַ תלמיד פון בית=הספר רעדן אויסשליסלעך „עברית", ווייל דאָס איז אונדזער לשון. זיי האָבן געהאַלטן, די לערער, אז זיי גייען אויף אַ געגנגער הנהה שוין דערמיט, וואָס זיי דערלויבן די שילער צו רעדן „זשאַרגאָניט" אין דער היים, ווייל... אַ ברירה האָט מען? אַז טאַטע=מאַמע האָבן אין קיין בית=הספר נישט געלערנט און פאַרשטייען גענבער נישט, וואָס מע רעדט צו זיי.

— עברי אתה? דבר עברית!* — איז געווען זייער לאַקאָנישער לאָגישער באַפעל.

נאָר די לאָגיק האָט כסדר געבראָכן דעם קאָפּ אין דער עקשנותדיקער וואַנט פון דער ווירקלעכקייט. די שילער, אַפילו די, וואָס האָבן אין האַרצן אָפּ=

---

* ביסט אַ העברעער? רעד העברעיש!

געגעבן געדעכט די לערער, האָבן פאָרט נישט געקאָנט דערפילן אַזאַ האַרבע פאָדערונג: דער מוח האָט נישט אונטערגעטראָגן דאָס נייטיקע וואָרט, אפילו ווען מע האָט עס געוווסט, און דער צונג האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דינען, אַפילו ווען ס'איז שוין אויף אים געלעגן. זיי האָבן זיך געפילט, די שול־קינדער, ווי פיש אין אַ נעץ, זאָל זיין, ווען זי איז נאָך פון וואַסער נישט אַרויסגעצויגן געוואָרן. ס'וואָלט אויסגעקומען געצוווּנגענערהייט מער צו שטומען ווי צו רעדן. דערפאַר האָט מען פאָרט, שוין אָפּגערעדט אין גאַס, אַפילו אַרום דער שול און אין שול, גערעדט יידיש. אמת, מ'האָט זיך בעת־מעשה אַרומגעקוקט, ווי מע וואָלט באַגאַנגען אַ פאַרברעכן, צי איז נישט אָנגעשטעלט אין דער נאָענט אַ „שפּיאָנישער" אויער פון אַ לערער אָדער פון אַ שילער אַ חונף, וואָס וויל זיך אונטערלעקן די לערער און איז גרייט צו פאַרמסרן אַ חבר. און אַז ס'האָט פּאַסירט, אַ שילער איז נכשל געוואָרן, האָט דער לערער אָפּגעהאַלטן אַ גאַנצע מוסר־רעדע, געזידלט און טיילמאָל אַפילו אַרויפגעלייגט אויפן פאַרברעכער אַ געלט־שטראָף.

דער געראַנגל צווישן די לערער און די שילער האָט געדויערט.

געווען אַמאָל אַזאַ פאַל. איינער אַ שילער, דווקא פון די, וואָס האָבן פריער גערעדט העברעיש, האָט זיך אין אַן ענגער מינוט אַרויסגעהאָלפן מיט אַ יידישער פראַזע. האָט אים דערביי „געפּאַקט" דער לערער בעקערמאַן און גלייך אַ זאָג געטאָן דעם באַקאַנטן פסוק:

— עברי אתה? דבר עברית!

האָט זיך ביים שילער צעשטראַלט דאָס פנים פון זיין אייגענעם שפּאַסיקן שאַרפזין:

— לא, אדוני המורה. אני יהודי ומדבר יהודית. *

איז אים דער לערער בעקערמאַן נישט געבליבן שולדיק און אָפּגעצאָלט מיט נאָך אַ שאַרפערן ווערטל:

— שמע! אתה לא עברי ולא יהודי, אתה ערל... **

און, אַרומקוקנדיק זיך צו קיינער פון די לערער הערט אים נישט, האָט ער אַליין מיט זיין געלעכטערל פאַרטייטשט אויף יידיש:

— כי־כי־כי! דו ביסט אַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ...

די שילער אַרום האָבן זיך צעלאַכט סיי פונעם לערערס שפּאַס, סיי פון זיינע יידישע ווערטער, ווי זיי וואָלטן אַרויס פון אַ נישט־יידיש מויל, און סיי פון פאַרגעניגן: הייסט עס, אַז פאַרן לערער בעקערמאַן דאַרף מען זיך גראָד אַזוי נישט היטן מיט דער דאָזיקער עבירה — ער איז אַליין פון די, וואָס דאַרפן

* ניין, הער לערער, איך בין א ייד און רעד יידיש...

** הער! דו ביסט נישט קיין העברעער און נישט קיין ייד, דו ביסט אן ערל...

זיך היטן... און ער האָט די שילער דערמיט אונטערגעקויפט. ער האָט זיך פאַר־שטאַנען אויף אַזעלכע זאַכן, דער לערער בעקערמאַן.

אסתרקע איז אין שול געווען נישט פון די גאָר פלייסיקע. די הפסקות האָבן זי מער פאַרנומען ווי די „שעורים" *. אָבער אירע פעיקייטן האָבן איר גע־דינט, און אויך האָט אונטערגעהאַלטן איר גוטן נאָמען דער לערער בעקערמאַן. זי האָט זיך דערפאַר גערעכנט פון די בעסערע שילער, כאָטש דאָס העברעישע לשון האָט זי אויסגעקאָוועט זייער שווער. אַדאַנק דעם איז זי אויך חשובער גע־וואָרן אין דער היים.

פון צייט צו צייט פלעגט זיך דער לערער בעקערמאַן אַריינכאַפּן צו זיי און אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן איר אין שול. ער האָט געלויבט אירע פעיקייטן און איר אויפפירונג און געהנפעט איר טאַטנס אַמביציע. נו, דאָס פלעגט אים אויפן אָרט אָפּגעצאָלט ווערן, דעם לערער: צו דער גלאָז טיי מיט לימענע, צו וועלכער דאָדיע האָט אים פאַרבעטן, האָט אים נאָך מינוציע צוגעשטעלט אַ שעלכל איינ־געמאַכטס. און דאָדיע האָט אים געהאַלטן אין איין מכבד זיין מיט ציגאַרן פון זיין בעסטן טיטון.

— אינגיכן, רב דאָדיע, וועט איר שוין נישט דאַרפן האָבן נישט מיין הילף און נישט אייער איציקס, — האָט זיך דעם לערערס פּנים איינמאָל געשמאָלצן אין דער פאַרע פון דער טיי, נאָך דעם ווי ער האָט אַרויסגעפּירט פאַר דאָדיען אַ שווערן חשבון — אָט ווי איר קוקט אָן די קליינע, וועט זי עס אייך שוין מאַכן. כי־כי־כי!

די דאָזיקע רייד זענען געווען אויסגערעכנט פאַר אַ סגולה, אַז דעם קומענ־דיקן דאַנערשטיק אינאָווענט, בשעת־הדחק, זאָל ער זיך קאָנען אַריינכאַפּן צו דאָ־דיען נאָך אַ קליינעם גמילת־חסד אויף שבת... פאַר אַ נויט וועט מען עס קאָנען אָפּשלאָגן פונעם שכר־לימוד.

— אַ שאָד, אַ שאָד, רב דאָדיע, וואָס איר האָט נאָר איין קינד ביי אונדז אין בית־הספר... כי־כי־כי! און וואָס צווישן די שול־עלטערן האָב איך נאָר איין רב דאָדיע. ס'וואָלט געווען גרינגער אַדורכצוקומען די זיבן טעג פון דער וואָך.

אַזוי איז אַריבער דער ווינטער. חוץ רחל האָרן האָט זיך אסתרקע אין שול קיין נייע חברטעס נישט איינגעשאַפן, כאָטש אין פריינדשאַפט האָט זי געלעבט מיט אַ סך. אויסער דער שול האָבן זיי זיך: אסתרקע, רחל האָרן און שבעלע קאַגאַן, געהאַלטן אין אַן אָפּגעזונדערטער „טראָיקע" **. מער האָבן זיי נישט געדאַרפט. זיי האָבן געלעבט זייער גוט צווישן זיך. יעדע איינע האָט געוווּסט דער צווייטערס אַלע „סודות".

---

* לעקציעס

** דריילינג

ערשט מיטן פרילינג האָט אסתרקע באַקומען א סוד, וועלכן זי האָט אינאָנהייב פאַר זיי אויסבאַהאַלטן:

איינמאָל, אַרײַנלייגנדיק דאָס שול-רענצל אין דער שול-באַנק, האָט זי באַמערקט אינעווייניק אין שאָטן אַ פּאָר ווערטער, מיט קרייד געשריבן: „אַת יפה“.* זי איז בייז געוואָרן, וואָס עמעץ „פּאַטשקעט“ אויף איר אָרט, און האָט עס אָפּגעווישט. אין אַ פּאָר טעג אַרום — ווידער די אייגענע האַנטשריפט. האָט זי זיך שוין אויפמערקזאַמער צוגעקוקט. ס'איז געשריבן מיט דער לינקער האַנט. האָט זי דערפון געדרונגען: ס'איז נישט צופעליק אָנגעשריבן — דער שרייבער היט זיך, מע זאָל זיין האַנטשריפט נישט דערקענען... צו וועמען זשע איז עס געשריבן? נישט שוין זשע?...

אסתרקע האָט אומיסטן אַרײַנגעקוקט אין אַלע בענק פון איר קלאַס — אַלע זענען ריין... מיינט דאָך עס טאַקע, אויב אַזוי, זי! זי האָט זיך פאַררויטלט, כאָטש אין קלאַס איז קיינער אויסער איר נישט געווען.

זי האָט גענומען דאָס קריידל פונעם שול-טאָוול און אונטערגעשריבן, אויך מיט דער לינקער האַנט: „מי אַת?“**. אין א פּאָר טעג ארום איז געקומען א שפּאַסיקער ענטפער, וואָס האָט זי ווידער געלאָזן אין אומבאַוווסטקייט: „אַני — אתה“***. זי האָט זיך אָנגעשטויסן דעם מיין פון דעם ענטפער: „איך בין אַ יינגל...“ נאָר ווער איז ער? האָט זי ווידער צוגעשריבן די פראַגע אָפן: „מה שמך?“****. איז נאָך דעם זעלבן טאָג, נאָך א הפסקה, געשטאַנען א תשובה: „לגלות שמי יראתי“*****. איר רעטענישפולער פאַרערער איז מיטאַמאָל אראָפּגעפאַלן אין אירע אויגן: „אַ פּחדן! נישט כדאי צו האָבן אַן עסק מיט אַזעלכן“. דאָס מאָל האָט זי אַפילו נישט אָפּגעווישט דאָס אָנגעשריבענע — זאָל ער זעען, אַז ער גייט איר אינגאַנצן נישט אָן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום — די צושריפט איז לענגער געוואָרן: „מדוע תחשי, היפה בנערות?“ ******. איז זיי געררייצט געוואָרן, ווי פון א פריינדלעכן קוצל, וואָס איז אי אייגענומען, אי מע קאָן אים נישט פאַרטראָגן. האָט זי אָנגעשריבן: „פּחדן“! און באַשלאָסן, מער אַפילו קיין בליק נישט טאָן אין באַנק אַריין. נאָר דער חברטע רחל האָרן האָט זי פונדעסטוועגן גאָרנישט דערציילט, אויסבאַהאַלטן פאַר איר דעם סוד, און שוין אויפן צווייטן טאָג מיט א

---

* דו ביסט שיין

** ווער ביסטו?

*** איך — דו

**** ווי הייסטו?

***** איך האָב מורא אויסזאָגן מיין נאָמען

****** פאַרוואָס שווייגסטו, דו שענסטע מיידל?

זוכנדיקן זייטלדיקן בליק אָפּגעגאַרט זיך אַליין... דער „פּחדן!" שטייט ווי געשטאַנען, שוין גאָרנישט ווי קיין פּחדן — ער האָט זיך אַליין נישט אָפּגעווישט.

אַריבער אַ טאָג, צוויי, דריי — ער שטייט אַלץ אויפן אָרט. ווי די באַליידיקונג איז גאָר קעגן איר געווענדעט... זי איז אין כעס געוואָרן און אים געטאָן אַ וויש אָפּ — זאָל קיין זכר פון אים נישט בלייבן! זי וויל מיט אים קיינע עסקים נישט האָבן.

דאָס האָט זי אָבער נישט צופרידנגעשטעלט. זי האָט זיך גאָר אָנגעהויבן פילן שולדיק קעגן אים: „איך האָב אים באַליידיקט, נישט ער מיך"... און... ווער איז ער? ווער קאָן עס זיין? זי האָט אים געזוכט אין די אויגן פון יעדן יינגל אין איר קלאַס, גאָר אים נישט געפונען. איצט האָט זי שוין אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דערציילן איר סוד די חברטעס, אפשר וועלן זיי איר העלפן טרעפן דאָס רעטעניש. גאָר עפּעס האָט איר אָפּגעהאַלטן דערפון: און טאָמער וויזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז אַ יינגל אַ גאָרנישט מיט אַ נישט — איז וואָס פאַר אַ פּנים וועט זי פאַר זיי האָבן! „קיין קאַץ אין זאַק פאַרקויפט מען נישט" — זאָגט איר מאַמע. האָט זי זיך אַליין געפּייניקט, ביז... ס'איז איר גאָר אַרויס פון זינען.

נאָר איינמאָל אין אַ זוניקן פרימאָרגן טוט איר אַזש אַ שלאָג היים בלוט אין פּנים אריין: פונעם שאָטן פון איר באַנק ווינקט צו איר ארויס די קריידענע האַנט־שריפט מיט אַ גאַנצער שורה מיט נקודות אפילו: „טוב שבך אל תאמרי לחברך, היפה בנערות!" אָבער... דער זין פון דעם ענטפער איז איר נישט קלאָר, נישט ווינדיק אַליין צו וואָס פאַר אַ צוועק, האָט זי די דאָזיקע שורה, אָן דעם שיטול „היפה בנערות", אַראָפּגעשריבן צו זיך אין העפט אַריין און דאָס קריידענע געשריפטס אָפּגעווישט. די גאַנצע לעקציע איז זי געווען, לויטן לערערס ביזן אויסדרוק, „ערגעץ אויף אַ יאַריד". און בעת דער הפסקה האָט שוין איר געדולד מער נישט אויסגעהאַלטן. זי איז מיטן העפט צוגעגאַנגען צום לערער בעקערמאַן:

— אדוני המורה! איך האָב זיך אַראָפּגעשריבן פון אַ ביכל אָט דאָס־אָ ווערטל — וואָס איז דער פּירוש?

דער לערער האָט זיך צעשמייכלט, צופרידן, וואָס זי איז צו אים צוגעגאַנגען, צוגעבויגן דעם קאָפּ צו איר העפט, און פון הינטער די פענסנע־גלעזער זענען זיינע קליינע קורצזיכטיקע אויגן געקראָכן איבערן פּאַפּיר, ווי פליגן איבער אַ וואַרעמער שויב:

— המם... טוב שבך אל תאמרי... תאמר שטייט אין ביכל... אל תאמר לחברך... המם... דאָס איז די טייטש, אסתריקע — מיט דיין אייגענעם פעלער זאָלסטו נישט זידלען דיין חבר... המם... למשל, למשל, אַז דיין נפתּליקע זידלט

זיך „בייזער הונט“! זאָגסטו אים „מום שבך אַל תאמר לחברך“. כי־כי־כי! התביני? *

— תודה, אַדוני המורה! ** — האָט זי געזאָגט און שוין פאַרשטאַנען דעם ענטפער, וואָס זי האָט פון אים געקראָגן: „זאָגסט מיר פחדן — דו ביסט אַליין אַ פחדנית!“

...סאַראַ חוצפה ער האָט! און שרייבט נאָך „היפה בנערות“! סע בעט אים עמעצער! שפּעטער איז איר צאָרן נאָך גרעסער געוואָרן, ווייל זי האָט זיך אַריינגעטראַכט און געמוזט זיך אַליין מודה זיין: „ער איז דאָך נישט אומגערעכט — איך האָב דאָך אויך כסדר געשריבן מיט דער לינקער האַנט... וועל איך אים טאַקע באַווייזן: איך וועל די ערשטע אָנשרייבן מיט דער רעכטער האַנט, איך האָב קיין מורא נישט, און זאָל ער זען! נאָר וואָס שרייבט מען עפּעס רעכטס, סע זאָל אויסנעמען?“ זי האָט, פּייניקנדיק זיך, גאָרנישט געקאָנט צוטראַכטן. אפשר פּרוּווט זיך פאַרטרויען מיט דער געשיכטע פאַר רחלען? אפשר וועלן זיי אינצווייען קאָנען עפּעס צוטראַכטן — המם... ניין!...

אסתּרקע האָט אַרויסגעריסן פון איר העפט דאָס בלעטל מיטן „מום“, פאַרשטראָכן דעם יוד פון דעם וואָרט „תאמרי“, און פאַרשטעקט עס אין אַ שפּאַרונג פון דער באַנק אַזוי, אַז קיין זייטיקער זאָל עס נישט באַמערקן, סיידן ד ע ר, וואָס איז פאַראינטערעסירט צו זוכן עפּעס. וואָס זי מיינט דערמיט האָט זי אַליין נישט פאַרשטאַנען, נאָר עפּעס קלוגערס איז זי נישט פעיק געווען צוצוטראַכטן.

אויף מאָרגן האָט זי נייגעריק אַרויסגענומען דאָס פערטל פּאַפּיר פון דעם פאַרשטעק, אַ קוק געטאָן, און איר האַרץ האָט אָנגעהויבן הויך צו קלאַפּן: מיט אַ שיינער האַנטשריפט איז געווען צוגעשריבן — „אַשרי אָדם מפחד תמיד“. זי האָט זיך פאַרטייטשט וואָרט נאָך וואָרט: אשרי — וויל, אָדם — אַ מענטש, מפחד — האָט מורא, תמיד — תמיד... נאָר וואָס איז דער זין פון די דאָזיקע ווערטער ווי אַ תשובה צו איר?

אסתּרקע האָט ווידער געמוזט אָנקומען צום לערער בעקערמאַנס הילף, דאָס מאָל איבערחזרנדיק די פּיר ווערטער בעל־פּה. דער לערער האָט איר אויסגעטייטשט, אַז ס'איז פאַראַן פחדנות — פחדנות, און ס'איז דאָ פחדנות — פאַרזיכטיקייט... אַ נאַר איז אַ פחדן, אַ קלוגער איז פאָרזיכטיק: — פאָר—זיכ—טיק, — האָט זיך דער לערער אַראָפּגעבויגן איבער איר. זי האָט דערפילט זיין וואַרעמען אָטעם און דעם געלן ריח פון טיטון.

אסתּרקע האָט מיט עקל אָפּגעווענדעט איר פּנים, און ער האָט פאַרענדיקט:

---

* פארעטייסט?

** אַ דאַנק, הער לערער

— אַת שקדנית, אסתרקע, טוב מאוד, טוב מאוד! *

— תודה, אדוני המורה! — האָט זי געזאָגט און געפרעגט אויף ייִדיש — און ווי זאָגט מען: דו ביסט גערעכט?

— הצדק אתך, אסתרקע **.

אַ פאַרטראַכטע איז זי אָפּגעגאַנגען פונעם לערער וועגן דעם קלוגן ענטפער, וואָס ער, יענער הייסט עס, האָט איר געגעבן... ער איז נישט קיין פּחדן, בלויז פאָרזיכטיק איז ער; און זי וואָס איז? וואָס טראַכט ער וועגן איר? און דאָס ערשטע מאָל, דאַכט זיך, אין איר לעבן איז זי אָפּגעטראָטן פון איר גרויסהאַל־טערישקייט, און האָט זיך אונטערגעגעבן... איר ערשטע ליבע צו אַ ייִנגל, וואָס זיין פנים איז איר נאָך אומבאַקאַנט, און ס'קאָן גרייִלעך געשען, אַז ווען ס'וועט איר באַקאַנט ווערן, וועט זי „חרטה האָבן אויפן שידוך". „אָבער קלוג איז ער זיכער" — האָט זי זיך באַצייטנס געגרייסט מיט אים. זי האָט אויפן פּאַפּיר־פערטל צוגעשריבן: „הצדק אתך", אונטערגעשריבן זיך: אסתרקע פּריסיק, פאַר־שטעקט עס אין דער באַנק, און מיטאַמאָל רואיק געוואָרן: איצט מוז ער שוין, וועט ער שוין קומען אַליין.

* דו ביסט א פלייסיקע, אסתרקע, זייער גוט, זייער גוט

** דו ביסט גערעכט, אסתרקע

קאַפּיטל פּינה און פּופּציק

דער שנעלער סוף פון אסתרקע פּריסיקס ערשטער ליבע

ס'איז געווען די ערשטע פרילינג-וואָך. שבת בייטאָג האָבן די לערער איינגעאָרדנט אויפן שול-פּלאַץ אַ טאַנץ-שפּיל פאַר די קינדער פון אַלע קלאַסן. אסתרקעס בליק האָט אַרומגעבלאָנדזשעט און געזוכט, און פרעגנדיק זיך אָפּגעשטעלט אויף יינגלשע אויגן: „ביסטו עס?... אפשר?" ביז איר בליק האָט זיך מיטאַמאָל געטאָן אַ ציטער אָן ווי אַ שוועבעלע: אויף איר פּנים זענען פונווייט געווען אָנגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגן, וואָס האָבן זי פאַרגאָסן מיט שיין און ליבשאַפט... — „דאָס איז ער!" — האָט אַ צאַפּל געטאָן איר קינדעריש-מיידלש ווען. ס'האָט זי אַ צי געטאָן צו אים, נאָר די שפּיל האָט זי אַוועקגעריסן.

...איז עס ער! — אַרקע בראָנסקי, וואָס לערנט אַזש מיט צוויי קלאַסן העכער פון איר. ווענען האָט עס גאָר געקאָנט איינפאַלן! ער איז אַוודאי עלטער פון איר מיט אַ צוויי יאָר, אַ גאַנצער בחור שוין, ווי איר איציק... וואָס וואָלט ער געזאָגט, איציק?

אין דער שפּיל האָט זיך אויסגעבילדעט אַ „מעגל" * פון שילער פון פאַרשידענע קלאַסן. און דאָ דערשפּירט אסתרקע אין איר צעטומלטקייט, זוכנדיק אים מיט די אויגן, ווי אַ האַנט טוט צאַרט אַ כאַפּ אירע און טוט זי שטיל אַ דריק. דאָס קאָן זיין בלויז זיין האַנט... זי איז דורכגענומען געוואָרן פון עפּעס אַזאַ מין וואַרעמע און זיסע צעשטראָמונג, וואָס איז דורכגעלאָפן אַלע אירע קינדערישע גלידער. זי האָט נישט געוואַגט כאָטש אַ ביסעלע אַ קער צו טאָן איר קאָפּ אין זיין זייט. גלייך פאַר זיך האָבן געקוקט אירע אויגן, נאָר מיט איר גאַנצן וועזן האָט זי געזען אים: זיינע גרויע אויגן פלייצן ליכט! אַן אויסגעקייליכט ווייסראָזלעד פּנים מיט אַ דיקלעד גלייך נעזל, מיט פולע רויטע ליפּן, וואָס אַז מע ציופּעט אַזעלכע צונויף, ווערט גלייך אַ העל-בלאָנדער, געדיכטער און

* אַ קרייז, אַ ראָד

געקרויזטער קאָפּ האָר, וואָס לייכט זיך איצט באַזונדערס, דורכגעלויכטן פון דער זון; אַ שטאַלטנע פיגורל, כאָטש אַ פולבלעכס און אויפגעבלאָזנס... סאַראַ שיינער ער איז!

אסתרקע שפּירט, זיך דרייענדיק אין טאַנץ, זיין צירלעכן גאַנג, ווי געוויגט זיך אויף רעסאָרן... ווער וואָלט עס געזאָגט, קוקנדיק אויף אים, אַז ער איז אַ יתום! זי האָט אים אין געדאַנק פאַרגליכט מיט זייער שכנהס, פּעסיע חוחהס, יתומים, מיט נחומען און חנאַן — אויסגעמאָגערטע און גרינע און אָרעם אָנגעטוענע — ער זעט דאָך אויס אַ פּרינץ!

זי האָט געוווּסט זיין ביאָגראַפיע — רחל האָרן פלעגט אָפט רעדן וועגן אים: ער איז נישט קיין היגער — אַ טראָכנבראָדער; זיין מאַמע איז אין דער מלחמה געהרגעט געוואָרן פון אַ קויל; זיין טאַטע איז געוועזן אויפן פראָנט און — ווי אין וואַסער אַריין; דאָ הי האָבן זיך אָפּגעפונען זיינע ווייטע קרובים — אַ פּאָרפאָלק, וואָס האָט קיין קינדער נישט, אורי הערשלס דער מעלקרעמער, וועלכער קאָן זיין אַ רב, ווען ער וואָלט נאָר געהאַט אַ שטאָט, און זיין ווייב; פאַרמעגלעכע מענטשן — האָבן זיי אים גענומען, דאָס טראָכנבראָדער קיילעכיקע יתומל, און עס דערצויגן ווי אַן אייגן קינד.

זיי דרייען זיך טאַנצנדיק. אַרקע האָט אַלע וויל צאַרט געדריקט איר האַנט, ווי ער וואָלט איר דערמאָנען, זי זאָל אין אים נישט פאַרגעסן. דאָס איז לגמרי איבעריק געווען, פאַרשטייט זיך. נאָר ווערנדיק צוגעוווינטער צו זיין האַנט־דרוק, האָט אסתרקע זיך קלאָר געמאַכט, אַז ער איז נישט נאָר צאַרט, אַרקע, נאָר אויך נישט דרייסט... „מיטן קריידל און מיט דער פען איז ער געווען אַ גרעסערער בריה!" האָט זי אים ווי פירגעהאַלטן אין געדאַנק. אמת, אויך איר האַנט האָט אים נישט דרייסטער אָפּגעענטפערט, נאָר... ער איז דאָך עפּעס אַ ייִנגל און איז עלטער פון איר!

נו, און קיין וואָרט האָט זיך ביי זיי ביידן פון די ליפּן נישט אַראָפּגעשיילט.

ערשט ווען דער „מעגל" האָט געהאַלטן ביים צעלאָזן זיך, האָט זי דערהערט זיין געשעפּטש אויף יידיש, מסתם, כדי זי זאָל אים גלייך און קלאָר פאַרשטיין:

— אסתרקע... פאַרנאַכט הייַנט וועל איך זיך אַרומדרייען אויפן שאָסיי פאַר בעריש וועלוול שוסטערס שטוב... קעגנאיבער אייערע פענצטער... קום אַרויס... איכ'ל גיין פאַרויס... הינטער דער פאָטשט 'על איך האָרן אויף דיר... 'עלן מיר גיין שפּאַצירן.

ביי אסתרקען האָט זיך דאָס מויל נישט געעפנט, און דאָס האַרץ האָט געציטערט: אָט באַלד טוט זיך אַ צעפאַל דער „מעגל", און זיי וועלן צעשיידט ווערן.

— התבואי? * — האָט זיין טאָן און דאָס העברעישע וואָרט אַרויסגעוויזן זיין גאַנצע פאַרלעגנהייט צוליב איר שווייגן.

— כן, ** אָבער נישט אַליין, — איז גלייכצייטיק אַראָפּגעפאַלן דער געגראַמטער ענטפער פון אירע ליפּן און איר האַנט פון זיינער.

דער „מעגל“ האָט זיך צעשאָטן. אַ צעקאָכטע, האָט זי עס גלייך פאַרטרויעט רחל האָרן. האָט איר, פאַרשטייט זיך, נישט דערציילט וועגן „זייער ליבע“, נאָר וועגן זייער אָפּגעשמועסטן שפּאַציר. און זי האָט זי געבעטן, זי זאָל גיין מיט זיי. רחל איז אין דער ערשטער רגע רויט געוואָרן. דערנאָך האָט זיך איר פּנים פאַרקרימט. דערנאָך האָבן זיך אירע אויגן נאָך מער פאַרנעפּלט. און צום סוף האָט זי אויף איר שטייגער געצויגן די ווערטער, ווי פּאַטעקע:

— כ׳וויס, לאָמיר זאָגן שבעלען. אַז זי וועט גיין, וועלן מיר גיין אַלע דריי.

אסתּרקע האָט די חברטעס, וואָס האָבן זיך שטאַרק געקווינקלט, זייער געבעטן און געפּועלט. דער שפּאַציר איז, לויט זיי האָבן אָפּגערעדט, צושטאַנדגעקומען. אין אָנהייב איז געווען עפּעס נישט אַזוי, אָבער ווי נאָר מ׳איז אַרויס אויפן קאָוולער וועג הינטערן שטעטל, און קיין מענטשן האָבן זיי נישט אָנבאַגעגנט, האָבן זיי זיך דערפילט פריי און היימיש. וועגן וואָס צו שמועסן האָט נישט געפעלט. אַרקע בראָנסקי, ווי אַ שילער פון אַ העכערן קלאַס, האָט געהאַט מיט וואָס זיי צו פאַראינטערעסירן.

זייערע שפּאַצירן זאַלבעפערט האָבן זיך איבערגעחזרט. אסתּרקע פלעגט זיי אָפּוואַרטן מיט גרויס באַגער, און אַרקע בראָנסקי אוודאי. זיי פלעגן שוין אויספעלן אַפילו רחלען מיט שבעלען, וואָס האָבן גענומען באַמערקן און פאַרשטיין, אַז מיינען מיינט בראָנסקי טאַקע בלויז אסתּרקען. ס׳פלעגט זיך שוין אַזוי מאַכן, אַז זיי ביידע גייען אַוועק פאָרויס, ווי אויסצושפּייען צי דער וועג איז „ריין“, און אסתּרקע מיט אַרקען שפּאַצירן נאָך פון הינטן. וואָס מערער אַ שפּאַציר, אַלץ ווייטער פלעגן זיי פאַרגיין. זיי זענען שוין איינמאָל דערגאַנגען ביז צו דער ציגעלניע, און אַלץ ווייניקער פאָרזיכטיק געוואָרן.

ווען רחל מיט שבעלען פלעגן זיין היפשער אַ ביסל אָפּגעגאַנגען פון זיי, פלעגט אַרקע נעמען אסתּרקען אונטער דער האַנט, און זיי זענען געגאַנגען ווי די גרויסע. פון צייט צו צייט האָט ער איר לייכט אַ דריק געטאָן דעם אָרעם. זי האָט געוואַרט ער זאָל אָנהייבן רעדן וועגן „ליבע“, אָבער דאָס האָט ער נישט געטאָן: דאָס בייזיין פון די חברטעס, כאָטש פונדערווייטנס, האָט אים געשטערט.

---

* ווּעסט קומען?

** יאָ

מיט דער צייט האָט אַרקע ביי יעדער געלעגנהייט גענומען צושטיין צו איר, זיי זאָלן אַמאָל מאַכן אַ שפּאַציר אינצווייען:

— מיר זאָלן קאָנען רעדן וועגן „אַלצדינג“...

—וואָס איז? — האָט ער זיך איינמאָל געברוגזט און געטייטלט מיטן בליק אויף אירע חברטעס, וואָס זענען אַוועק פּאָרויס. — אַ קינד בין איך, די מאַמעס זאָלן אויף מיר אַכטונג געבן?!

אייגנטלעך האָט אויך אסתּרקע געגאַרט נאָך דעם אייגענעם, נאָר ס'איז איר אויסגעקומען, אַז זי וועט דערמיט אָפּנאַרן די חברטעס: „וואָס הייסט איך וועל זיך אָפּטיילן פון זיי?... »ס'איז אַזוי דער יושר?« — וואָלט איציק געזאָגט“.

ביז איינמאָל אויף אַ שפּאַציר אום שבת־צונאַכטס אין אָוונט האָט אסתּרקע אים ענדלעך נאָכגעגעבן:

— גוט. דינסטיק אין אָוונט.

דאָס איז געווען שוין אַריינגייענדיק אין שטעטל, קעגנאיבער דאָדיעס קוזניע. אַרקע האָט איר שטאַרקער ווי אַן אַנדערס מאָל אַ דריק געטאָן אין אָרעם, און זיי האָבן זיך פונאַנדערגעטיילט. די דריי חברטעס פירן זיך געאָרעמט, און אָפּגעטרעטן פון זיי גייט אַרקע בראָנסקי, אָט ווי צופעליק צוגעשטאַנען צו זיי, באַלד וועט ער איגנאַנצן פון זיי אַוועקגיין.

ווי פלוצעם טוט אַ פאַל פון הינטער זיי אַ האַנט אויף אַרקעס פלייצע מיט אַ צאָרנדיק וואָרטשען:

— נאַ!... האָסטו דיר פאַר שפּאַצירן, ווי אַ גנב, מיט מיידלעך!

זיי האָבן דערהערט ווי אַרקע האָט דערשטיקט זיין אייגענעם פּחד און ווייגעשריי. אויך זיי האָבן זיך איינגעהאַלטן נישט אויסצושרייען. זיי זענען זיך צעלאָפן, ווי הינער פאַרן פאַך פון אַ פויערס בייטש. פונדערווייטנס זענען זיי שטיינגעבליבן און געזען ווי נאָך צוויי קלעפּ זענען געפאַלן אויף אַרקע בראָנסקיס פלייצעס, ווי נאָך אַ קלאַפּ איז געפאַלן אויף זיין קאָפּ:

— נאַ דיר!... נאַ דיר!... נאַ דיר, פאַרגעדענק, דו פּאַניטש איינער!

אסתּרקע האָט זיך אַ ריס געטאָן צוריק, אָבער רחל מיט שבעלען האָבן זי פאַרהאַלטן.

בראָנסקי, האָבן זיי געזען, איז נישט אַנטלאָפן, האָט אָבער אויך נישט אויפגעהויבן אַפילו די האַנט אויף צו געבן צוריק. אסתּרקען האָט זיך געדאַכט, אַז זי דערקאָנט דעם שלעגערס שטים — עפּעס אַ היימישע שטים. זי האָט אין געדאַנק געריסן פון זיך לעבעדיקע שטיקער: מע שלאָגט מיין אַרקען!... פאַרוואָס לאָזט ער זיך, דער...? דאָס שלאָגן האָט געדויערט געציילטע סעקונדעס, נאָר איר האָט עס אויסגעזען אַזוי לאַנג, אַז סע נעמט גאָר קיין סוף נישט.

און אָט האָט דער שלעגער אַוועקגעשפּרייזט מיט אַ צערעפּעטן גאַנג...

„אוי! אַזוי גייט נאָר מיין נפתּליציע דער „קרומער הונט“.

בראָנסקי, זעען זיי, טאַפּט זיך אַרום דעם קאָפּ... „ער האָט אַ לאָך אין קאָפּ?...“ ער בייגט זיך אַראָפּ צום שאָסיי און זוכט עפּעס מיט די הענט — דאָס אַראָפּגעפאַלענע היטל אַפּנים.

— צוגיין אפשר צון אים? — האָט מיט אַ וויינערישער שטים געפרעגט רחל.

— גיי, ער 'עט זיך שעמען, — האָט איר מיט אַ ווארעמער שטים אָפּגע־ווענדט שבעלע.

אסתרקע האָט געשוויגן פאַרגליווערט.

בראָנסקי האָט אָנגעטאָן דאָס געפונענע היטל, זיך אויסגעגלייכט און גע־לאָזט פאַמעלעך גיין. ער איז פאַרבייגעגאַנגען דורך זיי — זיי האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם — און ער האָט זיי נישט דערזען און נישט דערפילט. זיי האָבן גע־הערט — ער כליפעט. אסתרקע איז פול געוואָרן מיט רחמנות צו אים, נאָר... „פאַרוואָס האָט ער זיך געלאָזן, דער...?... איך...“

אסתרקעס ליבע־געפיל צו אַרקען, וואָס האָט אָנגעהויבן אויפצוגיין אין איר קינדעריש־מיידלש האַרץ, איז אַרויסגעשטופּט געוואָרן פון דעם רחמנות־געפיל. זי האָט אין געדאַנק אַ קוק געטאָן אויף אים פון אויבן אַראָפּ. פאַרוואָס האָט ער זיך געלאָזן, דער פחדן?! אַ מיידל איז ער, נישט קיין יינגל. גייט אויפן שאָסיי און וויינט... כאָטש נעם און וויש אים אָפּ די נאָז. „ווען עמעץ וואָלט געפרווט מיך פאַטשן!“

— ווער האָט עס געקאָנט זיין דער שלעגער? — האָט שבעלע אַ פרעג געטאָן.

און אסתרקע איז מיטאַמאָל עפּעס פרייליכער געוואָרן: קאָן זיין, אַז בראָנסקי אַליין האָט אויך נישט דערקאָנט ווער דאָס איז... נפתליציע קומט דאָך ווייניק צווישן מענטשן — ער קער אים נישט קענען אַפילו.

אסתרקע האָט זיך אומגעריכט צעלאַכט.

— גיי, גיי! זי לאַכט נאָך, — האָט רחל געצויגן מיט תרעומות — מ'האָט געשלאָגן אַ... חבר, און זי כאַכעט. שעמען מעגסטו זיך!

— זי לאַכט מיט יאַשטשערקעס, — האָט שבעלע קלוג אַ שמייכל געטאָן.

זיי האָבן זיך אומעטיק געזאָגט „אַ גוטע וואָך“ און זענען זיך אומהיימלעך צעגאַנגען אַהיים.

אַריינגעקומען אין שטוב מיט אַ שטילער „גוטוואָך“, איז אסתרקע באַגעגנט געוואָרן פון נפתליציען מיט אַ פרצוף, צערעפּעט פון געלעכטער:

— אָט איז זי, טאַטע! קאָנסט זי אָנקוקן... שוין דריי וואָכן אַזוי...

דאָדיע האָט זיך אַ ריים אָפּ געטאָן פון אָרט, אַ צי אַראָפּ דעם פאַסעק פון די הויזן און אַ פאָך מיט אים איבער אסתרקען:

— וועסט מיר אַרומקריכן, אַזאַ באַנומעניש ווי דו ביסט, מיט שקצים אין די נעכט?! דאָס לערנט עס דיך אַזוי די „הייליקע“ שול דײַנע?

אסתּרקע איז געשטאַנען פאַרגליווערט. בלויז אירע אויגן האָבן געשפּריצט מיט שׂנאה נפתּליצע דעם „קרומען הונט“ פּנים.

— מיט שקצים ווערסטו זיך קושן? דעם פּאַסק ווערסטו בײַ מיר קושן!

דער טאַטע האָט זי אַ פּאַק געטאָן מיט שטאָלענע הענט:

— איך ווייס, וואָס שקצים טוען... איך וועל דיר בעסער פאַרהייבן דאָס קליידעלע, זאָלסט מיך האָבן צו געדענקען.

אסתּרקע איז שוין געלעגן אויף זײַנע קני מיטן פּנים אַראָפּ און געפילט, ווי איר אָפּגעדעקט לײַב וויל פאַר חרפּה פאַרברענט ווערן. נפתּליצע דער „קרומער הונט“ האָט אַ לאַך געטאָן.

— נאַ דיר! — און אסתּרקע האָט אַ צאַפּל געטאָן אונטערן ערשטן בים פּוּנעם טאַטנס פּאַסעק; דורך אירע פאַרשטשעמעטע ציין האָט זיך קוים דורכגעזייעט היים און הילפסרופנדיק עפּעס עגלעכס צו אַ זיפץ; דאָס האָט זי נישטווילנדיק אַ רוף געטאָן איציקן, כאָטש ער איז דאָ נישט געווען, ווי מע רופט צום יושר פון דער וועלט, צו איר געווינסן.

— דאָברי וויעטשור! * — האָט אסתּרקע פּלוצעם דערהערט און דערפילט, ווי דעם טאַטנס הענט לאָזן זי פרײַ.

דער בריוו-טרעגער האָט מיט אַ שמייכלדיק פּנים אויסגעשטרעקט דאָדיען אַ טעלעגראַמע, און איידער דאָדיע האָט זי, אַ צערודערטער, אויפגעריסן, האָט ער אַליין אויסגעזאָגט דעם אינהאַלט:

— אײַער טאָכטער אין ניסכיזש האָט געבוירן אַ יינגל.

— מזל-טוב! מזל-טוב! — איז געוואָרן אַ רויש און שטוב.

— נו, דײַן נס, — האָט דער טאַטע זי אַ זוך געטאָן מיט די אויגן — ווען נישט דער מזל-טוב וואָלט איך דיך היינט צעקאַטעוועט, נאָר... פאַרזאָג שוין אין צענטן צו האָבן צו טאָן מיט שקצים!

אין צענטן האָט אסתּרקע נישט פאַרזאָגט. אָבער דער שענדלעכער סוף פון איר ערשטער ליבע איז דאָס יאָ געווען. מיט אַרקע בראָנסקי האָט זי זיך מער נישט געוואָלט באַגעגענען. אמת, אויך ער האָט זיך וועגן דעם נישט באַמיט. בײַ אים איז דאָס אפשר געווען בלויז מחמת פּחדנות: ער האָט מורא געהאַט צו שפּילן זיך מיטן פײַער פון דאָדיע קאָוואַלס קוזיניע.

* גוטן אָוונט!

אסתרקע האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט: מער וועל איך אין בית=הספר נישט גיין!

ווען דאָס נייע שול=יאָר האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זי זיך געמאַכט נישט וויסנדיק. זי האָט דערוואַרט, אַז דער טאַטע וועט זי צווינגען, און געלאָזט אויסצייטיקן אין זיך אַן עקשנות אים קעגנצושטעלן. ער זאָל זי אַפילו אויף שטיקער צעפּאַסעווען! אָבער דאָריע האָט זיך אויך געמאַכט נישט וויסנדיק. ער האָט געהאַלטן, אַז די שול וועט אסתרקען, שוין נישט קיין קינד, נאָר אַ מיידל — צו קיין גוטס נישט דערפירן. גלייכער זי זאָל זיין אין שטוב, וווּ מע קאָן אויף איר לייכטער האַלטן אַ וואַכעדיק אויג. אסתרקע האָט געהערט, ווי דער טאַטע האָט איינמאָל געזאָגט דעם לערער בעקערמאַן:

— קאָפּ אין קישן! אַז זי וויל נישט, איז נישט. סיווי אַרויסגעוואָרפן דער שכר=לימוד. אַ מויד פון צוועלף יאָר — זאָל זי צוהעלפן דער דינסט אין שטוב. ז׳איז נישט קראַנק!

פאַרן לערער בעקערמאַנס רייד צו איר אַליין פלעגט אסתרקע פשוט אַנטלויפן, נעלם ווערן. ס׳האָט אַפילו נישט געווירקט אויף איר דאָס, וואָס שבעלע קאַגאַן מיט רחל האָרן, אונטערגעשיקטע דורכן לערער בעקערמאַן, האָבן געהאַלטן אין איין באַווירקן זי, זי „זאָל דאָס נאַרישקייט נישט באַגיין“.

אסתרקע איז אין איר עקשנות גרייט געווען אַפילו מיט די חברטעס זיך צו צעגיין.

— שלום! — זענען די חברטעס אַוועקגעגאַנגען אָנגעבלאָזן.

— אַ גוטן טאָג! — האָט אסתרקע זיי געענטפערט אומעטיק, נאָר איינגעשפּאַרט.

קאַפּיטל זעקס און פופציק

צווישן קרובים

ס'איז אַריבער דער האַרבסט, געקומען דער ווינטער, און די צייט האָט זיך פּאַר אסתרקען אויסגעצויגן, ווי אַ מדבר פון שניי. אַלע אירע גלידער זענען דורשטיק געווען נאָך באַוועגונג, נאָך טעטיקייט, נאָר גובר זיין די פוילקייט איז זי נישט אימשטאַנד געווען. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי האָט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך. מיט רחל האָרן און שבעלע קאַגאַן פּלעגט זי זיך שוין אינגאַנצן נישט טרעפן. אַזוי — אָן אַ ברוגז.

אסתרקע האָט זיך געוואָלט ראַטעווען פון איר לאַנגווייל ביי פערל דעם פעטער שאַמעס. פּלעגט זי פון צייט צו צייט בעטן איציקן, ער זאָל זיך מיט איר אַריינכאַפּן אַהין. אָבער פאַרזאָמען זיך דאָרט לענגער איז זיי שווער געווען, שוין צו אומעטיק איז געווען דאָרט אין שטוב.

דער זיידע גרשון איז כסדר געלעגן אין דעם זייטיקן אַלקער, מיט פאַרתּמטע אויגן געקוקט אויף דער סטעליע, ווי ער וואָלט זיך איינגעהערט צום זשומען פון אַ פליג, וואָס איז תחית-המתים אויפגעשטאַנען, אָדער צו זיינע אייגענע כוחות, וואָס גייען אים ביסלעכווייז אויס.

אויך די באָבע רייזיע איז שוין ווייט נישט געווען דאָס וואָס אַמאָל. אויך זי האָט שוין מער געשוויגן ווי גערעדט. און האָט זי יאָ אַמאָל גענומען רעדן, איז עס געווען וועגן דעם פינצטערן מזל פון די קינדער, געבעד. איר שטים איז געווען וויינעריש, די ווערטער — פייכט, און אירע אויגן (אָ, שוין גאָרנישט אירע אויגן פון אַמאָל!) האָבן אָנגעקוואָלן מיט טרערן. אומעטיק און טריב זענען זיי שוין שטענדיק געווען, אירע אויגן, ווי פאַר בלינד ווערן פון צוקוקן דעם צער פון די קינדער, געבעד. אַפילו איר האַרבער רייש האָט ווי פאַרלוירן פון זיין שאַרפקייט. ווי איבער זיין שאַרף וואָלט זיך געשנירלט אַ טרער.

— ער, שוויגער! — פלעגט איר איידעם, שאַמע, נישט-ניחא אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט אויף אירע רייד, און איר טאָכטער, די מומע יאָכוועד, האָט אים אונטערגעהאַלטן:

— עובר-בטל? — פרעגט קלוג די באָבע, [illegible]קלענדיק מיטן קאָפּ. — מילא. פאַר צררות קאָן אַ מענטש אַלץ ווערן.

אַז דער זיידע גרשון איז עובר-בטל איז שוין פאַר קיינעם קיין סוד נישט געווען. גוט נאָך, וואָס ער האָט באַוויזן די צוואה אָנצושרייבן.

אין גאַס איז שוין די באָבע רייזיע נישט געגאַנגען אָן קיין שטעקן.

— זעסט, אסתרקע, — האָט זי איר איינמאָל אין גאַס פאַרשטעלט דעם וועג מיטן שטעקן און אַ בלישטש געטאָן מיט איר טריבן פייכטן בליק — דיין באָבע רררייזיע גייט שוין אויף דרדרדיי... אַזויוי אַ הונט מיט אַן אונטערגעשלאָגן פיסל.

מיט דער צייט האָט איציק אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז דער פעטער שאַמע מיט דער מומע יאָכוועד טוט וויי זייער אַריינקומען. ער האָט זיך עס אויסגעטייטשט, אַז דאָס איז צוליב זייער שימקען... אַז פערל דערזעט זיי, דערמאָנט זי זיך אַוודאי אין אים... ווער ווייסט, וואָס דאָס קראַנקע באַלייריקטע קינד פילט נעבעך?

פערל האָט אַלץ געקרענקט, כאָטש זי איז ווידער געווען זומער אין אָטוואָצק. זי איז געוואָרן שווייגנדיקער און אויסגעזען ווי אָפּגעפרעמדט פון אונדזער וועלט. זעלטן האָט זי אַפילו צו אסתרקען אַ שמייכל געטאָן.

איצט איז שוין פערלס עלטערן שימקע דאָדיע קאָוואַלס אַ שאָד געווען: אַז גאָט וועט העלפן, זי וועט זיך אַרויסדרייען מיטן לעבן, פערל, וועט זי דאָך אַלץ פאַרבלייבן אַ מיידל מיט אַ לונגפעלער. אַ שידוך וועט גאָרנישט לייכט אָנקומען. געווען באַדאַרפט אים ווי ס'איז שטאַרקער צוביגדן, שימקען. איצט אַז ער שפּאַצירט שוין פאַר אַלעמען אין די אויגן מיט זרח דעם שוואַרצגס מויד — אַ געזונטע שטיק, ווי אַ קאַלב, איז שוין אַוודאי צו שפּעט...

וועגן דעם האָט זיך אַמאָל צערעדט פאַר איציקן די מומע יהודית, ווען פערל מיט אסתרקען זענען פון צימער אַרויסגעגאַנגען: סאַראַ פאַרגרעבט האַרץ און פאַרגרעבטן קאָפּ ער האָט עס, שימקע, אַז ער האָט געקאָנט פאַרבייטן פערלען, אַזאַ איידל געוועב, אויף אַזאַ דאָרפישער גראָבער לייוונט! אַזאַן איידלשיינקייט — אויף אַ שייגער שטיק פלייש מיט אויגן!

אַ צווייט מאָל האָט אסתרקע דערשפּירט, אַז מע באַהאַלט זיך מיט עפּעס אויס פאַר איר מיט איציקן ביים פעטער שאַמע אין שטוב. דאָס האָט שוין אָנגערירט איר האָנער, דעם האָגער פון דאָדיע קאָוואַלס טעכטערל, און זי האָט ווידער אײַנגאַנצן אויפגעהערט אַריינצוקומען.

שפּעטער האָט אסתרקע זיך אָנגעשטויסן אין, וואָס זייער סוד פאַר איר איז באַשטאַנען. דער ברייטרעגער האָט זיי געבראַכט אַ טעלעגראַמע פון קאָוועלע,

פֿונעם ברודער אַהרן. אַ [illegible]
האָט דאָזיע שוין באַצאָלט דעם ברוטער־ברויטגעבער פֿאַר דער טרחא, און יענער האָט אים דערפֿאַר פֿאַרטרויעט אַ פֿרעמדן סוד:

— און אייער שוואָגער, שאַמע קאַן, באַקומט נאָך בעסערס פֿון אַזעלכע טעלעגראַמעס... האָלאָרן פֿון אַמעריקע. איך דאַרף עס נישט דערציילן. נאָר... ער איז דאָך אייערער אַן אייגענער.

איבער דאָזיעס פּנים איז אַריבער אַ וואָלקן, און זייגע אויגן האָבן פֿון אונ־טערן אַראָפּגערוקטן קאַשקעטל אַ שיס געטאָן מיט הייסן פֿריסיק:

— זיי האָבן דאָ אַ קראַנקע קאַלב, (פֿערל איז ביי אים אַ קאַלב!...), און די ברידער דאַרט לאָזן זיך מעלקן. מסתם האָלט מען אין איין קלאָגן פֿאַר זיי... מילא, פֿאַר שאַמע שמיש פּאַסט עס: פֿאַרוואָס איז אַ חזיר פֿעט? ווייל ער לעבט אויף קהלס חשבון...

* * *

מיט אַ געהיימען ווידערווילן האָט אסתרקע באַגייט די חברשאַפֿט מיט אי־רע אַמאָליקע „פּראָסטע" חברטעס פֿון באַלמעלאָכישע היימען. נאָר די דאָזיקע חברשאַפֿט האָט זיך שוואַך געקלייעט. זיי פֿלעגן אָפֿט אַרויספּילן, די חברטעס, פֿון איר פֿאַרהאַלטן זיך צו זיי, אַז אסתרקעס האַרץ איז נישט מיט זיי, אַז זי האַלט זיך גרויס און לאָזט זיך אַראָפּ צו זיי, ווי זי וואָלט זיי אַ טובה געטאָן. און צייטן זענען דאָך היינט געוועזן שוין אַנדערע: פֿון זינט די באָלשעוויקעס זע־נען דאָ געוועזן, כאָטש ס'איז שוין אַ מעשה פֿון אַ יאָר פֿיר, איז אַ באַלמעלאָכע פֿאַרבליבן ביי זיך אַ יחוס, און אַ באַלמעלאָכיש קינד איז ביי זיך נישט אַראָפּגע־פֿאַלן. און וואָס איז דאָ דער יחוס אַזוי גרויס מיט איר, מיט אסתרקען?! דאַכט זיך, אַז דאָזיע קאַוואַל איז אויך נישט מער ווי אַ קאַוואַל, נישט מער — ער האָט זיך אויסגעקאָוועט אַן אייזערנע קאַסע... און ס'פֿלעגט אָפֿט קומען צווישן איר מיט די חברטעס צו איבעררייסן און ברוגזן. און אַוועלכע פֿון זיי האָט איר אינ־גאַנצן פֿאַרלאָזן:

— אַז זי איז אַזאַ יחסנטע ביי זיך, אסתר פֿריסיק, זאָל זי אַריינקריכן צו איר טאַטן אין בלאָזזאַק און זיך בלאָזן צוזאַמען מיט אים!

ביז סוף־כּל־סוף איז אסתרקע פֿאַרבליבן ביי איין חברטע: ביי שרציען, דעם פֿעטער זרחס מיזינקע. שרציע פֿלעגט זי אַפֿילו פֿאַרשלעפּן אַמאָל צו זיי אַהיים, כאָטש דער ברוגז צווישן זייערע היימען האָט כסדר אָנגעהאַלטן. ס'האָט אסתרקען געקיצלט צו גיין: ווען דער טאַטע וואָלט זיך דערוווּסט וועגן דעם, וואָלט ער זיך געבייזערט, און זי האָט זיך געדאַרפֿט דערמיט אויסהיטן פֿאַר גפֿתּלציע דעם „קרומען הונט"...

ביים פעטער זרח דעם רויטן אין שטוב איז ווייט נישט פריילעך געווען. די „סטעלמאַשניע“, אין וועלכער דער פעטער האָט געשוויצט מיט איין געזעל; זינגערס ניי=מאַשין אויף אויסצוצאָלן, אויף וועלכער ס'האָבן געאַרבעט זיינע מיידלעך, דבורציע און עלציע; און צוגעלייגט דעם פאַרדינסט פון זיין עלטסטער מיידל, איידל, וועלכע האָט געדינט אין קאָוולע — דאָס אַלץ האָט געגעבן פרנסה בדוחק. זייער פאָדערשטע לייטישערע האַלבע דירה, וואָס קוקט אַרויס מיט די פענצטער אויפן שאָסיי, האָבן זיי געמוזט פאַרדינגען אַ שכן, אַ נגידישן יונגנמאַן, און אַליין זיך באַגניגענען מיט דער הינטערשטער העלפט, וואָס איז גענוג ענג פאַר זייער גרויס הויזגעזינט.

דער פעטער זרח, אַ הויכער און מאָגערער, מיט די רויטע האָר אויפן קאָפּ און אויפן פּנים, מיט די גרויסע געל=גאָלדענע זשאַריענדיקע אויגן, האָט איר אויסגעזען ווי אַן אונטערגעצונדענער, ווי אַ גייענדיקער שטורקאַץ. נישט אומזיסט האָט ער שטענדיק אין איין טרינקען וואַסער.

די מומע, טעמע „די רביצן“, וואָס האָט אַלע יאָרן געקרענקט און זיך קוים געשלעפּט אויף די פיס, איז איצט ווידער געליגן צו בעט, ווי דעמלט צו איר שוועסטער דבורהס חתונה. אסתריקע האָט זי איינמאָל געזען אַראָפּגיין פונעם געלעגער אינעם אייגעם העמד, אַן אויסגעטריקנטע און שפּאָניקע, האָט זי אויסגעזען ווי אַ געשפּענסט, וואָס זיפצט און קרעכצט פון דער אייגענער חורבה אַרויס. איר גרין=געל, אויסגעפלעקט, פאַרוועלקט פּנים האָט אסתרקען דערמאָנט דעם אתרוג פון שטאָט=בית=מדרש, וואָס דער פעטער שאַמע האָט דעם לעצטן סוכות אַהיימגעבראַכט צו מאַכן פון אים איינגעמאַכטס פאַר פערלס וועגן. אירע אויגן, דער מומע טעמעס, וואָס פיבערן פון דער קרענק, קוקן שפּיזיק, הערשעריש=בייז, און אויסגעשפּיצטער ווי תמיד איז איר „מאַציעווער“ נאָז.

די מומע טעמע, אַ מאַציעווערין, שטאַמט פון גאָר גרויסן יחוס. אַזוי זאָגט זי און האַלט אין איין רעדן וועגן דעם. איין גאָט ווייסט, וויאַזוי זי איז דאָ נעבעך אַריינגעפאַלן אין דער משפּחטע פונעם בעדער פאַר אַ ווייב צו זרח דעם רויטן! און טאַקע דערפאַר אַפּנים הערשט זי דאָ אין שטוב. כאָטש דער פעטער זרח דער רויטער איז אין בית=מדרש פון די שרייערס, אַ ראַטמאַן אין גמינע, און זאָגט הויך זיין דעה אין שטאָט=זאַכן — איז ער דאָ ביי זיך אין דער היים מיט צוויי קעפּ נידריקער פון זיך אַליין. אַז דאָס קראַנקע ווייב טוט אים אַ רוף פון דער „סטעלמאַשניע“ אינמיטן דער אַרבעט, וואַרפט ער אַלץ און לויפט צו איר מיט דער הכנעה פון אַ משמש ביים רבין. צוליב איר, „דער רביצן“, איז ער געהאָרכזאַם אַפילו די טעכטער, דער צווייטער, דבורציען, וואָס איז געראָטן אין דער מאַמען סיי לויטן אויסזען, סיי לויטן כאַראַקטער; דבורציען, וואָס נאָך דער מאַמעס טויט וועט זי זיין די עקרת=הבית, דער טאַטע וועט פאַר איר מורא האָבן צו נעמען אַ צווייט ווייב, טאָמער רייסט זי אים אויס די רויטע

באָרד, און זי אַליין וועט הווקא חתונה האָבן פריער פאַר דער עלטערער שוועסטער, פאַר איידלען דער דינסט, כאָטש ס'פירט זיך נישט אַזוי צווישן ייִדן...

— וועט זיך פון מיר אָן אָנהייבן אַ נייער מנהג ביי ייִדן! — וועט זי ביי־גאַווהדיק שרייען אויפן טאַטן.

נאָר דערהווייל האַלט זיך נאָך די נשמה אין דער מאַמען — איז זי דער אָפּגאָט אין שטוב, און אירס אַ וואָרט — אַ געבאָט פון די עשרת־הדברות.

די טעכטער, „פינף מיידן, ווי די בעכערס": איידל, דבורציע, עלציע, רבציע און שרציע, ווי אויך דער מיזינעק דער בן־יחיד, בוניעק — זענען אַלע געראָטן אין דער מאַמען: מאָגער, גריז, און געל, און קרענקלעך. אַלע זענען זיי גאַווהדיק ביי זיך: צוליב דער מאַמען מיט איר יחוס, צוליב זייער טאַטן, וואָס איז דער מאַמעס מאַן און אַ דעה־זאָגער אין שטאָט־זאַכן, און צוליב... זייער אייגענער שיינקייט, פיינקייט און חכמה.

זעלטן צו טרעפן אין לעבן אַ מענטשן, וואָס זאָל זיין אַזוי איינגערעדט אין זיך. זיי פלעגן זיך אַרומרייסן צווישן זיך — פאַרשטייט זיך, שטילערהייט פאַר דער קראַנקער מאַמע — ווער פון זיי ס'איז די שענסטע, פיינסטע און קלוגסטע: יעדע האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז זי עס. דערפאַר צום ברידערל, צו בוניעקן, האָבן זיי זיך אַלע גלייך באַצויגן, ווי צו אַ פרינץ. לויט זיי וועט פון „אונדזער בוניעקן" אויסוואַקסן א... איך ווייס אַליין נישט וואָס, אַן אָדלער! און אויסגעזען האָט אָט דער צוקונפטיקער אָדלער — א מאָגערער האָנטשיק, וואָס אז אַ מאַרק־אויפקויפערין צעבלאָזט זיינע שיטערע פעדערן און דערזעט זיין בלויע הויט, וויל זי אים לענגער אין די הענט נישט האַלטן.

ביי זיי אין שטוב האָט געוווינט די באָבע ליבע חיה און זיך דאָרט געעלטערט. אָ, ס'איז איר נישט געווען וואָס מקנא צו זיין אויף דעם, דער באָבע ליבע חיה! די שנור, „די רביצן", האָט פיינט געהאַט די שוויגער די בעדערקע, וואָס האָט איר, „דער רביצן" — צום פאַרצייען — פאַרלייזיקט דעם יחוס. ס'וואָלט איר גיכער געפאַסט, דער שוויגער, צו זיצן אויפן מיסט — נישט ביי דער שנור, נאָר ביים איידעם — ביי דאָדיע קאָוואַל. דאָדיע קאָוואַל האָט איר פאַרטריבן אַהער, דער שוויגער, מיטן אויסרייד באַשר־בכן — אויף צו קויפן זיך דעם רויטנס דירה האָט שטילערהייט געגעבן געלט דער שווער, בונעם בעדער... וועמעס אויגן האָבן דאָס געזען? זאָלן זיי אים אַרויס!

און אַז די שנור האָט פיינט געהאַט די שוויגער, האָט זי אויך דער זון, דער פעטער זרח, לכל־הפּחות נישט געטאָרט ליב האָבן, און די אייניקלעך האָבן איר שוין גאָרנישט געגעבן די וועלט צו זען. געגעסן האָט זי דאָ, די באָבע ליבע חיה, אַזויפיל וויפל אַ קראַנק עוף, און געשלאָפן איז זי אין דער „סטעלמאַשניע" אויף אַ האַרטן טאַפּטשאַן, ווו ס'האָט געשמעקט מיט שפּענער, סטרוזשענעס און שטויב און מיטן ריח פון אויסגעוועפּטן אַרבעטס־שווייס. מיטן טאָג־גלייך, אין

סאַמע טיפֿסטן שלאָף, פֿלעגן דעם זונס און דעם געזעלס העק אָנהייבן טעסען אירע ריפּן, און זי האָט געמוזט אַריבערטראָגן דאָס אַלטע זעקל בייגער צום זון אין בעט אַריין. אָבער דאָ האָט זי געהאַט פּנים־אל־פּנים די שנור. דערפֿאַר טאַקע פֿלעגט זי זיין, די באָבע ליבע חיה, סיי שבת, סיי אינדערוואָכן די ערשטע אין דער ווייבערשול.

פֿון שול פֿלעגט זי שפּעטלעך אויפֿן פּרימאָרגן קומען צו מינציען דורכצונעצן דעם האַלדז מיט אַ גלעזל טיי מיט מילך און אונטערלענען דאָס האַרץ מיט אַ קיכל. פֿאַרן מיטיק האָט זי זיך געאײַלט אַוועקצוגיין פֿון דער טאָכטער „אַהיים“, כּדי נישט צו טרעפֿן זיך מיט דאָדיע קאָוואַל, איר „גן־עדם אויף ד ע ר וועלט“... הלוואי דער אייבערשטער זאָל איר כאָטש באַשערן אַ שטיקל גן־עדן אויף י ע נ ע ר וועלט; פֿאַרדינט דערויף האָט זי זיך אוודאי נישט.

נאָכן מיטיק, אויב ס'איז נישט געווען קיין מיאוסער דרויסן, פֿלעגט זיך די באָבע ליבע חיה אַוועקשאַרן צו איר ייִנגסטער טאָכטער, צו לאהן, צו כאַפּן דאָרט אַ דרימל. נאָר ס'פֿלעגט זיך דאָרט מאַכן, מע זאָל זי קוים אײַנבעטן אָפּעסן אַ שיטער געקעכטס, ווײַל זי האָט זיך געהיט „אויסצורייסן דעם ביסן פֿון דער טאָכטערס מויל“. געכאַפּט אַ דרימל, האָט זי זיך אויך דאָ נישט לאַנג פֿאַרזאַמט, כּדי נישט צו זיין קיין עול פֿאַר די יונגע מענטשן. זי האָט אַוועקגעשלייכט צו אַ חברטע אַ זקנה, צו „זינדיקן אַ ביסל מיט די רייד“ און אַראָפּרעדן זיך פֿונעם האַרצן, דער אייבערשטער זאָל מוחל זיין.

„אַהיים“ האָט זי זיך באַמיט צו קומען וואָס שפּעטער. נאָר אויך דעמלסט האָבן איר דער שנורס טעכטערלעך גענומען וואַרפֿן פֿון איין אָרט אויפֿן צווייטן — דאָ זיץ נישט, דאָ שטיי נישט, דאָ ליג נישט — זי זאָל שוין האָבן אָפּגעקומען דערמיט דעם כּף־הקל!

אסתּרקע האָט זיי נישט געקאָנט אָנקוקן, די קוזינקעס אירע, די אײַנגעדרמטע בעל־גאווהניצעס! לאַנג פֿאַרווײַלן זיך ביי זיי אין שטוב האָט זי אוודאי נישט געקאָנט. נאָר איבעררייסן מיט שרציען האָט זי פֿאָרט נישט געוואָלט, ווײַל זי איז איצט געווען ביי איר די אייניציקע חברטע.

שרציע איז געווען עלטער פֿון אסתּרקען מיט אַ יאָר, אָבער זי האָט זיך געהאַלטן מיט איר ווי מיט אַ גלייכער; קעגן אסתּרקען האָט זי דעם שטאָלץ פֿאַרבויגן. איז איר ד ע ר זכות בייגעשטאַנען. זיי פֿלעגן פֿון צייט צו צייט שפּאַצירן הינטער דער שטאָט, אָדער זי פֿלעגט אסתּרקען פֿירן אין דער ייִדישער ביבליאָטעק בייטן ביכלעך.

קוקנדיק אויף שרציען, האָט אויך אסתּרקע אָנגעהויבן נעמען ביכלעך אין דער ביבליאָטעק. די ביכלעך זענען מייסטנטייל געווען צו שווער פֿאַר איר פֿאַרשטאַנד (קליינע קינדער־ביכלעך איז איר נישט אָנגעשטאַנען צו נעמען), האָבן זיי ביי איר אָפּגענומען דעם אַפּעטיט צום לייענען און זעלטן פֿאַרקירצט איר די

צייט. אָבער פונעם בייטן די ביכלעך האָט זי זיך נישט אָפּגעזאָגט. ס'האָבן איר געצויגן אין ביבליאָטעק אַריין די מיידלעך מיט די ייִנגלעך, וואָס מיטן אויסרייד פון טוישן ביכלעך פלעגן זיי דאָרט זיצן און שמועסן. דאָרט פלעגט זי טרעפן און באַטראַכטן מיט נייגער און דרך־ארץ די לייטישסטע ייִנגלעך פון די ייִדישיסטן: שמעון אַדלער, בערל ברינמאַן, אַהרון לעווי און אַנדערע. זי האָט עטלעכע מאָל געטראָפן אפילו דעם לערער בעקערמאַן... וואָס טוט ע ר דאָ, אַ לערער פון דעם בית־הספר?...

ק אַ פּ י ט ל   ז י ב ן   א ו ן   פ ו פ צ י ק

אסתּרקע באַווייזט זיך פאַר דער „וועלט“

מיט אומגעדולד האָט אסתּרקע אָפּגעוואַרט דעם ערבֿ־פּסח, ווען די בלאָטעס, „די סמעטענעס“, וועלן אויסטריקענען, די ערד וועט „ווייס“ ווערן, דער שאָסיי און די גאַסן־וועגן וועלן זיך אויפוויקלען שטויביק פון שטעטל צו די פעלדער, דאָס שטעטל וועט ווערן אויס תּפיסה און צעעפענען די הימלען, ווי בלויע טויערן, אין דער וועלט אַריין. ס׳וועט לייכטער ווערן אויף דער נשמה, און זי אַליין וועט לייכטער ווערן. זי וועט אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס שווערע דריקנדיקע ווינטער־אָנטועכץ.

מע נייט אסתּרקען אויף יום־טובֿ אַ ווייס־מאַרגאַזעטן קליידעלע. מאַרוסיע, זייער דינסט, וועט עס אויסהעפטן — דאָס קעלנערל, פון פאָרנט ביים האַרץ, די ברעגן פון די קורצע אַרבעלעך און אונטן די שליאַרע — מיט אוקראַאינישע פילקאָלירקע אוזאָרן. דאָס וועט זיין אַן איינציק קליידעלע אַזאַ אין שטעטל! — זאָגן די שניידערקעס, אירע קוזינקעס, דבֿורציע און עלציע דעם פעטער זרחס רויטנס. זיי וואָלטן נאָך איינס אַזאַ קליידעלע געניים פאַר זייער שרציען, נאָר ווער וועט עס איר אויסהעפטן? — אסתּרקע וועט אויסזען ווי אַ שיין, אוקראַאיניש מיידעלע, — זאָגט מאַרוסיע.

אסתּרקעס יונג־מיידלשע מחשבֿות:

„...כ׳וועל זיך אָנטאָן אין דעם לייכטסטן. פילן ווי אַ ליאַדע ווינטל גלעט מיין לייב. ווען אַ שטאַרקער ווינטל וועט מיר אַריין אין די אַרבל אונטער די אָרעמס, וועט זיך מיר אויסדאַכטן, אַז ס׳עט וואַקסן מיר אָן פליגל. נאָר... ווי מאַכט מען, אַז ווען דער ווינט וועט מיר געבן אַ קלעפּ צו דאָס בלוזקעלע צום האַרצן, זאָלן זיך נישט אַזוי שטאַרק אָנזען... מע דאַרף זיך טאַקע אַזוי שעמען? נפתּליציע דער „קרומער הונט“ קוקט אַזוי אויף מיר, ווי ער וואָלט זיך געקליבן צו פאַרמסרן מיך פאַרן טאַטן... ...און מאַמער וועל איך באַגעגענען אַרקע בראָנ=

סקי?... אפילו פאר רחל האָרן און שבעלע קאַגאַן, אויב מיר וועלן זיך יום־טוב־צייט באַגעגענען, און אונדזער חברשאַפט וועט זיך באַנייען...״

„...ווי גוט עס וואָלט געווען צו ווערן מיט זיי נאָכאַמאָל חבר! ס׳ציט אַזוי צו זיי. נאָר איך זאָל צו זיי גיין די ערשטע — ניין. אָבער... ס׳וועט שוין אַרויס־קומען אַזוי״.

צו אסתרקעס הארצווייטיק איז נישט אַזוי אַרויסגעקומען. אירע פֿאַרביקע פֿאַנטאַזיעס זענען פֿאַרבלאַסט געוואָרן.

ווי נאָר דער פרילינג האָט זיך געשטעלט, איז דער ווינטער מיט די בלאָ־טעס פאַרגעסן געוואָרן, און די זון מיטן גרינס און די גלעטנדיקע ווינטלעך האָבן נישט לאַנג געפרייט דאָס אויג און דאָס האַרץ. איר אוקראַיניש קליידעלע איז טאַקע זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן. זי האָט, זייטלענדיק מיטן בליק, גוט געזען, ווי מיידלעך און ייִנגלעך, שוין דערוואַקסענע אפילו, זענען שטיינגעבליבן און זי נאָכגעקוקט. זי האָט, פאַרשטענדלעך, שטאַרק הנאה געהאַט פֿון דעם, וואָס זי איז שיין און געפעלט, און איר קליידעלע געפעלט, און זי האָט זיך געגרייסט דערמיט. איר חברטע, די קוזינקע, שרציע דעם פעטער ורחמס, זעט אויס לעבן איר ווי אַ שאָטן, וואָס גייט איר נאָך. נאָר צופרידנגעשטעלט איז זי נישט געווען, אסתרקע. עפּעס האָט איר דערהפעלט. און ווען זי פלעגט זיך אומקערן אַהיים פֿון די שפּאַצירן, אָדער פֿון ביבליאָטעק, פלעגט איר דריקן, קלעמען אַזאַ מין לער־קייט, אַז זי האָט נישט געוווסט מיט וואָס זי אויסצופילן.

ס׳האָט איר ווידער אָפט גענומען ציען צו פערל דעם פעטער שאַמעס. איר איצטיק מאַרגאַזעטן ווייס קליידעלע איז דאָך נאָך שענער פֿון דעם, וואָס זי האָט געטראָגן דעמלט, ווען זי האָט געטאַנצט מיט איר, מיט פּערלען, אויפֿן ברודער אַהרונס חתונה. זי פלעגט זי זען, פּערלען, ביי זיי אין געסעלע זיצן אויף אַ שטול מיט אַן אויפגעהויבן פּנים צו דער זון. נאָר די זון האָט איר הויט נישט גענומען. פּערל האָט אויסגעזען בלאַס און קרענקלעך, און אסתרקע האָט זיך ווי געשעמט פאַר איר מיט איר קאָלירטער אויסגעפּוצטקייט, געפילט זיך ווי שולדיק קעגן איר מיט איר געזונט — און זי איז זי אַרומגעגאַנגען.

אויך די חברשאַפט מיט רחל האָרן און שבעלע קאַגאַן האָט זיך נישט באַנייט. זיי האָבן אַפּנים געטראַכט גלייך ווי זי: זיי זאָלן צוגיין צו איר די ערשטע — ניין!

עטלעכע מאָל איז אסתרקען אויסגעקומען צו באַגעגענען אויפֿן שפּאַציר אַרקע בראָנסקי. ער איז אומטערגעוואַקסן און נאָך שענער געווען ווי דעמלט... נאָר זיי זענען ביידע רויט געוואָרן — דערמאָנט זיך זייער לעצטן שווידערלעכן שפּאַציר — און געמאַכט זיך נישט־זעענדיק איינער דעם אַנדערן.

פאַר יענער צייט פלעגט אסתרקע אָפט און לאַנג שטיין פֿאַרן שפּיגל, זיך באַטראַכטן פֿון אַלע זייטן און טראַכטן, אַז — זי זיך אַליין געפעלט גאָרנישט

אַזוי שטאַרק: „כ'וואָלט געדאַרפט זיין העכער אַ ביסל און אייִדעלער... פאַר־וואָס־זשע געפעל איך אַזוי אַנדערע?“

אַז זי געפעלט אַנדערע — אין דעם האָט זי נישט געהאַט וואָס צו צווייפלען. אַ סך האָבן עס איר געזאָגט מיט די אויגן און נישט ווייניק — מיטן מויל.

— אַ באַטעמט מיידעלע, — האָט זי נישט איינמאָל געהערט זאָגן וועגן זיך.

איינמאָל, אין ביבליאָטעק, בעתן טישן אַ ביכל, האָט אסתרקע מיטאָמאָל דערזען אויף זיך די בליקן פון די הריי לייטישסטע יינגלעך פון די ייִדישיסטן: שמעון אַדלער, בערל ברינמאַן און אַהרון לעווי. זיי שמועסן צווישן זיך, און לויט זייערע בליקן איז זי זיכער, אַז דאָס רעדן זיי עס וועגן איר. שמעון אַדלער קוקט אויף איר און שמייכלט אין זיך אַריין. וואָס קוקט ער אַזוי דורכנעמענדיק אויף איר, שמעון אַדלער? וואָס גייט אים אָן אַזאַ קליין מיידל? און פון וואָס שמייכלט ער? זי האָט, נישט ווינדיק אַליין פאַרוואָס, געדריקט דאָס ביכל צום האַרצן, ווי זי וואָלט וועלן מיט דעם זיך שיצן. זי האָט דערפילט — איר פּנים ווערט הייס און איז זיכער רויט.

שפּעטער אַ ביסל, ווי צופעליק פאַרבייגייענדיק לעבן איר, האָט שמעון אַדלער אויסגעשטרעקט די האַנט, אַ נעם געטאָן דאָס ביכל פון אונטער איר אָרעם און אַ זאָג געטאָן:

— מע קאָן אַ קוק טאָן? — און ווי ער וואָלט געערט שוין צו עמעצן אַנדערש — אינטערעסאַנט, וואָס אַזעלכע מיידעלעך לייענען.

אסתרקע איז געשטאַנען מבולבל און געקוקט אויף זיינע הענט, וואָס האָבן געמישט איר ביכל: סאַראַ קליינע הענט! מיידלשע הענט... און זי האָט געהערט ווי ער רעדט ווייטער:

— המם. צו וואָס נעמסטו אַזעלכע שווערע ביכלעך? „פאַראַדאָקסן“ פון מאַקס נאָרדוי?

— אָט אַ פאַראַדאָקס! — נעמט ער אויף אַ רגע אַוועק פון איר זיין ווייכן בליק צו די אַרומיקע, און ווידער צו איר אַזוי היימישלעך (שמעון אַדלער צו דאָדיע קאָוואַלס אַ מיידעלע!):

— קום צו צום ביבליאָטעקאַר. איך וועל פאַר דיר אויסקלייבן אַ ביכל.

אַזאַ כבוד איז איר באַשערט! רחל האָרן מיט שבעלע קאַגאַן וואָלטן עס גע־מעגט זען. זי האָט געפילט, אַז די אויגן פון אַלע דאָ זענען ערשט געווענדט צו איר. אַ הייסער ווינט האָט געבלאָזן צווישן איר הויט און איר בלוזקעלע. זי האָט געמיינט, אַז זי ווערט פאַרשרפעט, און ס'איז געווען זייער איינגענומען: שמעון אַדלער אַליין! ווען איציק וואָלט דאָס געזען, וואָס אַשטייגער וואָלט ער געזאָגט? און דער טאַטע?...

— אָט, כאַזאַ, גיב איר „יאָסעלע“ פון יעקוב דינעזאָן, — האָט ער ווי באַפוילן דעם ביבליאָטעקאַר, נאָכאַמאָל ווייד אַ קוק געטאָן אויף איר, אַריינגעשמייכלט אין זיך אַריין, געלאָזט זי שטיין און אַ זאָג געטאָן צו אַהרון לעווי און בערל ברינמאַן:

— מע דאַרף מאַכן אַ טאָלק ביים אַרויסגעבן די ביכער. דער ביבליאָטעקאַר איז נישט קיין משרת צו דערלאַנגען, וואָס מע פאַרלאַנגט פון אים. אַ בוך דאַרף אַרויסגעגעבן ווערן מיט טאָלק. מע בייט ביי אונדז צו אָפט ביכער...

„...פאַרשטייט זיך, אַז נישט איך בין אים אָנגעגאַנגען“, — האָט אסתּרקע אַ טראַכט געטאָן, און — זי איז מיטאַמאָל אַנטוישט געוואָרן.

נאָך דעם, נאָך איר ערשטער באַגעגעניש מיט שמעון אַדלער, איז אסתּרקע אַ לענגערע צייט נישט געקומען אין ביבליאָטעק אַריין. כאָטש דאָס ביכל איז איר גראָד געפעלן געוואָרן. זי האָט עס געלייענט צוויי מאָל... ווען שמעון אַדלער וואָלט איר יעדעס מאָל צוגעקליבן אַ ביכל. נאָר... מער וועט ער דאָך שוין נישט צוגיין אַפילו צו איר.

קאַפּיטל אַכט און פופציק

בײַם פעטער יונה סעווערייוק

אין די לאַנגע זומערדיקע שבתים פלעגן איציק מיט אסתריקען גײן צום פעטער יונה סעווערייוק. זײ האָבן אים ליב געהאַט, דעם פעטער, ווײל ער איז שטענדיק געווען פריילעך און פלעגט זאָגן ווערטלעך. זײ זענען, וואָס אַן אמת, געווען גראָבע, און מ'האָט זיך אַ סך מאָל געדאַרפט מאַכן נישט הערנדיק, אָבער שאַרפע, ווילקענעוודיקע. פון זײער טאַטן האָבן זײ אַזעלכע נישט געהערט קײנמאָל.

ער האָט אײנמאָל, למשל, אַ ווײַז געטאָן, יונה, אויף אַ פאַרבײגײענדיק אוקראַיניש מײדל מיט אַ שטאַרק אויפגעבלאָזענעם בוזעם:

—אַנו, ייִדן, ווער וועט מיר זאָגן, וואָס פאַר אַ תורה וועט געגעבן ווערן פון דעם באַרג סיני?

אַ צווייט מאָל, אויך למשל, ווען עמעץ האָט אַ לויב געטאָן אַ גביריש ווײבל, אַז זי איז אַן אשת־חיל, האָט ער אַ בליק געטאָן מיט זײן פאַרבעלמעט אויג:

— אוואַי! חוצן אייגענעם מאַן האָט זי נאָך געהאַט עסקים מיטן חייל אויך.

נישט אומזיסט פלעגט יונה סעווערייוק זאָגן האַלב אין שפּאַס, האַלב ערנסט:

— אַ, ווען איך וואָלט געווען וועלן לערנען אַזוי, ווי מײן טאַטע האָט גע־וואָלט... אַז איך זאָל לערנען, וואָלט איך הײַנט געקאָנט גײן פאַרהערן זיך אין מסכתא „פּורים“, נישט נאָר מיט שאַמע שמש, נאָר אַפילו מיט אונדזער דײַן אַליין...

דער פעטער יונה מיט דער מומע לאה האָבן שוין געהאַט צוויי קינדער, אַ יינגל מיט אַ מיידעלע — גאָדל און טעמעלע. נאָר געוווינט האָבן זײ נאָך אַלץ בײַ זײן טאַטן, עוזר באַלעגאָלע, אין שטוב, און דאָס „געשעפט“, ס'הייסט דאָס באַלעגאָלעריי, איז בײַ זײ געווען שותפות. דער אַלטער פלעגט פאָרן צו דער

באַן מיט פאַרשווינען, סיי צו דער בייטאָגיקער, סיי צו דער מיטנאַכטיקער, און יונה האָט געפירט משא קיין קאָוולע, לודמיר און צוריק. זייערע פאַרדינסטן זענען געווען מאָגערע, ווייל, ווי יונה פלעגט זאָגן:

— ווי תמיד... נעמען די פערד אַראָפּ די סמעטענע, און פאַר אונדז לאָזן זיי איבער די זווערמילך; זיי זענען שוין גאָר קיין פערד נישט, מיינע פערד! מיינע פערד קאָנען פאָרן זיך פאַרהערן מיט אַנדערע גבירים.

און די פאַמיליע איז געווען אַ היפּשע: דאָס עלטסטע פאָרפאָלק, עוזר מיט דער אַלטער, טיליע האָט זי געהייסן, זייער יינגסטע טאָכטער ראָזע, אַ מיידל מיט ראָזע באַקן, ווי מיט אַרויסגעקלעפּטע רויזן-בלעטלעך, און דאָס יונגע פאָרפאָלק מיט די צוויי קינדער.

ראָזעס פאַרדינסט ווי אַ געזעלין ביי יאַנקל דעם פויערן-שניידער האָט איר אפשר געקאָנט קלעקן אויפן ראָזן פּאַפּיראָס-פּאַפּיר צו פאַרבן די באַקן.

אסתרקע פלעגט זיך צוקוקן ווי אָרעם זיי דערנערן זיך. שבת, ווי שבת, איז נאָך געווען ביי זיי דאָס שטיקל פיש און פלייש צום טיש, און אַפילו אַ גלעזעלע בראָנפן צום קאַרטאָפליע-קוגל, און אַ וואַסערדיקער פלוימען-צימעס, אָבער די גאַנצע וואָך איז מען אָפּגעקומען מיט גרעבערע מאכלים. שוואַרצע לאָקשן מיט יויך, פאַרווייסט מיט אַ ביסל מילך, איז געווען אַ געשמאַקע וויעטשערע. דער אַלטער, עוזר באַלעגאָלע, מיט די זייער לאַנגע אייבערשטע ברעמען, וואָס האָבן צוגעגעבן זיין אָנבליק אַ ביזלעכן ערנסט, מיט דער שוין געבויגענער פלייצע פון יאָרנלאַנגן זיצן אָן אָן אָנשפּאַר אויף דער קעלניע, פלעגט קייען איבער דער שיסל פאַמעלעך, ווי מיט גרויס ישוב-הדעת וועגן גאָר אַנדערע זאַכן ווי דאָס עסן. בעת-מעשה איז שטיל געווען אין שטוב, אַז ס'האָט זיך געהערט זיין קייען און דאָס זשומען פון אַ פליג אויף אַ שייבל פון דעם קליינעם פענצטער, וואָס האָט געלאָזן דעם טאָג אַריינזייען זיך אין שטיבל מיט ווייניק ליכט. אויף דעם אַלטנס פנים איז דעמלסט געלעגן דאָס חשיבות פון אַן אַלטן חברה-קדישא-מאַן און קהלס-מענטש, וואָס ער איז עס געווען.

דער זון, יונה, האָט פאַרן טאַטן גרויס דרך-ארץ געהאַט. האָט זיך אַפילו געשראָקן פאַר אים, ווי ער וואָלט איצט בכוח געווען, דער אַלטער, ווי אַמאָל-אַמאָל, אַריבערלייגן אים איבער די קני און לערנען אים דרך-ארץ, ווי מע לערנט אַ צעבריקעוועט פערד. נישט איין גלייכווערטל פלעגט יונה דערשטיקן אין זיך אין טאַטנס ביייזיין, כאָטש דעם טאַטנס אויערן זענען ווי פאַרשטאָפּט געווען מיט אַרויסשטאַרצנדיקע פענדזלען האָר, אַז, דאַכט זיך, ס'האָט סיי ווי אַהין גאָרנישט נישט אַריינגעדרונגען.

דער דרך-ארץ פון דער שנור, דער מומע לאה, פאַרן שווער, האָט זיך אַרויסגעהערט שוין פון דעם טאָן, מיט וועלכן זי פלעגט אַרויסזאָגן דאָס וואָרט ש וו ע ר.

די יינגסטע טאָכטער, די מיט די אַרויסגעקלעפּטע רויזן־בלעטלעך אויף די באַקן, איז בכלל געווען אַ שוויגנדיקע, ווי תמיד פאַרטומלט פונעם רויש פון די ניימאַשינען ביי יאַנקעווס שניידער.

ווען דער אַלטער פלעגט זיך נאָכן עסן צושפּאַרן אַ ביסל אויפן געלעגער צו כאַפּן אַ דרימל, האָט מען אַפילו די אייניקלעך אַרויסגעשיקט אינדרויסן אָדער אין קיך, וווּ מ'האָט זיי פאַרזאָגט צו האַלטן זיך שטיל, ווי שטילע וואַסערלעך צווישן טשערעטן:

— ש־ש־ש!... דער זיידע שלאָפט.

חשובער פאַרן זיידן איז אין שטוב געווען בלויז די באָבע טוליע, אַ בלינ־דע, וואָס איז שוין יאָרן פון געלעגער נישט אַראָפּגעגאַנגען. זעלטן שבת ביי טאָג נאָכן שלאָף פלעגט מען זי אַרויספירן אַ ביסל אינדרויסן, זי זאָל זיך אויסוואַ־רעמען אויף דער זון. פאַר איר האָט דער זיידע אַליין דרך־ארץ געהאַט און זי אָפּגעהיט מיט ליבע.

אסתרקע פלעגט באַוווּנדערן זייער לעבן, וואָס פליסט זיך שטיל, אין פרידן, ליבע און אַכטונג. גאָרנישט ווי ביי זיי, אין דער שטוב פון קאָוואַליעס! און דאָ איז דאָך אויך נישט מער ווי אַ שטוב פון באַלעגאָלעס... זי האָט זיי מקנא געווען.

איר טאַטע שמט אין שטעטל מיט זיין „פּה־קדוש“, און יונה סעווערויק דעסטגלייכן — אָבער וואָס פאַר אַ פאַרגלייך! לייטן פלעגן אַפילו שמועסן, אַז יונה סעווערויק האָט נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן זיינע בחורישע יאָרן. ס'הייסט, ער איז נאָך דער זעלבער שיקסעניק, וואָס אַמאָל. אונטערוועגנס פעלשט ער נישט אייַנמאָל אין זיין לאהן. אָבער גלייכצייטיק ווייסט מען, אַז ער האָט זיין ווייבל ליב ווי דאָס לעבן. פאַרן ווייבל מיט די קינדער וועט ער דאָס לעבן שטרע־קן. יונה אַליין פלעגט עס אויף זיין שטייגער אויסדריקן אַזוי:

— פאַר מיין לאהן וועל איך אַפילו מיין פערדס אָברעק אַוועקגעבן.

— אַ שיקסע איז אַ באַטעמטע זאַך, ווי איך בין אַ ייד, — האָט ער אַמאָל געזאָגט ביי זיי אין שטוב — דו, דאָדיע, וועסט עס אויך מודה זיין... אַ? נאָר פאַר מיין לאהס מיזינעץ מעגן זיי מיר גלייך אַלע די כפרה ווערן. אַ ווייב איז אַ ווייב.

ער איז געווען אַ געטרייער מאַן און איבערגעגעבענער טאַטע, יונה. זיין פיריעריק טעמעלע, אַ גרויעס און אַ דאַרס, ווי אַ טשערעטל, האָט ער געהאַלטן — קיין שענערס און קיין איידעלערס פון איר איז נישט בנמצא! אַפילו זיין זעקסיעריקן גאָדלען, וואָס האָט געהאַט אַ פאַרשטאָפּט קעפל און איז געראָטן געווען אין אים בלויז דערמיט, וואָס ער האָט נישט געוואָלט אַריינקוקן אין סידור, ווי אַ פערד אין אַ ליידיקן האָבער־זאַק, כאָטש גיב אים אַ קרענק! — האָט ער קיינמאָל נישט געשלאָגן, בלויז געשראָקן מיט שמיץ:

— עלהיי אַ פערד. אַ בייטש דאַרף מען דעם ווייזן, שלאָגן טאָר מען נישט. אויף דערויף איז דאָך אַ פערד אַ פערד, סע זאָל נישט פאַרשטיין, אַז מע דאַרף שלעפּן. וואָלט עס קיין פערד נישט געווען, וואָלט דאָך עס פּעוונע גאָר אין שפּאַן נישט געגאַנגען, האַ?

נאָר זאָגן, אַז יונה סעווערויק איז צופרידן געווען מיט זיין מעמד, קאָן מען אויך נישט.

— דאָס פערד, — פלעגט ער זאָגן — איז אַ קנעכט ביים באַלעגאָלע, און דער באַלעגאָלע ביים קרעמער, ביי וועלכן ער איז שטענדיק פאַרחובעט, און אַז אַך־און־ווי איז צום פערד מיטן באַלעגאָלע צוזאַמען! אומשטיינסגעזאָגט דעם אָברעק, וואָס זיי באַקומען.

דערפאַר פלעגט ער פאַנטאַזירן, יונה סעווערויק, שבת נאָכן קוגל:

...מע שמועסט, אַז סוף־כל־סוף וועט צווישן קאָוולע און לודמיר אָנהייבן צו קורסירן אַן „אָטעם“. וועט ער, יונה, ווי איר קוקט אים אָן, פאָרן קיין קאָוו־לע זיך לערנען אויף שאָפער־קורסן, אויסלערנען דעם פאַך און אויף דער פרעמ־דער מאַשינע מאַכן בעסער ווי אויפן אייגענעם געשפּאַן.

נאָר ביז די דאָזיקע שמועסן וועלן זיך באַשטעטיקן, האָט ער דערווייל צו־ליב קאָנקורענץ מיט אַ צווייטן באַלעגאָלע אָפּגעקויפט ביי דער דאָלצקער כראַ־ביניע אַן אַלטע קאַרעטע מיט סקריפּענדיקע רעסאָרן צו פירן צו דער באַן.

— וואָס איז? — האָט ער זיך געוויצלט. — נישט איך פאָר דאָך מיט איר — דער טאַטע, און זי איז נישט קיין סך עלטער פון אים.

ווען די קאַרעטע פלעגט שטיין אויפן שאָסיי אין דערוואַרטונג אויף פּאַסאַ־זשירן, האָט זי „ממש דאָס אויג פאַרנומען“ און פלעגט אַרויסרופן אַ שמייכל אויף לייטנס פנימער:

— אַז מע לעבט, דערלעבט מען זיך. טראַסקעוויטש! ס׳וועט נאָך גיין דאָ אַן אויטאָ אויך!

— אויב איך וועל שוין נישט זיין קיין שאָפער, — האָט יונה סעווערויק נישט אָפּגעלאָזט זיין פאַנטאַזיע — וועט עס זיין מיין יינגל, מיין גאָדל. און מיין טעמעלע וועט זיין אַ לערערקע.

קאַפּיטל נײַן און פופציק

אין דער יידישער שול

אויפן אַדרעס פון פעסיע חוה דער דאָרפסגייערינס יתומים, די ברידערלעך נחום און חנאַ וואָלף, האָט דער לערער פון בית־הספר, דער לערער שוחט, געזאָגט אַ חכמה, און די תרבותיסטן האָבן זי מיט הנאה נאָכדערציילט אין שטעטל:

— די טשערעדע פון דער העברעישער שול איז ענדלעך פטור געוואָרן פון די וועלפלעך!

— וואָס קומט דערפון אַרויס? — איז אויף דעם געקומען שמעון אַדלערס ענטפער דורך די יידישיסטן — אַז דער לערער דער גרויסער שוחט איז דאָרט געבליבן! ער איז געפערלעכער פאַר דער שול־טשערעדע פון די קליינע וועלפלעך... אין דער יידישער שול וועלן זיי ווערן לעמעלעך. און קיין לערער שוחטים זענען ביי אונדז נישטאָ.

די וואָגשאָל האָט זיך אַ נייג געטאָן אויף דער זייט פון די יידישיסטן. גלייך אין דער ערשטער וואָך פון נייעם שול־יאָר האָבן די העברעיסטן געכאַפּט נאָך אַ קלאַפּ, איך וועלכן זיי האָבן זיך געקאָנט נאָך ווייניקער ריכטן; אַ קלאַפּ, וואָס האָט געטראָפן זייער פּרעסטיזש אין סאַמע פּנים אַריין. ישראל לעווים צוויי ייִנגלעך, וואָס האָבן געלערנט אין בית־הספר און זענען אויך היינטיקס יאָר געווען פאַרשריבן אהער, זענען נישט געקומען אין שול. וואָס איז געשען? מ'האָט געשיקט אַ תלמיד פון זייער קלאַס צו זיי אַהיים געוויר ווערן די סיבה — אפשר זענען זיי קראַנק? אָבער אַרויסגעוויזן האָט זיך עפּעס אַנדערש (הלוואי וואָלטן זיי שוין בעסער קראַנק געווען!). זיי האָבן פאַרשטרייקט, די לעווים — זיי האָבן געלערנט מיט די וועלף, מיט די יתומים, אין איין קלאַס, זיי זענען חברים מיט זיי, מיט די וועלף, אַז יענע גייען אין דער יידישער שול, ווילן זיי אויך גיין אַהין, נאָר אַהין! דער עלטערער ברודער, אַהרון לעווי, דער פאָרזיצער פון דער

שול־פֿאַרוואַלטונג פֿון דער ייִדישער שול, העלפֿט זיי אונטער, און ס'האַלט דערביי, אַז הײַנט, מאָרגן זאָלן זיי גיין אין דער ייִדישער שול!

ישׂראל לעווי, דער פּראָסטאַק, דער אַמאָליקער ישובניק און וואַלד־מענטש, כאָטש הײַנט אַ וואַלד־סוחר און מיל־אײַנהאַבער, האָט זיך נאָך נישט אײַנגעגלעט אַפֿגעריסן פֿונעם „פּראָסטן גאַראָד", פֿונעם באַלמעלאָכע. מיט זיי האָט ער זיך געפֿילט היימישער, באַקוועמער, ווי מיט די יחוסדיקע וווילקענעוודיקע באַלעבאַטים, וועלכע ער האָט אַ ביסל נישט ליב געהאַט. ער האָט זיך דעריבער גלײַך געקווענקלט: אפֿשר טאַקע נאָכגעבן די קינדער און שיקן זיי אין דער שול פֿון די באַלמעלאָכישע קינדער? דערצו האָט ער זיך אויך געטראַכט: ערשטנס, איז ביי זיי, ביי די ייִדישיסטן, זײַן אַהרון אַ גאַנצער מאַכער, צווייטנס, וועט ער אַליין, ישׂראל לעווי, זיך פֿילן היימישער און עלטערן־ראַט פֿון דער ייִדישער שול, איידער אין דעם „ועד־ההורים" פֿון דעם בית־הספֿר. אַז דעם לערער, וואָס ווערט געשיקט אויף זייער זיצונג, פֿאַרגלוסט זיך אַמאָל, גייט ער גאָר אַרויס מיט העברעיִש לשון... און דו — עפֿן דאָס מויל, סאָלאָפּע אויס די צונג, ווי אַ גולם! און קוקסטו זיך אַרום, דאַכט זיך דיר, אַז די איבעריקע טאַטעס פֿאַרשטייען אפֿשר נישט מער פֿון דיר, נאָר זיי קאָנען מאַכן אַן אָנשטעל, ווי פּורים־שפּילערס!...

ס'האָט זיך אים אָבער נישט געגלוסט, ישׂראל לעווין, זײַן דאָרט אין דער ייִדישער שול, „איין גביר אין דער אָרעמער משפּחה", האָט ער גענומען אײַנטענהן מיט זײַן וואַלד־שותּף, יאַנקל האָרן, איינער פֿון די אַמאָליקע „ביבליאָטעטשיקעס", אַ רוסיש־רעדער, וואָס אין די אויגן גיבן אים באַלעבאַטים אָפּ כּבֿוד און הינטער די אויגן, ווייסט ער, באַרעדן זיי אים צוליב דער ליבע, וואָס ער פֿירט מיט זײַן שיינער שוועגערין:

— ...די לערערס פֿון דער העברעיִשער שול, פּרעמדע, ווייסן מיר נישט ווער און וואָס זיי זענען. נו, און דער לערער בעקערמאַן... ווייסן מיר שוין גראָד יאָ, ווער ער איז. ער רעדט העברעיִש, ווי אַ ליטוואַק... גיי געטראָווע זיי די קינדער! און דאָ, אין דער ייִדישער שול, זענען דאָך די צוויי לערער — שמעון אַדלער און אַפֿילו בערל ברינמאַן טאַטעס קינדער! מיר ווייסן ווער זיי זענען פֿון דער היים... און דיר, אַז סע וועט זיך דיר אַמאָל פֿאַרגלוסטן, וועסטו האָבן מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן. ברינמאַן, זאָגט מען, האָט געקאָנטשעט אַ רוסישע גימנאַזיע.

— נו, דאָס וועל איך ערשט זען, ווען איך וועל רעדן מיט אים, המם... — זאָגט יאַנקל האָרן מיט אַ פֿאַררִיסן שמייכעלע, און ס'האַלט דערביי, ער זאָל, ווי זײַן שטייגער איז, אַרויספֿירן דעם שמועס אויף אַן אַנדער וועג.

נאָר ישׂראל לעווי דערלאָזט נישט דערצו:

— אַט פּאָלג מיר, יאַנקל, לאָמיר נעמען און שיקן אונדזערע קינדער אין דער יידישער שול.

יאַנקל האָרן האָט זיך גראָד אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק פּאָרצולייגן ישראל לעווי, ער זאָל אים צונעמען פאַר אַ שותּף אויך צו דער מיל. האָט ער נאָכגעגעבן:

— גוט. מע דאַרף פּאָלגן אַן עלטערן שותּף. אַז שותּפים, איז שותּפים אין אַלץ. המם... נאָר מיין רחלע וועט דאָך דאָרט אַפילו קיין איינציקע חברטע נישט האָבן.

— ווער איז איר בעסטע חברטע? — פרעגט ישראל לעווי.

— משהל קאַגאַנס מיידעלע. אַ פיין קינד. זי לערנט אין דער „פּאָוושעכנע“ — משהל קאָן פאַר איר קיין שכר־לימוד נישט צאָלן. ווייסט דאָך — וויפל פאַרדינט ער עס ביי דיר! אַ קבצן מיט רוקעס.

— יאָ. המם. נו, גוט. איך וועל אים הייסן שיקן דאָס קינד אין דער יידישער שול, און מיין אַהרונען — דעם פאָרזיצער פון דער שול־פאַרוואַלטונג — וועל איך הייסן אָננעמען זי אינגאַנצן אָן שכר־לימוד. פאַרוואָס נישט? טאַקע אַן אָרעמאַן, דער משה. מיטן „קיעראָווניק“ פון דער „פּאָוושעכנע“, ער זאָל זי פון דאָרט אַרויסלאָזן, וועט אויך אַהרון דורכקומען.

און דינסטיק, די זעלבע וואָך נאָך, זענען די גבירישע קינדער, די לעווים, און רחל האָרן מיט שבעלע קאַגאַן געקומען אין דער יידישער שול.

ווען דאָס דאָזיקע גייעס איז דערגאַנגען צו דאָדיע קאָוואַל אין שטוב, האָט עס אָסתּרקען אַזש ביים האַרץ אַ צוויק געטאָן: „רחל מיט שבעלען וועלן זיין כּסדר צוזאַמען, און איך... אפשר זאָל איך היינטיקן שבת גיין צו זיי?“

אומגעריכט אָבער האָבן זיי אָסתּרקען פאַרשפּאָרט דעם גאַנג. נאָך לאַנגע חדשים אָפּגעפרעמדט זיין זענען זיי, דעם שבת טאַקע, צו איר אַליין געקומען. גלייך צווישן זיי וואָלט גאָר די פריינדשאַפט נישט איבערגעריסן געוואָרן. נאָר ביסלעכווייז האָט זיך אָסתּרקע פון דעם שמועס אָנגעשטויסן, אַז נישט זיי זענען געקומען, נאָר מ'האָט זיי געשיקט — די לערער שמעון אַדלער און בערל ברינגמאַן האָבן זיי געשיקט, זיי זאָלן זי אַריינציען אין דער יידישער שול.

זיי האָבן איר גענומען איינרעדן, אַז די יידישע שול איז נישט אַזוי ווי די העברעישע, פון וועלכע זי איז אַוועקגעגאַנגען. אין דער יידישער שול פילט מען זיך באַלד היימיש. מע רעדט צווישן זיך און מיט די לערער אויף פּראָסט יידיש, ווי אין דער היים, ווי אין גאַס. די לערער גיבן בלויז אַכטונג, אַז מע זאָל נישט אַריינמישן קיין ווערטער פון אַנדערע שפּראַכן, כּדי סע זאָל זיין אַ ריין לשון. אָבער באַשטראָפן דערפאַר באַשטראָפט מען נישט. פאַר קיין זאַך באַשטראָפט מען נישט אין דער יידישער שול. די לערער קלערן נאָר אויף. זיי שרייען אַפילו נישט אָן אויך. זיי זענען שטרענג, אָבער מיט ליבלעכקייט. אַפילו אויף די לעק־

ציעס, ווען זיי ווערן שטרענג און אַזויווי פרעמדלעך אַ ביסל, פאַרגינען זיי זיך אויך טיילמאָל אַ שפּאַס צו טרייבן.

ס'האָט אסתרקען, פאַרשטייט זיך, שטאַרק געחנפעט, וואָס די לערער אַליין האָבן געשיקט נאָך איר, ס'האָט איר געפרייט דאָס באַקומען ווידער די מעגלעכ־קייט צו חברן זיך מיט רחלען און שבעלען, און זי איז גרייט געווען כאָטש אָט שוין די רגע צו גיין מיט זיי אין דער יידישער שול. נאָר זי האָט זיך פאַרט געקווענקלט: וואָס? זי וועט גיין אין אַ קלאַס נידעריקער פון זיי? ס'איז איר נישט אָנגעשטאַנען. זי האָט זיך שוין באַצייטנס געשעמט פאַר די לערערס... אָבער רחל מיט שבעלען זענען נישט אָפּגעשטאַנען פון איר:

— וועסט זען, אסתרקע, וועסט לערנען אין איין קלאַס מיט אונדז. מיר ביידע וועלן דיך צוגרייטן פאַר די לעקציעס און צוהעלפן בעת די לעקציעס. נישקשה. ביי אונדזערע לערערס וועט מען עס פועלן. וועסט זען, סע וועט דיר נישט שווער זיין — אַלע אונדזערע ביכלעך, חוץ פון דער פוילישער שפּראַך און פוילישער געשיכטע, זענען דאָך אויף יידיש.

— גוט, — האָט אסתרקע סוף־כּל־סוף איינגעוויליקט — אָבער וואָס קומט אַרויס — אז דער טאַטע וועט מיך נישט שיקן. הממ... כ'קאָן אפילו גיין אָן דעם טאַטנס וויסן, אָבער ווער וועט פאַר מיר צאָלן שכר־לימוד?

— איך לערן אויך אומזיסט, — האָט מיט אַ קלוג־אומעטיק געלעכטערל אַ זאָג געטאָן שבעלע.

— אָבער אַז מיין טאַטע וועט געוואָר ווערן, אַז איך גיי אין שול אָן זיין וויסן... מיין נפתליציע וועט עס אים אונטערטראָגן... קאָן ער קומען אין שול און...

אסתרקע איז גרייט געוואָרן און נישט פאַרענדיקט. און ס'איז איבעריק געווען. זיי האָבן אַליין פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס שמעקט. און מיט דעם זענען זיי אַוועקגעגאַנגען.

אויפן פאַרנאַכטיקן שפּאַציר האָבן זיי זי פונדעסטוועגן נישט פאַרבעטן. אסתרקען איז געווען, ווי מע פלעגט זאָגן ביי זיי אין שטוב, אָנגעזאָלעט אויפן האַרצן. ווען שרציע דעם פעטער זרחס איז פאַרנאַכט געקומען, זיי זאָלן גיין שפּאַצירן, האָט זיך אסתרקע דערפון אַרויסגעדרייט מיטן אויסרייד, אַז דער קאָפּ טוט איר וויי. ווי געטאָן האָט איר גאָר דאָס האַרץ. ס'איז איר געווען זייער אומעטיק. אומעטיק האָט אַריינגעקוקט צו איר אין צימער דאָס עפּל־ביימל אין איר פענצטער. אומעטיק האָט אַ מרוקע געטאָן זייער קו, זיך אומקערנדיק פון דער טשערעדע; אַ־מעטיק האָט אַ סקריפּע געטאָן דער טויער, ווען מע האָט זי אַריינגעלאָזט אין שטאַל. אומעטיק האָט אין שטוב געברומט דער טאַטע די זמירות צו שלוש־סעודות. און גאָר אומעטיק, האָט זיך איר געדאַכט, זאָגט די מאַמע „גאָט פון אַברהם...“

און הער! דווקא מיט אַ פּריילעכן „גוטוואָך!" איז אַריינגעקומען אין אָוונט דער לערער בעקערמאַן, וועלכער איז שוין אויך ביי זיי אַ היפּשע צייט נישט געווען.

...וואָס וויל ע ר? — האָט אסתרקע בייז אַ טראַכט געטאָן — געקומען ווי־דער צום טאַטן, ער זאָל מיך שיקן אין בית־הספר? איבערמאָרגן! מאַרוסיען זאָל ער אַהין שיקן!

ווי איבערגעראַשט איז זי אָבער געוואָרן, ווען דער לערער בעקערמאַן האָט גאָר אָנגעהויבן צורעדן דעם טאַטן, ער זאָל זי שיקן אין דער יידישער שול!

— ס'איז נישט קיין פּלאַן, זי זאָל אַרומגיין ליידיק. ליידיק אַרומגיין — פּאַרטייטשט ער דאַדיען אַ העברעישן פּסוק — איז די מוטער פון יעדער זינד. זי וויל נישט, אסתרקע, אין דער העברעישער, זאָל זי גיין אין דער יידישער. אפשר איז ז י גאָר גערעכט...

מינציע האָט דערוויל דערלאַנגט טיי צום טיש. האָט אסתרקע שוין אומ־געטראָגן אַ לימענע, אָפּגעשיילט זי, צעשניטן און אַריינגעטאָן פּענעצלעך דעם טאַטן און דעם לערער אין די גלעזער.

ביז די טיי וועט זיך אויסקילן, האָט דערוויל דאַדיע געריבערט און גע־געבן צו פּאַררייכערן דעם לערער. דער לערער האָט געמרוזשעט מיט די אויגן אויפן לאָמפּ, ווי ער וואָלט פון דאָרט געזויגן ליכטיקע געדאַנקען, און ווייטער גערעדט:

— וואָס קאָנט איר מיר דאָ חושד זיין, רב דאַדיע? איך רעד דאָך אייך נישט צו, נישט איר זאָלט נעמען פּאַר אסתרקען ביי מיר פּריוואַט אַ לעקציע און נישט איר זאָלט זי שיקן אין דער תרבות־שול, ווו איך אַרבעט. פּאַרקערט, ווען מיינע באַלעבאַטים וואָלטן זיך דערוווסט, אַז איך... נאָר דעם אמת מעג מען זאָגן אויפן אייגענעם טאַטן.

— אייער טאַטע איז געווען אַן אָרנטלעכער שום.. — זאָגט מינציע און פּאַרענדיקט נישט, אָפּגעבריט פונעם מאַנס אַ זשאַריענדיקן בליק.

— און דער שכר־לימוד האָרט, — רעדט דער לערער ווייטער און זוכט דאַדיעס פּנים דורכן בלויען רויך — אין דער יידישער שול, איז אויך נישט מי־יודע גרויס. אין אַ קליין „טל־ומטר" וועט איר אים קאָנען איינוויקלען, רב דאַ־דיע, כי־כי־כי!...

— די יידישע שול איז עפּעס גאָר אַן אַנדער שול. אַ שול, וואָס... וואָס איז אייגנס מיט דער היים. נישט נאָר די עלטערן קומען אין שול זיך נאָכפרעגן, ווי ס'לערנען און פירן זיך זייערע קינדער, נאָר אויך די לערערס גייען צו די שילער אַהיים זיך דורכצורעדן מיט די עלטערן. אַז אַ קינד ווערט כסדר קאָנט־ראָלירט, קאָן עס שוין אויף קיין שלעכטע וועגן נישט גיין. די השגחה אין דער יידישער שול איז הונדערטפּראָצענטיק. הונדערט פּראָצענטיק, זאָג איך אייך,

הב דאָדיע, ווי איר האָט ליב. איר קאָנט זיך אויף מיר פאַרלאָזן. איך האָב אייך שוין כאָטש איינמאָל שלעכט אַ חשבון אַרויסגעפירט?

— זאָג נאָר, פאַניע דוד, — טוט אים דאָדיע אַ שטאָך מיט אַ שאַרפן חשדיקן בליק — צי דו קלייבסט זיך נישט אַליין אַמאָל צו די יידישיסטן אין חדר אַריין?...

דער לערער בעקערמאַן האָט אַרויסגעלאָזן פאַראַמאָל אַ יסד טיטון־רויך, ווי ער וואָלט דערמיט פאַרשטעלן דאָס פּנים, און אויף דער פראַגע נישט גע־ענטפערט.

— סיווי, — האָט דאָדיע מיטאַמאָל אָנגענומען אַ באַשלוס — זאָל זי גיין, אויב זי וויל.

— איך ווייס? — האָט אסתרקע געציטערוועט, כדי נישט קאַליע צו מאַכן — אַז דער טאַטע וועט מיך שיקן...

— גייסטו! — האָט שוין דאָדיע באַפוילן. — מאָרגן אינדערפרי זאָלסטו מיר נישט זיין אין שטוב.

אסתרקע איז אָבער שוין גלייך אויסגערונען פון שטוב. זי איז געלאָפן מיט דער בשורה צו רחל האָרן.

און אויף מאָרגן אינדערפרי איז רחל האָרן מיט שבעלע קאַגאַן געקומען נעמען אסתרקען אין שול אַריין.

קאַפּיטל זעכציק

ביים גוסס צוקאָפּנס

ס'וועט זיך נישט אויסוועפּן קיינמאָל פון אסתרקעס נשמה דאָס געפיל פון דאַנקבאַרקייט צום לערער שמעון! אַדלער פאַר זיין שטעלן זיך איינמאָל צווישן איר און איר טאַטן, ווי אַ מלאך־הגואל.

דאָס איז אַן עפּיזאָד פון די ערשטע וואָכן אירע אין דער יידישער שול.

דער לערער שמעון האָט געפירט אַ יידיש־לעקציע. ס'איז געווען זייער אינ־טערעסאַנט. אסתרקע האָט זיך פאַרטיפט איינגעהערט אין דעם לערערס רייד, נישט אָפּרייסנדיק דעם בליק פון זיין פּנים.

— אסתר, — טוט איר אַ שכנה אויף דער באַנק אַ ריס פון איר פאַרטוענ־קייט — דיין טאַטע גייט אַהער.

ס'טוט איר אַ זעץ אין האַרצן, ווי אַ האַמער אויף דער קאָוואַדלע. זי פילט ווי דאָס בלוט טוט איר אַ כליגע אין פּנים אַריין אַזש ביז די ברעג אויערן, און ס'הייבט איר אָן צו קלינגען אין זיי, ווי אין קלויסטער צו אַ שרפה: דער טאַטע! בעת אַ לעקציע. דער לערער וועט אים זייער פיין און שטרענג אַרויסבעטן. דער טאַטע וועט...

דער סוף פון דער פראַזע שלעפּט מיט זיך מיט אַ פינצטערניש. זי שפּירט ווי אַ הייסער ווינט בלאָזט דורך איר קאָפּ. איר פּנים און די אויגן זשאַריען... דעם לערערס בליק איז פאַרשנדיק אָנגעשטעלט אויף איר. זי וויל אויפהייבן די פינגער צו בעטן ביי אים אַ דערלויבעניש אַרויסצוגיין. זי וויל איבערכאַפּן דעם טאַטן איידער נאָך ער באַוויזט אַריבערצוטרעטן די שוועל פון קלאַס. נאָר די האַנט און דאָס לשון זענען איר אָפּגענומען. זי באַמערקט אַ מחשבה־צוק אויפן לערערס ווינקלדיקן שטערן. ער טוט אַ זאָג, ווי זיין שטייגער, מיט אַ שמייכל:

— אַ סעקונדע, קינדער. זיצט רואיק. איך קום באַלד צוריק.

דער קלאַס שווייגט און וואַרט. בליקן טוישן זי אויף דער טיר, די טיר אויף איר. דער לערער קומט אַריין צוריק. ער איז לייכט פאַרזאָרגט, און, זיך נעמענדיק ווייטער פאַר דער לעקציע, טוט ער, ווי פאַרבייגייענדיק, גלייכגילטיק אַ זאָג:

— אסתר, כאַפּ זיך אַריבער אַהיים. דער טאַטע דאַרף דיך עפּעס נייטיק האָבן. נאָר זאַם זיך נישט לאַנג.

אסתר איז אַרויסגעגאַנגען פון הינטער דער באַנק מיט אַ דאַנקבאַרן בליק און ליבנדיק האַרץ פאַרן לערער שמעון: „ער האָט פאַרכאַפּט די פּיש פאַר דער נעץ. ער קאָן מיין טאַטן. ער האָט געראַטעוועט מיין כבוד... ווער ווייסט, וואָס דאָ וואָלט זיך געטאָן!“

וואָס דער טאַטע האָט זי דעמלסט אַזוי נייטיק געדאַרפט האָבן, איז זי, אמת, קיינמאָל נישט געוואָר געוואָרן. דער טאַטע האָט אינגאַנצן אויף איר שוין נישט געוואַרט. און ווען זי איז אַריינגעקומען אין שטוב, איז אַריינגעלאָפן הינטער איר די מומע יהודית מיט אַ יאָמער:

— דאָדיע! אונדזער טאַטע פּאָכעט מיט דער נשמה! קום גיכער, ס'אָל נישט שפּעט זיין.

איז דאָס געשען אינגאַנצן אומגעריכט? ניין. מ'האָט געוווסט ביי זיי אין שטוב, אַז דער זיידע גרשון איז שלאַף. די כוחות גייען אים שוין לאַנג אויס מחמת אַלטקייט. ער איז שוואַכער פון אַ קינד. נישט נאָר ער קאָן נישט די ציטריקע האַנט, וואָס האָט אַמאָל דעמבעס אויף ברעטער געזעגן, צום מויל דערלאַנגען, ער רופט שוין אַפילו נישט מע זאָל אים אָנקאָרמען. אָבער אין דאָדיען האָט געבורטשעט דער לאַנגיעריקער פאַרדרוס און די נייע קרענקונג פאַר די דאָלאַרן, וואָס די ברידער, שכר און וואָלף, שיקן צו זיי אין שטוב: ער האָט זיי טאַקע אין דרערד מיט די דאָלאַרן, די בראַטאָקעס! נאָר פאַרוואָס זאָל מען עס אין אַ ברודער אינגאַנצן פאַרגעסן? וואָס? זיי וואַרטן אויף יחוס, דאָדיע קאָוואַל זאָל זיי פריער שרייבן? בעטן זיי אפשר? ווי לאַנג כאַליען זיי! זיי מעגן ווייסן, ווער עלטער איז... — און דאָדיע האָט אָפּגעלייגט דאָס גיין מבקר־חולה זיין דעם טאַטן פון טאָג אויף טאָג, כאָטש ס'האָט שוין אָנגעהויבן ווערן אַ חרפּה פאַר לייטן.

און דערווייל איז צו דאָדיען דערגאַנגען וועגן דער שוועסטער יאָכוועד טאַקע גאָר אַ מיאוסע מעשה, אויב זי זאָל נאָר אמת זיין. אַזאַ געמיינקייט! אַזאַ געמיינקייט! שכר און וואָלף האָבן שוין דאָרט, אין אַמעריקע, נאָך אַזויפיל יאָרן, פאַרגעסן, אַז זיי האָבן עפּעס נישט אַזוי בשלום געלעבט מיטן עלטערן ברודער, און זיי פלעגן אין זייערע בריוו צו יאָכוועדן זיך נאָכפרעגן אויף דאָדיען, אויף מינציען און די קינדער, וואָס זיי מאַכן, ווי ס'לעבט זיך זיי, און צי נייטיקן זיי זיך נישט? יאָכוועד האָט אַפּנים מורא געהאַט פאַר אַ קאָנקורענט אויף די דאָלאַרן און אַ לאַנגע צייט בכלל אויף דער פראַגע נישט געענטפערט. ביז איינמאָל

האָבן די פעטערס געשריבן: מסתּם איז זי מיטן ברודער דאָדיע נאָך אַלץ צע־קריגט, איז מילא, וועלן זיי שוין אַליין אָנשרייבן צום ברודער. האָט די שוועסטער נישט מער און נישט ווייניקער געטאָן ווי אָנגעשריבן צו זיי, אַז דאָדיע איז שוין זינט עטלעכע יאָר אויפן עולם־האמת, און וואָס זי קאָן טאָן פאַר דער אַלמנה מיט די קינדער, טוט זי. האָבן די ברידער אַריינגעשיקט צו איר אַ פּאָר צענטליק דאָלאַרן אויף אַ מצבה און פאַר דער אַלמנה מיט די יתומים...

צי דאָס איז אַזוי געווען, איז נישט באַוווּסט. אויב דאָס איז אמת, דער־קלערט זיך דאָס בלויז דערמיט, וואָס יאָכוועד האָט געוואָלט מיט די ברידערס דאָלאַרן ראַטעווען איר טייער קינד, איר פּערלען. דאָדיע אָבער איז זיכער געווען, אַז דאָס איז אמת, און אַריבערטרעטן זייער שוועל איז אים שווער געווען, ווי „זיך לייגן אין קבר אַריין".

— זיי וועלן מיך נאָך שיקן אין מיין רו אַריין, אַז זיי וועלן מיך דערזען...

— האָט ער געזאָגט, און די אויגן האָבן אים פינצטער געברענט.

פון דאָרטן ווידער, פון שאַמעס שטוב, האָט מען אויך נישט געשיקט רופן דאָדיען, הגם דער שכיב־מרע * האָט שוין עטלעכע מאָל, מיט אַ בעטנדיק פּנים, אַרויסגעשטאַמלט:

— דאָדיע... דאָדיע...

דער שכיב־מרע האָט געוואָלט זען דעם זון, איידער ער שליסט די אויגן אויף אייביק. אָבער די שטוביקע האָבן זיך געמאַכט נישט הערנדיק און נישט פאַרשטייענדיק, וואָס ער שטאַמלט: אין זיין געשריבענער צוואה האָט דער אַל־טער געהאַט אָפּגעזאָגט די גאַנצע שטוב מיט אַלץ מיטאַנאַנדער דעם איידעם, שאַמען, בתנאי, ער זאָל אויסהאַלטן די שוויגער ביז איר צייט וועט קומען. האָבן זיי מורא געהאַט, טאָמער, חלילה, פאַלט איין דעם אַלטן פונקט איצט פאַרן טויט חרטה צו האָבן און אָפּזאָגן אַ האַלבע שטוב דעם היגן זון, דאָדיען — ער איז דאָ הי, דאָדיע, און ער וועט דער ערשטער, נאָכן פאַרשיטן דעם לעצטן גראָבאייזן, זאָגן קדיש איבער זיין בערגל ערד. ביז די ידיעה וועט אָנקומען צו די זין אין אַמעריקע, וועט לאַנג דויערן. און ווער ווייסט גאָר, צי דאָרט אין אַמעריקע, ווו מען אַרבעט אום שבת, זאָגט מען נאָך אַ קדיש נאָך אַ טאַטן.

נאָר ווען דער גוסס־למות האָט שוין פון דער גסיסה אַרויס געבעטן:

— דאָדיע... דאָ... דיע...

האָבן זיך פרעמדע מענטשן אַריינגעמישט:

— וואָס הייסט? און סטייטש?

איז די מומע יהודית געקומען צו לויפן צו דאָדיען מיטן יאָמער.

---

* שכיב־מרע — אַ קראַנקער אויפן טויטן בעט

דאָדיע האָט מבולבל אַרויסגעכאַפּט אויף זיך דאָס וואָכעדיקע קאָרטענע כאַלאַט, זיך איינגעקנאָרטשעט, איז איינגעשרומפּן געוואָרן, און אוועק מיט גע־איילטע טריט. אסתּריקע האָט געדענקט, אַז דער לערער האָט געהייסן זיך לאַנג נישט זאַמען, אָבער אין דעם פֿאַל איז זי נאָכגעגאַנגען דעם טאַטן.

אַריינגעקומען צום פּעטער שאַמען אין שטוב, האָט דער טאַטע געקוקט גלייך פֿאַר זיך און ווי קיינעם נישט געזען. ער איז צוגעגאַנגען צום זיידנס בעט און זיך איינגעבויגן איבערן גוסס. אסתּריקע איז געשטאַנען ביים צוקאָפּנס און געהערט, ווי דער טאַטע האָט אים געשעפּטשעט אין אויער:

— כ'האָב גאָרנישט געוווּסט, טאַטע, אַז... ס'האַלט שוין אַזוי... ווייט... בין איך נישט אַריינגעקומען... זיי מוחל.

דער זיידע האָט פֿאַמעלעך אויפֿגעעפֿנט די וויעס, און ווי אַ שאָטן פֿון אַ בלאַסן שמייכל האָט אַ בלאָנדזשע געטאָן איבער זיין געלבלעך פּנים מיט די ישי־טערע ווייסע האָר פֿון זיין בערדל. זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, און ס'האָט פֿון אים אַרויסגעשטאַמלט:

— דאָ... דיע... מיין בכור... איך... איך... המם... דיין מאַמע...

עמעצער פֿון די פֿרעמדע איז צוגעגאַנגען, זיך איינגעבויגן, אויפֿצוכאַפּן אַ וואָרט.

— דו ווילסט עפּעס, טאַטע? ווילסט עפּעס? — האָט די מומע יאָכוועד כלומרשט נישט ווילנדיק אָפּגעשטופּט דעם טאַטן — זאָג וואָס, וועל איך דיר דערלאַנגען.

— דאָ... דאָ... דיע, — האָט נאָכאַמאָל אַרויסגעכאָרכלט דער גוסס, נאָר נישט דער טאַטע און נישט דער פֿרעמדער האָבן זיך נישט געקאָנט צובייגן צו אים, ווייל די מומע יאָכוועד איז געשטאַנען פֿאַר זיי ווי אַ צוים.

דער גוסס האָט זיך אַ קאָרטש געטאָן, געפּרוּווט זיך איבערדרייען, נאָר איז אומבאַהאָלפֿן געבליבן ליגן גלייך אויפֿן רוקן. די אויגן האָבן זיך אים, ווי רע־דער, אַ דריי געטאָן און זענען שטיינגעבליבן נישט געשלאָסן. זיין רעכטע האַנט האָט אַ פֿאַל געטאָן מיט אָפֿענער דלאָניע צום טאַטנס אַ קני און געבליבן הענגען פֿאַרגליווערט פֿונעם ראַנד פֿון בעט אַראָפּ.

— דערלאַנגט אַ פֿעדער... — האָט עמעץ געזאָגט — „ברוך דיין אמת!“

ס'האָט אויסגעבראָכן אַ יאָמער. מ'האָט זיך גענומען גרייטן צו דער לוויה.

מ'איז געלאָפֿן געבן אַ טעלעגראַמע צום פֿעטער שאַמע, וועלכער איז געווען מיט פֿערלען אין אָטוואָצק. נאָר דאָדיע האָט זיך איינגעשפּאַרט: ער וויל נישט, מע זאָל וואַרטן מיט דער לוויה אויפֿן איידעם:

— איך בין אַ זון. איך בין דער בכור! איך וויל אַזוי.

ער האָט דאָס געזאָגט שטיל, נאָר הייס, און האָט זיינס אויסגעפֿירט.

אומגעקערט זיך פון דעם זיידן גרשונס לוויה און געזעצט זיך אויפן נידריקן קעסטעלע, וואָס דאָס ווייב האָט אים אונטערגעשטעלט, שבעה צו זיצן, האָט דאָריע שטיל און פאַרביסן אַ שעפּטשע געטאָן, ווי געצישעט, צו שימקען, וואָס איז אים גראָד פאַר די אויגן געקומען:

— דו הערסט? מעג שוין זייער מויד צוריקקומען אַ געזונטע, ווי אַ קו, וואָס שטייט אין דער דאָלצקער כראַביניעס אָבאָרעס אויף דער בריי — וועסטו זייער איידעם נישט זיין! אַכיבע וועסט זיך פון דיין טאַטן אָפּזאָגן.

שימקע, וואָס האָט שוין געטראַכט גאָר וועגן אַ תכלית מיט פריידקע זרח דעם שוואַרצנס, האָט אָפּגעמאָסטן דעם טאַטן מיט אַן אומפאַרשטייענדיקן בליק, אַ באַוועג געטאָן מיט די ליפּן און גאָרנישט געזאָגט, ווי ער וואָלט אָפּגעלייגט זיין ענטפער אויף אַ צווייט מאָל.

קאַפּיטל איין און זעכציק

אין טויט פאַרגעסט מען

אויפֿן צווייטן טאָג, פֿאַרנאַכט, איז שאַמע געקומען צו פֿאָרן פֿון אָטוואָצק, און איז צופֿרידן געווען, וואָס ס'איז שוין, אַ דאַנק גאָט, „נאָך אַלעמען“: ער איז נישט געקומען אַליין, ווי מע וואָלט זיך געקאָנט ריכטן, נאָר מיט דער קראַנקער פּערלען — מער האָט נישט געפֿעלט, נאָר אַז פּערל, דאָס קינד, זאָל טרעפֿן אין שטוב אַריין צום סאַמע קלאָגעריי.

פֿאַרוואָס טאַקע האָט שאַמע שמש צוריקגעבראַכט פּערלען פֿון אָטוואָצק? ווען דעם האָט מען זיך דערוווסט ביי דאָריען פֿון יונה סעוועריוק, ווען ער איז געקומען מיטן ווייב אים מנחם־אָבל זיין. ער האָט דאָס מאָל נישט גערעדט קיין גראָבע רייד און זיך נישט געחכמעט. ער האָט פּשוט דערציילט:

— פֿאַר די לעצטע פֿאַר יאָר איז די פּרנסה ביי שאַמע שמש געשלאָגן געוואָרן. דאָס שמשעריי טראָגט איין וואָס ווייטער אַלץ ווייניקער. דער עולם איז ווייניקער פֿרום, און דאָס יונגוואַרג, ווען נאָר סע קען, דרייט זיך עס אַרום פֿון צו גיין אין בית־מדרש אַריין. די בודקע מיט סאָדע־וואַסער און זיסקייטן האָבן זיי אַליין פֿאַרלאָזן — מע דאַרף אָפּהיטן די קראַנקע. נישטאָ ווער סע זאָל אין דער בודקע זיצן. און אויך דאָס בעקעריי טראָגט נישט איין דאָס, וואָס די ערשטע צייט: עולם איילט זיך נישט צו קויפֿן געבעקס אין אַ שטוב, וו ס'איז דאָ אַ קראַנקער אויף אַ לונג־פֿעלער. האָבן זיי זיך ביסלעכווייז אויסגעביטלט. נסים, סע שיקן נאָך עטלעכע האָלאַר די אַמעריקאַנער פֿעטערס. נו, האָט ער פּשוט נישט געקאָנט לאַנג זיצן מיטן מיידל אין אָטוואָצק — האָרט פֿליען די צענערלעך, ווי פֿאַלאָווע, און זיצן וואָלט ער דאַרפֿן זיצן מיט איר לאַנג...

נאָך דער שבעה איז יאָכוועד אַרויסגעפֿאָרן מיט דער קראַנקער פּערלען אין דעם סאָסנאָווו וועלדל לעם דאָרף קאָלטשין און אָפּגעזיצן מיט איר לאַנגע וואָכן. אָבער גריסן האָט מען פֿון איר אָפּגענומען טרויעריקע: מע גיסט אין איר אַריין מילך, פּוטער און אייער, וויפֿל נאָר סע לאָזט זיך, בגנבה נאַרט מען אַריין אין

איר אויך אַ ביסל חזיר־שמאַלץ, נאָר גיי מאַד — אַז קיין זאַך גייט איר נישט אַין לייב אַריין. סע קאָכט נישט ביי איר דער מאָגן, און אַלדאָס גוטס גייט אַוועק אין ניוועץ. זי גיט עס גלייך אָפּ אויף צוריק.

אין שפּעטן הארבסט האָט מען פּערלען געבראַכט צוריק אַהיים. בלאַס און ווי דורכזעעוודיק, מיט אירע בלויע אויגן, וואָס האָבן געלויכטן פון פיבער, האָט זי אויסגעזען, פּערל, ווי אַ ליכט וואָס דערברענט. און איינמאָל אין אַ טריבן אינדערפרי, ווען דעה הימל איז געהאָנגען נידעריק איבערן שטעטל, ווי אַ דורכגעווייקטע פּלאַכטע, און דאָס שטעטל האָט זיך געטוליעט און זיך אַריין, אַ שטוב צו אַ שטוב, פון רעגנדיקער קעלט — האָט זיך פּערלען געמאַכט אַ בלוט־אויסגאָס.

אין אַ שעה אַרום האָבן שוין געברענט ליכט מיט אַ שוואַרצן טרויעריקן ריס אַרום איר צוקאָפּנס אויף דער הוילער פּאָדלאָגע, און שאַמעס שטוב האָט געיאָמערט אין נאַסן איינגעשרומפּענעם דרויסן אַרויס.

— אַזאַ יונג מיידל! — האָט באַדויערט דאָס שטעטל.

— ווי אַ רויז האָט זי דאָך געבליט פאַר דער קראַנקהייט!

איר טויט האָט אַלעמען אויפגערודערט. נישט געקוקט אויפן ווינטן וועטער, אויפן ווינט, וואָס האָט אָנגעהויבן ציען דורך די גאַסן און געסלעך מיט אַ געוואָי, געפּאַטשט מיט פאַררעגנטע און פאַרבלאָטיקטע פּאָלעס, האָט פּערל שאַמעס שמיש געהאַט אַ גרויסע געדיכטע לוויה.

נאָר גראָד אסתרקע האָט די לוויה פאַרשפּעטיקט: דער אומגליק מיט פּערלען איז געשען, ווען זי איז שוין געווען אין שול. צוליבן שלעכטן וועטער זענען די קינדער נישט אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן, און ס׳איז נישט געווען ווער סע זאָל דאָס ברייען אַהער אַריינברענגען. די טירן און פענצטער זענען געווען פאַרמאַכט אַפילו בעת די פויזעס, און דער פרייודיקער רויש פון די קינדער האָט פאַרשלונגען דאָס געוויין פון דער לוויה אַהין און צוריק פון בית־מדרש, פאַרבייגייענדיק די שול.

ערשט ווען אסתרקע איז פון שול אַהיימגעגאַנגען, האָט אין זייער געסל אויף איר אַ פליץ געטאָן דער מומע יהודיתעס צעוויינטיקט געוויין פון איר שטוב אַרויס. זי איז איילִיק אַריין אַהיים געוויר ווערן, וואָס דאָרט איז געשען. איז איר דורך דער הינטערשטער טיר אַנטקעגנגעקומען דער ברודער שימקע, און פון זיין פּנים האָט זי אַראָפּגעלייענט, אַז פּערל איז געשטאָרבן. אַזוי ווי ער גייט און שטייט, אינעם אָנטועכץ, מיט די פאַרבלאָטיקטע שטיוול, האָט ער זיך געטאָן אַ וואַלגער אַריין אין אַ בעט, און זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט.

ס׳איז אַריינגעקומען די מאַמע און אַ זאָג געטאָן:

— ער איז געווען צווישן די נושאים, שימקע.

— אַז דאָס גליק איז נישט באַשערט —

ליגט מען עם אַליין אין דרערד...

שימקע האָט זיך שלוכצענדיק צעכליפּעט. ווי נישט פּערלען, נאָר זיין פרײדקען, פרײדקע זרח דעם שוואַרצנס, וואָלט ער אַוועקגעטראָגן צום קבר.

אסתרקע איז אַרײַנגעלאָפן צו זיך אין צימער, אַ וואָרף געטאָן זיך אויף איר בעט, באַהאַלטן דעם קאָפּ אין די אָרעמס און זיך פאַרביטערט צעוויינט, ווי אַ שולדיקע אין אַ פאַרברעכן: „שימקע האָט פּערלען נישט פאַרגעסן... פאַרוואָס האָב איך זי די גאַנצע צייט פאַרגעסן? און איצט איז שוין אַפילו נישטאָ פאַר וועמען זיך אין האַרצן צו שלאָגן... אויף פּערלס שיינע אויגן ליגן שערבלעך“.

אסתרקע האָט לאַנג, לאַנג געוויינט. דערנאָך האָט זי זיך אָנגעהויבן איינהערן אין איר אייגן געוויין, וואָס איז באַנג אויסגעגאַנגען ערגעץ אין אַ פוסטן חלל, דאָרט ווו פּערל איז שוין מער נישטאָ. ביסלעכווייז האָט זיך איר וויינען איבערגעריסן, אַלעמאָל מיט גרעסערע הפסקות, ביז זי איז אינגאַנצן שטיל געבליבן. ס'האָט איר אָנגעהויבן צו הונגערן, נאָר עסן האָט זי נישט געקאָנט; ווי אַ שטיין וואָלט איר געלעגן אין דער ברוסט און דערגרייכט ביז צום האַלדז.

זי איז אַרײַנגעגאַנגען צוריק אין שטוב. ס'איז איר זייער שווער געווען צו זיין איצט אַליין. ווען עמעצער פון שול וואָלט צו איר אַרײַנגעקומען!

און שימקע איז אַזוי אָפּגעלעגן דעם גאַנצן טאָג אָן עסן און אָן טרינקען. ערשט ווען דאָדיע איז פאַרנאַכט אַהיימגעקומען, און מ'האָט אָנגעצונדן אַ לאָמפּ, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים אין שטוב אַריין און אַ זאָג געטאָן צום טאַטן מיט אַ פינצטער פּנים:

— זעסט, טאַטע, איכל שוין פאַרשפּאָרן אָפּזאָגן זיך... איך... איכל שוין דעם פעטער שאַמעס איידעם נישט זיין. וואָס איז זי שולדיק געווען?

הײַנטיקס מאָל האָט אים דער טאַטע נישט מער ווי אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן און אַ זאָג געטאָן:

— דער קרבן אליין איז קיינמאָל נישט שולדיק. דער קבר האָט געמעגט צונעמען שטאָט איר — איר מאַמען.

אין שטוב איז שטיינגעבליבן אַ קבר־שטילקייט.

נאָר אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען ס'האָט אסתרקען אויפגעוועקט דער געדאַנק, אַז זי דאַרף גיין אין שול אַריין, איז שוין אין שטוב ווידער געשטאַנען איינער פון אַ סך געוויינלעכע וואָכעדיקע טעג. שימקע איז שוין אויך אוודאי אַוועק צוזאַמען מיט די איבעריקע ברידער אין קוזניע אַריין: נאָך אַ מיידל, וואָס מע האָט ליב, זיצט מען נישט קיין שבעה.

אסתרקע האָט זיך אייל ק אָנגעטאָן, זיך ארומגעוואַשן אוז, אָן אָפּעטיט עפּעס אָפּגעגעסן, אַוועק אין שול.

דערנאָך האָט זי לאַנגע חדשים נישט אַריבערגעטרעטן דעם פעטער שאַמעס שוועל. זי פלעגט אַפילו אויסמיידן פאַרבייצוגיין זייער שטוב. ס'איז געווען סיי

עפּעס א געפיל פון שעמעוודיקייט, סיי א געפיל פון שולד: וואָס איר טאטע האָט זיי פיינט; וואָס איר שוועסטער, הבוחה, האָט חתונה געהאט און האָט שוין אפילו א יינגעלע דאָרט אין ניסכיזש; וואָס זי אליין לעבט; וואָס איר ברודער שימקע, וועלכער וואָלט באַדאַרפט זיין פערלס מאַן, גייט טאָג ביי טאָג, ווי תמיד, אין קוזניע אריין, און די לעצטע צייט האָט ער ווידער אָנגעהויבן גיין מיט פרייד־קע יזרח דעם שוואַרצנס.

צום סוף האָט די שול מיט איר לעבן און פרייד אינגאנצן ארויסגעשטויסן פון אסתרקעס געמיט דעם טרויער.

קאַפּיטל צוויי און זעכציק

שימקע „בעל־תכלית" פאַרהערט זיך מיטן טאַטן

מיטאָמאָל האָט מען זיך בײַ דאָדיע קאָוואַל אין שטוב אַרומגעקוקט, אַז שימקע „בעל־תכלית" האָט זיך אויסגעטשוכעט פון זײַן פאַרשוויגנקייט. האָט זיך אָנגעהויבן פּוצן מיט אַלעמאָל אַ נײַעם קאָלנער און שניפּס אום שבת. האָט פאַרשמעקט די שטוב מיט שאַרף שמעקנדיקן זייף. דאָס האָט באַשטעטיקט עפּעס, וואָס באַלײַטן האָט מען שוין וועגן דעם לענגער געשמועסט — שימקע דאָדיע קאָוואַלס האָט זיך שוין געטרייסט נאָך שאַמע שמש מיידל. האָט זיך ווידער „זאַנאַדיעט" צו זרח דעם שוואַרצן אין שטוב, ווי אַ קאָטער, און זיצט דאָרט אָפּ אין דערוואָכן — גאַנצע שעהען, אום שבת — דעם גאַנצן מעת־לעת כמעט.

— זרח דעם שוואַרצנס מויד האָט פון הינטערן אויוון אַרויס מיטאַמאָל אויסגעשאָסן, — האָט געזאָגט יונה סעווערייוק — אַ מויד, ווי אַ טאָק. האָט ער געטאָן, שימקע, ווי אין פּסוק שטייט: „עין תחת עין" — אַ מויד פאַר אַ מויד, אַ לעבעדיקע פאַר אַ טויטע.

ס'איז שווער געווען צו זאָגן, וועלכע פון די מיידלעך האָט מער געקענט אויסנעמען מיט איר שיינקייט — צי פריידקע זרח דעם שוואַרצנס, צי פערל שאַמע שמשס, ווען זי וואָלט געלעבט און געזונט געווען. איין זאַך איז קלאָר, אַז יענע, עליה השלום, איז געווען פײַן זייער און די — גראָב געוואַנט.

— אָט די טאַקע איז פאַר שימקע דאָדיע קאָוואַלס אַ שידוך, ווי אָנגעמאָסטן, — האָבן געפּסקנט לײַט.

דאָדיען אָבער האָט דער דאָזיקער שידוך ווייניק וואָס געשמעקט. ערשטנס איז ער, דער שידוך, פון הי... אַ חתונה געהאַטער זון אין זעלבן שטעטל איז אַ גרויסער קאָנקורענט. צווייטנס, פּאַסט אים גלאַט נישט דער שידוך: זרח דער שוואַרצער איז דער לעצטער סטעלמאַך אין שטעטל, אַ קבצן מיט רוקעס, וווהין שטופּט ער זיך? ווי האָט ער גאָר די העזה צו וועלן האָבן אים, דאָדיע קאָוואַל, פאַר אַ מחותן!

און איינמאָל האָט דאָדיע אַ זאָג געטאָן שימקען מיטן האָרבן וואָרט, אַז ער פאַרוועהרט אים צו גיין צו זרח דעם שוואַרצנס „מויד“:

— אַ שוואַרץ יאָר וועסטו זיך פון מיר אויסריכטן!

גאָר שימקע האָט זיך, בגנבה פאַרן טאַטן, געטאָן זיינס. אויפן טאַטנס אָפטע פרעגן:

— וווּ ביסטו עס געוועז, „בן“ מיינער? — פלעגט זיך שימקע אַרויסדרייען מיט אַלערליי תירוצים — ער איז געווען דאָ, דאָרט. בקיצור — אומעטום, נאָר נישט דאָרט, ווו דער טאַטע איז אים חושד. נאָר איינמאָל, ווען דער תירוץ איז אים שווער אָנגעקומען, און דער צונג האָט זיך אים פאַרדרייט, האָט ער זיך אָנגעצונדן מיט אַ פאַרבאָרגן פייערל, אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד און אַ מרוטשע געטאָן:

— דאָרט, ווו ס׳האָט זיך מיר פאַרגלוסט. איך דאַרף עפּעס ביי עמעצן פרעגן אַ דעה?

אַזעלכע עזות־פּנימדיקע רייד האָט נאָך דאָדיע פון קיינעם פון די „בנים“ קיינמאָל נישט געהערט. איציק, אַז ער ענטפערט צוריק, מאַכט ער עס איידל, רעדט ער כאָטש אין נאָמען פון יושר, פון גערעכטיקייט. דאָס איז געווען מרידה. אַלע און אַלץ אין שטוב איז געבליבן שטיין אין פאַרגליווערטער שטילקייט אין דערוואַרטונג אויף אַ שטורעם. אָבער דאָדיע האָט כלומרשט ווי נישט דערהערט די רייד. האָט זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט, און איז אַרויס־געגאַנגען. מינציע, וואָס האָט זיך אין שרעק „פאַר די דונערן און בליצן“ געכאַפּט פאַרן האַרצן, האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט פון דער ברוסט, אָפּגעזיפצט און אַ זאָג געטאָן:

— אַ דאַנק דיר, רבונו־של־עולם.

דאָדיע האָט זיך אין איין אויגנבליק געמאַכט אַזאַ חשבון: ער זאָל די חוצפּה אָפּקומען מיט שיהי־פּיהי, דער בן־סורר־ומורה, טויג נישט... ער זאָל אים ווידער באַצאָלן אַזוי ווי ער האָט זיך עס פאַרדינט, דאַרף ער אים אַזוי אַריינלייגן, סע זאָל אים פאַרגיין אין דער זיבעטער ריפּ, און ער זאָל כאָטש אויף אַ וואָך דאַרפן זיך אַריינלייגן אין בעט אויסצוריען די צעלאָמעטע ביינער — און היינט איז דאָך ער, שימקע, זיין רעכטע האַנט אין קוזניע, ווער וועט אים פאַרטרעטן?.... און ווידער — אויב דאָס קאָן אַזוי רעדן, הייסט עס, אַז טאַקע אַנדערע צייטן זענען אָנגעקומען... מע מוז זיין געהיטער אַ ביסל מיט די הענט. גלייכער זיך מאַכן נישט־דערהערנדיק, און זאָל ער זיך ווייטער שרעקן.

דאָדיע האָט זיך באַלד אומגעקערט און אַ זאָג געטאָן בלויז:

— געדענק, שימקע — דו שפּילסט זיך מיט פייער!

שימקע איז טאַקע געוואָרן פאַרזיכטיקער, און אויך דאָדיע האָט אַ סך מאָל פאַרקוקט, ווען שימקע איז אויף גאַנצע שעהען נעלם געוואָרן פון שטוב.

דערווייל איז דאַדיען צוגעקומען אַ גאַר שפּאָגל־נייע זאָרג, וואָס האָט אים געמאַכט פאַרגעסן אין שימקען מיט זיינע „געשעפטן מיט דער מויד": עפּעס האָבן אויפגעהערט צו שטימען די חשבונות! ווו קומט עס אים אַהין די סחורה? וואָלט זי באַשטאַנען פון נאַשוואַרג, וואָלט ער געטראַכט — די „בנים" צעלאַפּ־כענען, נאַשן אויף. וואָלט זי באַשטאַנען פון שפּייז, פון שניט־סחורה אַפילו, וואָלט ער געקאָנט טראַכטן, אַז מחנות מייז האָבן זיך אין קוזניע אַריין „זאַנאַדיעט", אָבער אייזן?! ווו קומט אַהין דאָס אייזן? ווען „דער מאַדיאַר" ברענגט צו פירן פון לודמיר די סחורה, איז ער אַליין דאָ, דאַדיע, דאָ דערביי און זעט, אַז ס'פעלט נישט גאָרנישט.

— איז ווו־זשע, צון אַלדי כאָליערעס, קומט מיר אַהין דאָס אייזן?! — קראַצט זיך דאַדיע אין דער פּאַטילניצע. — סיידן שדים און רוחות קומען ביינאַכט אין מיין פאַרשלאָסענער קוזניע אַריין. און דער הונט דאַרט פאַרוואָס שווייגט?

דעם שלאָס האָט ער אַליין געמאַכט. און קיינער וועט קיין נאָכשליסל נישט קאָנען נאָכמאַכן, סיידן ער זאָל האָבן דעם שליסל פאַר אַ מוסטער. און דער שליסל איז דאָך שטענדיק ביי אים! און אַ גנב, אַז ער גנבעט שוין, טוט ער דאָך עס מיט איין קלאַפּ. אַ גנבה דערקאָנט מען גלייך. און דאָ באַמערקט מען גאָר־נישט, ווי די סחורה קומט דיר אַוועק און — זי איז פאָרט נישטאָ.

שוין דריי מאָל האָט דער לערער בעקערמאַן אַרויסגעפירט דעם חשבון, און אויך איציק, און אַלעמאָל קומט אַרויס דאָס זעלבע: סע פעלט אייזן.

ס'איז פאַר אַלע אַ רעטעניש. צי וואָלט נישט קיין פלאַן געווען, אַז עמעצער זאָל בלייבן נעכטיקן אין קוזניע? און אַז אומהיימלעכקייט בלייבט גליוועדן אין שטוב: טאָמער טאַקע שדים און רוחות?...

— שדים און רוחות דאַרף מען זוכן צווישן מענטשן, — זאָגט איציק.

צעטרייבט דער לערער בעקערמאַן די מרה־שחורה מיט אַ געלעכטער:

— און זאָלץ זאָלט איר אויך מיטגעבן אין קוזניע אַריין — טאָמער וועט דער רוח ווען אַנטלויפן, זאָל מען אים אָנשיטן אַ ביסל זאַלץ אויפן ווידל...

ווערט שימקע מוטיקער, און רופט זיך פרייוויליק אוים דאָס צו טאָן. נאָר אים מאַכט דער טאַטע גלייך אַוועק מיט דער האַנט:

— וועסט אָפּלאָזן דעם הונט פון דער קייט, וועט ער גאַנצע נעכט ליגן מיט אַן אויסגעסאָלאָפּעטער צונג ביי דער יאַטקע...

אַלע פאַרשטייען דעם פירוש: ער וועט שלאָפן ביי זרח דעם שוואַרצנס מויד.

— מירן נאָך זעען, — זאָגט דאַדיע, און טיף אין זיינע אויגן ברענען פיי־ערלעך.

— סע פעלן מיר נישט קיין אויסריידן, — טוט שימקע אַ וואָרטשע — ווהין איך וויל, גיי איך סיווי.

דאָדיע לאָזט עס פאַרביי די אויערן.

וואָס ווייטער, אַ חודש נאָך אַ חודש, אַליין האָפּעררדיקער און שטאַרקער איז ער בײַ זיך געוואָרן, שימקע „בעל־תכלית“. ער היט זיך שוין גאָרנישט פאַרן טאַטן. קוים איז ער נאָר פריי פון דער אַרבעט, פוצט ער זיך אויס, הייבט זיך אויף און גייט אַרויס „שפּאַצירן“. אין דאָדיען קאָכן די געבליטן. מע דערקאָנט עס אויף זיין פנים, וואָס קרימט זיך פון ווייטיק און צאָרן. פונדעסטוועגן שווייגט ער.

— כ'האָב עס אין דרערד! — האָט ער איינמאָל געדעדט צום לערער בעקערמאַן הינטער פיר אויגן. — דער „בן“ וועט זיך „אָנטישען“ מיט דער מויד, וועט ער זיך אַליין אַרומקוקן, אַז סע לוינט אים נישט דער שידוך, אַז ס'איז פאַר אים קיין תכלית נישט — דער מחותן איז אָרעם ווי די נאַכט. שוין אָפּגערעדט פון געבן נדן דער כלה־מויד, אַפילו געבן איר אָפּצופרעסן צו דער זעט האָט ער אויך נישט. המם... און נאָך אַ זאַך — אַז דער יונג איז אַזוי „להור“ (להוט) — איידער ער זאָל קריכן צו דער דינסט אין קיך, איז שוין גלייכער, זאָל ער האָבן צו טאָן מיט אַ יידישער מויד... וואָס? טאָמער וועט, חלילה, קומען צו עפּעס: וועל איך, דאָדיע קאָוואַל, ערשט אויפן רעכטן אמת אַ זאָג טאָן: לאָ מיט אַ ספּאָדיק! דעמלט וועלן מיר זיך פאַרהערן, און זעען ווער ס'איז שטאַרקער, איך, צי זרח דער שוואַרצער. דער בענאָק אַליין וועט מיר צוהעלפן — ער וועט נישט וועלן בענטשן אויף קיין פאַראַיאָריקן אתרוג...

אַזוי האָט דאָדיע קאָוואַל געגראָבן אַ גרוב פאַר פריידקע זרח דעם שוואַרצנס, וואָס איר איינציקער חטא איז געווען — זיין שימקע איז איר געפעלן געוואָרן.

קאַפּיטל דריי און זעכציק

אַ בן־סורר־ומורה

דאָס איז געווען אום ווינטער אין אַ זונטיק אינדערפֿרי. זונטיק פּלעגט ביי דאָדיען זיין אַ מנהג אַרויסצוגיין אין קוזניע אַריין שפּעטער פֿון די „בנים“. עפּנט זיך די טיר, און כע קומט אַריין פּעסיע חוה מיט אַן ערדענעם שאַרבן „נאָך אַ פּאָר לעבעדיקע קוילן“. דערציילט זי מינציען אין קיך שטאָט־נייעס. דאָדיע הערט זיך איין דורך דער אָפֿענער טיר:

— ...אין דער יידישער שול, וווּ מיינע יתומים לערנען און אייער אסתרקע לערנט, האָט מען נעכטן געפּראַוועט אַ... טיי־אָוונט רופֿן זיי עס אָן. די טישן סערווירט מיט כל־טוב: אַלערליי געבעקסן, צוקערקעס אין פּאַפּירלעך און אָן פּאַפּירלעך, און געצאַקערטע טיי. די עלעקטרע ברענט (ישראל לעווי האָט געלאָזט אַריינציען פֿון זיין פֿאַראָוועדער מיל), און פֿנימער שיינען. מע זינגט לידער, און מוזיק שפּילט, ווי אויף אַ חתונה...

— ווי איך בין אַהין געקומען? אַ שיינע מעשה! אייך האָט מען דען נישט פֿאַרבעטן?... אַן עוולה. געווען באַדאַרפֿט גיין.

— ....הערסט, יאָ. כ'האָב שיר נישט פֿאַרגעסן. אייער שימקע מיט פֿריידקע זרח דעם שוואַרצנס זענען דאָך דאָרט אויך געווען. ביידע האָבן זיי געשיינט, אָן עין־הרע, ווי די זונען. אייער אסתרקע איז דאָרטן אין דער שול ביי זיי אַ גאַנצע מיוחסת... איז וואָס זאָל איך אייך זאָגן, מינציע קרוין? אייער שימקע האָט געשיינט, ווי אַ חתן, און די כלה, פֿריידקע מיין איך, איז געווען אַזוי פֿאַרפּוצט, כאָטש טו איר אָן אַ וועלאָן און פֿיר זיי מיט דער מוזיקע צו דער חופּה... אַז ס'איז גאָרנישט צו פֿאַרשטיין, פֿונוואַנען דערנעמט זיך אַזעלעכס צו זרח דעם שוואַרצן. אַביבע ער האָט דאָס גרויסע געווינס אויסגענומען. זאָגן טאַקע ליט: דאָדיע קאָוואַל קאָן זיך אַליץ פֿאַרגינען...

דאָ האָט דאָדיע געטאָן אַ שפּרונג אונטער, ווי אַ קעסל פֿון היץ אויפֿגעריסן, און אַ געשריי געטאָן אין קיך אַריין:

— מײַן בן־סורר־ומורה איז אַ גנבֿ! און זי... דעם שוואַרצגס מויד — אַ נפֿקא!
המם... אָט דער דאָזיקער זשאַווער האָט עס די גאַנצע צײַט געפּרעסן מײַן אײַזן.

און גיך־גיך, אַ נישט געדאַווגטער און נישט געגעסענער, האָט ער זיך מיט צעשרויפֿטע גלידער אַ לאָז געטאָן אינדרויסן אַרויס.

— ווײ איז שוין צו מײַנע יאָרן! — האָט מינציע פֿאַרבראָכן די הענט און באַלד אָנגעכאַפּט זיך מיט זײ פֿאַרן קאָפּ. — אין דער קוזניע וועט זיך, חלילה, בלוט גיסן!

זי האָט גענומען אים נאָכלויפֿן, נאָר דערלאָפֿן איז זי בלויז ביז צו דער טיר — ס'האָט איר פֿאַרשפּאַרט דער אָטעם, זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און אײַנגעקלאַ־מערט אין פּעסיע חווהס שמאָלע אַקסלען נישט אומצופֿאַלן.

ס'קאָן זײַער גוט זײַן, אַז מינציעס בײזן נביאות וואָלט מקוים געוואָרן, ווען ס'וואָלט נישט פֿריער געווען פּאַסירן אַן אַנדער אומגליק:

מחמת גרויסער אויפֿרעגונג האָט זיך דאָדיע, גײענדיק באַרג־אַראָפּ צו דער קוזניע, אַ גליטש געטאָן און איז געשטרויכלט געוואָרן. דער רעכטער פֿוס האָט זיך אים אַזוי שטאַרק אַ דרײ געטאָן, אַז ער האָט פֿון ווייטיק אויפֿגעשריגן. ער איז אומגעפֿאַלן און געבליבן ליגן אויפֿן שנײ אַ פֿאַרחלשטער.

גראָד איז עזריאל „מיטן געבעך־פּנימל" געשטאַנען אינדרויסן און דערהערט דעם שוואָגערס און באַלעבאָס ווײגעשרײ. ער האָט מיט אַ גוואַלד אַרויסגערופֿן די „בנים". מ'איז צוגעלאָפֿן צום געפֿאַלענעם. מ'האָט אים אויפֿגעזעצט, געריבן די שלײפֿן מיט האַרטע שנײ־קײלעכלעך. דאָדיע האָט אַרויסגעלאָזן אַ קרעכץ און שוואַך געעפֿנט די אויגן. מ'האָט אים געפּרוווט אויפֿשטעלן, אָבער ער האָט זיך צוריק מיט אַ שמערצלעך געזיפֿצערײ אַראָפּגעזעצט. האָבן אָליעק דער גזלן מיט בושקע „בומאַזיע", ווי די געזונטסטע, געמאַכט אַ האַנט־בענקעלע, ווי פֿאַר אַ קינד, און איציק מיט נפֿתלציען האָבן אים אויפֿן בענקעלע אַרויפֿגעזעצט, פֿאַרוואָרפֿן זײַנע הענט אַרום די טרעגערס העלדזער, און אַזוי האָט מען אים אַ האַלב־פֿאַר־חלשטן אָפּגעטראָגן אַהיים.

צום ווינציקסטן האָט זיך אַרום דאָדיען געהאַוועט שימקע, ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געזאָגט, אַז ער איז געווען די סיבה פֿון טאַטנס אומגליק. ער אײנער איז פֿאַרבליבן אין דער קוזניע אַרבעטן.

דאָדיעס רעכטער פֿוס איז געווען אויסגעווײכנעט אין די קנעכל. אַזוי האָט געזאָגט דער דאָקטער. אויב מע האָט מורא צו פֿאַרלאָזן זיך אויף אים, קאָן מען פֿאָרן צו אַ דאָקטער קיין קאָוולע. אָבער אין שטעטל האַלט מען, אַז אין אַזאַ פֿאַל קאָן מען בכלל קײן דאָקטער נישט געטרויען. אויף דעם, ווייסט מען שוין פֿון אַ סך יאָרן, נאָך פֿון די צײַטן פֿונעם מגיד, איז דאָ דער „קאָשערער גוי", דאָס הייסט אַ פּויער פֿון דאָרף קאָשער, וואָס נישט ווייט פֿון קאָוולע. אַז דער „קאָשערער גוי" פּראָוועט אַרײַן אַ בײן, אַפֿילו אַן איבערגעבראָכענעם, איז דער ווייטיק גלײַך ווי

מיט דער האַנט צוגענומען. די חכמה פון אַריינפּראַוועון ביינער גייט ביי זיי איבער פון דור צו דור. ווער ווייסט, ביי וועלכן זיידן זייערן ס'האָט זיך אָנגעהויבן... מע זאָגט: אַ סברה, אַז זיי שטאַמען פון די מצרים, וואָס זענען געווען אַזעלכע גרויסע בריהס צו באַלזאַמירן טויטע... ווען דער „אַלטער קאָשערער גוי" האָט נאָך גע־לעבט, איז געווען גאָר גוט. נאָר היינט, נאָך דעם ווי דער „אַלטער" איז אין דער מלחמה געשטאָרבן, האָט מען שוין נישט צו זיין זון דעם פולן צוטרוי. ס'איז שוין נישט דאָס. יענער איז געגאַנגען אָנגעטאָן, ווי אַ פּראָסטער פויער, און האָט געטאָן בלויז אַזוי ווי זיין טאַטע האָט אים געלערנט. דער הייניטיקער אָבער פּוצט זיך שוין און האָט חשק, מע זאָל קוקן אויף אים ווי אויף אַ דאָקטער. ער באַרימט זיך טאַקע, אַז ער מאַכט עס בעסער פון זיין טאַטן און זיינע זיידעס, ווייל וואָס זיי האָבן געקענט, האָט ער איבערגענומען בירושה, און ביי אים איז נאָך דאָ אַ צולאָג דאָס וואָס ער שטודירט. ער לייגט אַריין אין דער זאַך אויך שכל.

— אָט דערפאַר טויג דאָך עס טאַקע אויף כפּרות! דאָ ליגט די גאַנצע קונץ אין דער לייכטקייט און געווינטקייט פון דער האַנט, וואָס טאַפּט אָן אין דער פינצטער דאָס צעבראָכענע אָרט, ווי אַ מאַגנעט וואָלט צוגעצויגן די פינגער.... דאָס טאַקע האָבן פאַרמאָגט זייגע זיידעס, און אויך נאָך זיין טאַטע. אָבער אַז ער, דער חכם, וויל פאַרקלייען די ביינער מיט זיין אייגענעם שכל, וואָס־זשע קאָן מען שוין פון זיין פויערישן שכל דערוואַרטן? משטיינסגעזאָגט! זיינע געהירן זענען אוודאי פון טיקווענע שמאַלץ.

— נאָר איר האָט אַן אַנדער ברירה? אַלץ בעסער פון אַ דאָקטער.

איז צוגעפאָרן צו דאָדיעס טיר „דער מאַדיאַר" מיט זיין פערד און שליטן, אויסגעבעט מיט אַ סך היי, און מינציע האָט אָפּגעפירט דעם מאַן קיין קאָשער.

דער „קאָשערער" האָט אויסגעפּייניקט דאָדיען, אויסגעפּייניקט, צוגענומען די פאָר צענטליק גילדן שכר־טרחה (געלט האָט ער טאַקע שכל צו נעמען נישט ערגער פון קיין דאָקטער אַ הויט־שינדער), און אים אָפּגעשיקט אַהיים מיט אַ פוס, אויפגעשוואָלן ווי אַ באַרג.

— ד אָ ס, דאָס געשווילעכץ הייסט עס, איז דער בעסטער סימן, — האָט ער פאַרזיכערט מינציען, — אַז מיין אַרבעט האָט געהאַט אַ פּעולה. אַלץ וועט זיין כשורה. דאָס געשווילעכץ וועט אַוועק ווי אַ בייזער חלום.

— אַלע בייזע און וויסטע חלומות זאָלן אויסגיין צו זיין קאָפּ!

דאָס געשווילעכץ טראַכט אַפילו נישט אָפּצוגיין. דאָדיע ליגט אין בעט מיט אַן אונטערגעלעגטן הויך־פאַרריסענעם פוס און קרעכצט ביטער. קוים טוט מען נישט געגרוויליק דעם מינדסטן באַוועג דאָס בעט, שרייט ער אַזוי ווייטיקלעך אויף, אַז סע טוט אַ ריס פאַרן הארצן.

— דער „קאָשערער" איז נישט קיין כשרער, ער איז אַ טרייפענער, — האָט מען נאָכגעזאָגט די חכמה פון דעם דיינם ליטווישן איידעם.

פון טאָג אויף טאָג איז דאָדיעס מצב ערגער געוואָרן. מ'האָט עס אָנגעזען אויף זיין פנים, ווי אַ לאַמטערן, וואָס דאָס פייער אין אים ריסט, און ער ווערט וואָס ווייטער אַלץ פאַרריסטער. ער זאָל, חלילה, אינגאַנצן נישט פאַרריסט ווערן!

באין־ברירה האָט מען זיך געמוזט איבערבעטן מיטן דאָקטער. האָט ער זיך צעשריגן: צוליבן געשווילעכץ קאָן ער נישט אָנטאַפּן דעם ביין. איצט מוז מען שוין פאָרן קיין וואַרשע. דאָרט וועט מען אַריינקוקן אין פוס מיט רענטגען.

מינציע האָט געיאָמערט. אסתרקע האָט שטיל געוויינט. די „בנים" האָבן געמרוטשעט אומקלאָרע ווערטער, אָדער געשטומט. בלויז איין איציק האָט דרייסט, כאָטש שטיל, געזאָגט פריער אין שטוב אַריין:

— ס'איז נישט קיין יושר צו לאָזן אַפילו אַ פרעמדן מענטשן אַזוי זיך פּייניקן, ביז גאָט וועט העלפן, המם...

דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט צום טאַטן אַליין:

— טאַטע... זאָג דער מאַמען, ווו דו האָסט געלט... און זאָל מען דיך פירן קיין וואַרשע...

נאָר דאָדיע האָט בלויז געענטפערט מיט אַ בייז קרעכצן, און ס'איז נישט באַשלאָסן געוואָרן, וואָס צו טאָן, כאָטש אַלע האָבן געזען, אַז ס'איז שלעכט. דער בעסטער סימן: ער כאַפּט זיך אַפילו מיט קיין וואָרט נישט אַרויס וועגן דעם „בן־סורר־ומורה"....

קאַפּיטל פיר און זעכציק

דעם קראַנקנס האַרץ איז האַרט ווי שטיין

אויפֿן צווייטן טאָג אינדערפֿרי האָט איציק אַרייַנגעבראַכט דעם פֿעטער שאַמע. האָס אַליין איז שוין געווען אין אַנזאָג, און איבער דער שטוב האָט געהאַנגען אַ שוואַרצער וואָלקן: די גאַנצע צייט פֿון דעם טאַטנס ליגן האָט ער דאָך נישט געוואָלט אַריבערטרעטן זייער שוועל. שאַמע האָט מבֿינותדיק אַ קוק געטאָן דעם קראַנקן אין פּנים, נאָכדענקענדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, זיך אויסגעגלייכט און אַ זאָג געטאָן מיטן טאָן פֿון „בפּקודת הדיין" הערשעריש:

— וואָס שווייגט איר, היצליעס?! איר זעט נישט, אַז דער טאַטע איז, חלילה, געפּערלעך?! מע דאַרף אים ראַטעווען, צי ניין?! נו, נישט געטראַכט. שלאָגט צונויף אַ ביסל געלט, און מ'עט אָפּפֿירן דעם חולה קיין לעמבעריק. איכל אים אָוועקפֿירן.

— מינציע, — האָט דאָדיע אַ קרעכץ געטאָן, און ווען זי איז צוגעקומען, איינגערוימט איר עפּעס אין אויער, מסתּם, וווּ ס'ליגט נאָך אַ ביסל געלט, און פֿאַרענדיקט הויך — און דו, מינציע, פֿאָר אויך מיט...

— גוט, דאָדיע, — האָט דער שוואָגער אַ זאָג געטאָן — ס'וועט מיט גאָטס הילף גוט זיין.

אין אַ שעה אַרום איז אויפֿן שאָסיי קעגן דאָדיעס שטוב געשטאַנען עוזר באַלעגאָלע מיטן פֿערד און שליטן, אויף וועלכן ס'האָבן באַדאַרפֿט אויפֿזיצן מינציע און שאַמע. אין געסל איז געשטאַנען „דעם מאַדיאַרס" פֿערד און שליטן, אויסגעבעטן מיט אַ סך בעטגעוואַנט, אין וועלכן דאָדיע איז געלעגן ווי באַהאַלטן. אַרום שליטן, וואָס פֿון זיין צוקאָפּנס האָט זיך אַרויסגעשוואַרצט דאָדיעס פּנים מיט געשלאָסענע אויגן, איז געשטאַנען אַ געזעמל ווייבער: די באָבע ליבע חיה; די באָבע רייזיע, אָנגעלענט אויף איר שטעקן, מיט דער מומע יאָכוועד; די מומע יהודית; מינציעס שוועגערין טעמע „די רביצן", כאָטש אַליין אַ קראַנקע; די מומע לאה; ראָסיע, דער שוועסטער דבֿורהס שוועגערין; די שכנה פּעסיע חווה

און נאָך און נאָך. צווישן זיי האָט זיך געשטיקט אַ געסודעריי און אַ געיאָמער... ווער ווייסט? אפשר זעט מען איצט דאָדיען צום לעצטן מאָל. און זיין פּנים איז אַזוי חושך! ווי צו די יאָרן!

שאַמע האָט געהאַלטן און איין אונטעריאָגן. זיין אָנבליק איז געווען ערנסט און פייערלעך, ווי בעתן פּראַווען אַ ברית־מילה:

— נו, געזעגנט זיך, חברה, מיטן טאַטן.

די „בנים" האָבן אַריינגעשטופּט דעם טאַטן די ראַציקע הענט, זיך געזעגנט מיט אים מיט אַ געברום, אָן קלאָרע רייד. האָבן עפּעס ווי געפּינטלט מיט די אויגן, און ס'וואָלט שווער געווען צו זאָגן, צי קלייבן זיי זיך צו וויינען אויף אַן אמת, צי מאַכן זיי אָנשטעל פֿאַר לייטן. דאָדיע ווידער האָט געלאָזט אָננעמען זיין האַנט, געצוקט מיט די ליפּן, אָבער נישט אויפֿגעעפֿנט די אויגן.

נאָר איציקס האַנט האָט דער קראַנקער פֿאַרהאַלטן לענגער. איציק, אַ בלאַסער, נאָר מיט אַנטשלאָסנקייט אין פּנים, ווי מיט פֿאַרקלעמטע ציין, האָט נישט צעעפֿנט די ליפּן אַ וואָרט צו זאָגן: האָט ע ר דאָך געבראַכט צו פֿירן דעם פֿעטער שאַמע, כאָטש דער טאַטע האָט עס אים נישט באַפֿוילן!... אפשר שטויסט ער זיך אָן, דער טאַטע?... וויל ער אים פֿירהאַלטן, צי אפשר גאָר דאַנקען?...

אויך אסתרקע איז צוגעגאַנגען און אָנגענומען דעם טאַטנס האַנט. זי האָט אים אַריינגעשעפּטשעט אין אויער:

— קום, טאַטע, געזונטערהייט צו פֿאָרן...

ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער האָט אַן אויגנבליק אויף איר אַ קוק געטאָן. זי האָט געפֿילט, ווי זיינע פֿינגער האָבן ביינעדיק און לייכט אַ דריק געטאָן אירע.

— גיכער, גיכער! — האָבן זי ווי אָפּגעשטופּט דעם פֿעטער שאַמעס ווערטער. — מע קאָן נאָך פֿאַרשפּעטיקן דעם באַן.

און שוין גאָר אין דער לעצטער מינוט איז שנעל צוגעקומען שימקע. נישט אַליין — הינטער אים איז שטיינגעבליבן מיט אַ בלאַס איבערגעשראָקן פּנים פֿריידקע זרח דעם שוואַרצנס. שימקע האָט זיך אַריבערגעבויגן צום טאַטן, און מ'האָט דערהערט זיינע ווערטער:

— טאַטע! זיי מיר מוחל! קום געזונטערהייט צו פֿאָרן, טאַטע... און דאָ, — האָט ער צוגעבויגן צו אים זיין פֿריידקען — דאָ... איז אויך געקומען זיך מיט דיר געזעגענען מיין... דיין... מיין כּלה... גאָט וועט העלפֿן, וועסט זיך אומקערן געזונט...

פֿריידקע האָט אָנגענומען דעם קראַנקנס האַנט. איר פּנים איז געווען דערשראָקן. דאָדיע האָט ברייט געעפֿנט די אויגן און זי אָנגעקוקט מיט אַ ווייטן פֿרעמדן בליק. זיינע פֿינגער און איר האַנט האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעשפּרייט. ער האָט אַ קרעכץ געטאָן און צוריק פֿאַרשלאָסן די אויגן.

פרײדקע האָט זיך אַ ריס געטאָן אויף צוריק און זיך ביטער און באַלײדיקט פונאַנדערגעװײנט. איר געװײן האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן געװײן־אויסבראַך פון די װײבער, בעת דער שליטן האָט אין דעם מאָמענט אַ ריר געטאָן פון אָרט.

די „בנים“, אסתּרקע און אַלע אַרום זײַנען נאָכגעגאַנגען דעם שליטן פון געסל אַרױס.

שטײַנגעבליבן דאָ אויפן אָרט איז בלויז פרײדקע זרח דעם שוואַרצנס מיט איר אויסגײענדיק געװײן, און לעבן איר שימקע מיט צונויפגעפּרעסטע צײן, אַזש די קינבײנער האָבן זיך אים באַװעגט.

קאַפּיטל פינף און זעכציק

קאָנקורענץ

אויפן דריטן טאָג האָט זיך שאַמע אומגעקערט פון לעמבערג מיט דער פריי־לעכער ידיעה:

— דאַנקען גאָט. מ'האָט נאָך פאַרכאַפּט. די דאָקטוירים זאָגן, ער וועט זיין געזונט, אייער טאַטע. איך האָב זיי דאָרטן, דעם טאַטן מיט דער מאַמען, גוט איינגעאָרדנט. ער וועט נאָך אפילו אַרבעטן, דער טאַטע.

דערנאָך איז אַ פּאָר מאָל אָנגעקומען קאַרטלעך, געשריבן פון עמעצנס אַ פרעמדנס האַנט, אַז גאָט צו דאַנקען, אַלץ גייט כשורה. מע זאָל שיקן געלט. האָט איציק געשיקט.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום זענען דאָדיע מיטן ווייב געקומען צו פאָרן. מינציע איז געווען פאַרוועלקט, אַפּנים פון נעכט נישט דערשלאָפן, דאָדיע — בלאַס. ער האָט אַ ביסל אונטערגעהונקען. זיין פוס איז געווען אין אַ פראַטעז. אַלע אין שטוב האָבן אים באַטראַכט מיט רחמנות, נייגעריקייט און מיט פנימער אויפגעלויכטן פון פרייד: ער איז געזונט! נאָר צי איז ער דער אייגענער וואָס געווען? נפתּלציעס פנים האָט קוים־קוים טרייף אונטערגעשמייכלט: ער, נפתּלציע „דער קרומער הינט", איז שוין נישט דער איינציקער בעל־מום אין שטוב...

— טאַטע, אזוי וועסטו שוין שטענדיק אונטערהינקען? — האָט ער גע־פרעגט.

דאָדיע האָט אים נישט געענטפערט, אַרומגעקוקט זיך און געוואַרט. ס'האָט אים עפּעס געפעלט צום רומל.

— וווּ איז שימקע? — האָט ער ענדלעך אַ פרעג געטאָן. — וואָס? אים האָלט נישט געאַרט, אויב דער טאַטע וואָלט שוין נישט צוריקגעקומען?

ער האָט קיין תשובה נישט געקריגן. ס'איז אַריינגעקומען זייער שכנה פעסיע חווה.

— סקאַצל קומט, רב דאָדיע! זאָל זיין מיט הצלחה, מיינצעניו, איר זאָלט שוין מער פון קיין צער נישט וויסן. און איר זענט אין אָרנטלעכער מענטש, רב דאָדיע — אָפּגעבראַכט די קינדער דעם טאַטן. וואָס וואָלט געוואָרן פון דער שטוב אָן אייך.

— ווו איז שימקע? — האָט דאָדיע נאָכאַמאָל אַ פרעג געטאָן, און שוין מיט חידוש. — וואָס האָבן דאָ אַלע איינגענומען שטומעניש?!

ערשט פון פעסיע חווהן האָט ער זיך דערוווּסט, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן פאַר דער קורצער צייט, וואָס ער איז נישט הי געווען:

שימקע „בעל־תכלית" מיט עזריאלן, עזריאל „מיטן נעבעך־פּנימל", וואָס האָט אַלע יאָרן געאַרבעט אַלס געזעל ביי אים אין קוזניע, האָבן געקויפט די אַלטע קוזניע, וואָס פוסטעוועט פון דער מלחמה־צייט אָן, און דאַרטן אָנגע־הויבן אַרבעטן פאַר זיך... שימקע קומט אין שטוב נישט אריין. ער סטאָלעוועט זיך ביי זרח דעם שוואַרצן.

דאָדיעס בלאַס פּנים איז שוואַרץ געוואָרן, ווי בעת מע האָט אים אוועקגע־פירט. אַסתריקען האָט זיך געדאַכט, אַז זי זעט, ווי אַ גרויקייט שיט זיך אים אויס אויף זיין בערדל.

זיין אייביקע מורא, אַז עמעצער פון זיינע „בנים" זאָל אים נישט ווערן קיין קאָנקורענט, איז מקוים געוואָרן. ער האָט זיך שווער אונטערגעזעצט, אַראָפּגע־לאָזט די אויגן צום טיש און אין אים אַריינגערעדט:

— האָט ער יעם מיר טאַקע די גאַנצע צייט די בייגער צעטראָגן... געשלעפּט דאָס אייזן פון קוזניע, געשטאָפּט דעם שוואַרצנס שטוב מיט מיין שוויס און בלוט און געפּוצט זיין שיקסנאָ. אַ קללה אויף זיי! און ער, דער בן־סורר־ומורה, איז מיר מער נישט קיין זון! זאָל ער נאָך מיר קיין קדיש נישט זאָגן, אַז ער האָט מיר געירשנט לעבעדיקערהייט.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ מיט די אַראָפּגעלאָזטע אייגן, ווי ער וואָלט זוכן אויף דער פּאָדלאָגע דעם קבֿר, אין וועלכן שימקע האָט אים לעבעדיקערהייט באַגראָבן, האָט אים אויפגעהויבן, דעם קאָפּ, און אַ קוק געטאָן אויף די בני־בית מיט אַ זשאַריענדיקן בליק, ווי אַמאָל:

— נו, דערווייל לעב איך נאָך. מירן נאָך זען!

אין אַ וואָך אַרום האָט זיך דאָדיע געשטעלט אין קוזניע צו דער אַרבעט מיט גרוים פליים: מע דאַרף אָגיאָגן, וואָס מע האָט פאַרפעלט; מע דאַרף אַרבעטן פאַר שימקען מיט עזריאלן; מע דאַרף אַרויסקריכן פון די חובות, אין וועלכע דעם „בנס" גנבות און די אייגענע קראַנקהייט האָבן אַריינגעיאָגט... ער וועט אים נאָך ווייזן, דעם גנב, דעם רוצח, וועד עלטער איז!

און צווישן דעם טאַטן מיטן זון האָט זיך אָנגעהויבן אַ בלוטיק־פיינטלעכע קאָנקורענץ.

אַלע פֿיינטשאַפֿטן ביי האָדיען אין שטוב קעגן נישט־שונאים און שונאים האָבן זיך ערשט צונויפֿגעגאָסן אין איין שטאַרקן שטראָם פֿון האַס צו שימקע „בעל תכלית“ און זרח דעם שוואַרצנס מויד, וואָס:

— פֿאַרשוואַרצט זאָל שוין זייער מזל זיין, ווי אַ ליקוי־חמה!

נישט נאָר דאָדיע, נאָר אויך די „בנים“, דער עיקר נפֿתּליציע, האָבן געפּלאַ־טערט פֿון שנאה צו שימקען מיט זיין „טעלעצע“.

אַז אויסגאַס זענען געווען איציק און מינציע, וואָס פֿלעגט זיך אַראָפּרעדן איר „אומגליק“ פֿון האַרצן פֿאַר פּעסיע חווהן. פֿון ירעטווען זאָל מען זיך שוין היינט איבערבעטן און שרייבן תנאים. אַזוי איז מען דאָך שוין ווי די גזלנים געוואָרן איינער צום אַנדערן:

— ס'זאָל נאָר, חלילה־וחס, צו קיין בלוט־פֿאַרגיסונג נישט קומען.

אויך אסתּרקע האָט מיט שימקען קיין רוגז נישט געפֿירט, כאָטש זי האָט אין האַרצן געטראָגן אויף אים אַ פֿאַריבל פֿאַר פֿערל דעם פֿעטער שאַמעס. ער פֿלעגט זי אָפֿט פֿאַרבעטן צו זיך, דאָס הייסט צו זרח דעם שוואַרצן אין שטוב אַריין. אסתּרקע האָט גאַנץ גוט זיך אָנגעשטויסן, אַז ער טוט עס מיט דער כוונה אַרויסצוקריגן פֿון איר, וואָס ס'הערט זיך ביי זיי אין דער היים. פֿונדעסטוועגן פֿלעגט זי אַמאָל גיין צו זיי: וואָס סע וועט איר לויגנען, וועט זי רעדן, וואָס נישט — נישט.

זיין פֿריידקע פֿלעגט זי זייער פֿיין אויפֿנעמען, גלייך זי וואָלט נישט געוווּסט, אַז ביי זיי אין שטוב רופֿט מען זי „טעלעצע“ און מע שעלט זי מיט טויטע קללות. קיין חכמה איז זי טאַקע נישט געווען. אַ פּראָסט מיידל. נישט קיין שלעכטע. אַ שיינע איז זי. מיט וואָס פֿאַרדינט זיך שימקע אויף אַ בעסערער כּלה? פֿריידקע האָט אויף קיינעם פֿון זייער שטוב קיינמאָל קיין שלעכט וואָרט נישט אַרויסגערעדט. פֿאַר איר אין די אויגן האָט זי שימקען אויך נישט געלאָזט זיך צעפֿירן דאָס מויל. און אסתּרקע האָט זי אפֿילו אָנגעהויבן ליב קריגן.

שימקע אָבער — אויף וויפֿל אסתּרקע האָט זיך אָנגעשטויסן, בעת זי איז געווען ביי אים צו גאַסט, און אויף וויפֿל ס'איז צו איר דערגאַנגען דורך אַנדערע — איז דעם טאַטן און די בראַטאָקלעד קיין בעל־חוב אויף שנאה, זידלערייען און קללות נישט געבליבן.

ער האָט געהאַלטן אין איין ברעגען, שימקע — פֿון שנאה און אָנגעשטרענג־טער אַרבעט. פֿון דער אַרבעט האָט ער דעם אייגענעם קאָפּ נישט אַרויסגעזען. אַ קלייניקייט עפּעס — אויסהאַלטן פֿריידקעס שטוב כמעט מיט פֿולע קעסט און ביסלעכווייז אויסשטאַטן זיך מיט פֿריידקען צו דער חתונה. וואָלטן זיי שוין חתונה געהאַט, קלייבט ער זיך אַרויס פֿון זרח דעם שוואַרצנס שטוב, און ס'פֿאַלט אים אַראָפּ אַזאַ עול פֿון קאָפּ. ער וועט דאָך נישט אייביק האַלטן שווער און שוויגער אויף קעסט. אָבער דערווייל קאָנען זיי אפֿילו קיין תנאים נישט שרייבן:

— ביסט נישט קיין יתום, חלילה, — זאָגט אים דער צוקונפטיקער שווער, זרח דער שוואַרצער — האָסט אַ טאַטן ביז הונדערט און צוואָנציק יאָר, קאָן מען נישט פראַוועון אָן אים קיין תנאים... מיין מיידל איז אַ כשרע יידישע טאָכטער און, נישקשה, סע מעג אים אָנשטיין. ער וועט בעסער ווערן. מען קאָן וואַרטן.

זרח דער שוואַרצער איז נישט געווען קיין סך קלוגער פאַר זיין טאָכטער, אָבער, ווי פלעגט מוּנציע זאָגן: „אַ פערד איז נישט קיין פליך, נאָר יעדער נאַר האָט שכל פאַר זיך" — האָט ער פונדעסטוועגן פאַרשטאַנען, אַז קעסט אָן אַן איידעם איז בעסער פון אַן איידעם אָן קעסט.

די זאַך האָט זיך פאַרצויגן.

דאָדיע האָט צוגעטראַכט צוריקצוציען צו זיך אין קוזניע דעם ווייבס יינגסטן ברודער, עזריאל „מיטן נעבעך-פנימל" — זאָל דערווייל דער בנאָק בלייבן אַליין אָן אַ געזעל; דערנאָך וועט מען זען, וואָס מע האָט ווייטער צו טאָן. ער האָט אונטערגעשיקט צו עזריאלן „דעם מאַדיאַר", ער זאָל אים געבן צו פאַרשטיין: דער וואָס האָט באַגנבעט אַן אייגענעם טאַטן, שימקע הייסט עס, וועט דאָך אַ פעטער, אים, עזריאלן, אוודאי באַגנבענען. זאָל ער זיך נאָר אַרומקוקן, עזריאל, וועט ער זען, אַז ער באַגנבעט אים שוין באַצייטנס פון קאָפּ ביז קול די פיס.

אָבער עזריאל „מיטן נעבעך-פנימל" האָט שוין גאָרנישט גערעדט אַזוי נעבעכדיק:

— וואָס איז אים דער שוואָגער, דאָדיע קאָוואַל, מיטאַמאָל אַזוי געטריי געוואָרן? ס'איז גלייכער באַגנבעט צו ווערן פון אַ שותף, איידער פון אַ באַלעבאָס. וויפל איז דער שיעור צו זיין אַ קנעכט ביי יענעם? אויב שוין יאָ אַוועקגיין פונעם שותף, איז סיידן אויף צו עפענען אַן אייגענע קוזניע... אָדער... אפשר וויל אים דאָדיע אויך נעמען פאַר אַ שותף?

— פריער זאָל ער אָנלייגן מיטן קאָפּ און מיטן לייב און לעבן! — האָט דאָדיע זיך אָנגעצונדן, פאַררייכערט אַ ציגאַר און מער וועגן דעם נישט געשמועסט.

דערווייל איז עזריאל אַ חתן געוואָרן פאַר אַ מיידל, וואָס ער האָט ליב געהאַט, און זי גענומען ווי זי גייט און שטייט. האָט אויסגעקליידט זיך און די כלה, און איינגיכן געפּראַוועט די חתונה.

צי וואָלט ער זיך דערצו דערלעבט ביי דאָדיע קאָוואַל אין קוזניע ווי אַ געזעל? אָט אפנים, שימקעס קוזניע גייט גאָרנישט שלעכט.

אויף עזריאלס חתונה איז, פאַרשטענדלעך, קיינער פון דאָדיעס שטוב נישט געגאַנגען. אפילו מוּנציע, דעם חתנס שוועסטער, איז, בגנבה פאַרן מאַן, געווען בלויז אויף דער חופה, האָט איבערגעלאָזן דרשה-געשאַנק און אַהיימגעגאַנגען שנעל מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, טאָמער, חלילה, האָט זיך דאָדיע אַרומגעקוקט, אַז זי איז נישטאָ ביי זיך אין בעט.

קאַפּיטל זעקס און זעכציק

„חתן דומה למלך“ *

ס'איז שוין געווען די העכסטע צייט, אַז שימקע זאָל לכל־הפּחות תנאים שרייבן. האָט שימקע אונטערגעשיקט צום טאַטן דעם פעטער יאָנטל „אויסגע־וויקטער העריגג“, ער זאָל מיט אים איבערשמועסן, „ווי מיט א מענטשן“:

— אַז וויפל איז דער שיעור? אַ קינד איז דאָך פאָרט אַ קינד — אַ קדיש איבער הונדערט און צוואָנציק יאָר.

— וואָס? ער וויל שוין נאָך אַ ירושה? — האָט דאָדיע אָפּגעענטפערט מיט גאַל. — ער וועט זיך נאָך אַזוי גיך אויף מיין טויט נישט דערוואַרטן.

— ער האָט טאַקע אָפּגעטאָן, דאָדיע, אַ מיאוסע זאַך, — רעדט יאָנטל מיט ווייכע בוימלדיקע ווערטער, ווי האָניקטייגלעך צו אַ מכה צוצולייגן — נאָר צו וואָס פאַרשאַפן זיך הארצעסעניש און לייטן, שונאים, נחת? זאָל זיין „כאַטע — פּאָקרישקע“.

— נאַ, אָט האָסטו „כאַטע — פּאָקרישקע“! — טוט דאָדיע גאָר נישט אייזל אַ זעץ אַראָפּ דעם שוואָגער יאָנטל דאָס היטל איבער די אויגן. — דו מיינסט, ס'איז דיר די טראָכנבראָדער נפקאָס?... זע נאָר וועמען ער האָט מיר געשיקט פאַר אַ רודף־שלומניק, דער באָלוואַן!

האָט שימקע פון די לעצטע ווערטער געדרונגען, אַז סע וועט זיך נאָך אפשר לאָזן עפּעס מאַכן, און אונטערגעשיקט צום טאַטן יונה סעווערוק, דער מאַמעס שוואָגער. יונה האָט זיך געמאַכט געפּגרט, כלומרשט, רעדט ער פון זיך אליין:

— הער, דאָדיע, דו זינדיקסט! — און זיין בעלמע־אויג האָט אַ פינטל געטאָן, דאָס געזונטע אויג אויפגעגליט, און דאָס פּנים זיך צעלאַכט אויפן ווערטעלע, וואָס ער גייט מאַכן. — ס'איז מיר פּשוט אַ רחמנות אויף דיין אָגער... שימקען מיין איך. סע דריגעט אים נעבעך צו זרח דעם שוואַרצנס קאָבילע. אַ געזונטע

---

* אַ חתן איז גלייך צו אַ מלך

קאַבילע. איך אַליין וואָלט אַזעלכע וועלן האָבן אין שפּאַן. וואָס קומט אים דער־פאַר?... המם. הער אויס, דאָדיע, כ׳מיין עס ערנסט. וויפל איז דער שיעור זיך צו נאָטערדעווען? ער האָט זיך אנומלט פאַרזינדיקט פאַר דיר? נו, שלאָגט ער זיך אין האַרצן אריין על־חטא... ער האָט דיר פאַרשאַפט עגמת־נפש, וועט ער דיר דערפאַר באַצאָלן, מיט גאַנס הילף, מיט נחת פון זייערע לאָשעקלעך.

— נחת? — האָט דאָדיע ארויפגעקוקט צו אים פון אונטערן דאַשיק מיט א פאַרשנדיק פלעמעלע אין בליק, צי איז ער נישט קיין אונטערגעשיקטער. — דו שמירסט אומזיסט, יונה, די רעדער מיט האָניק — דער וואָגן וועט זיך סיי ווי פון אָרט נישט רירן. כיבע ער וועט פאַרברענגען זיין קוזניע, לאָזן מיין שוואָ־געריק גיין איבער די הייזער, און אַליין זיך אומקערן צום טאַטן ארבעטן, ווי אַן עבד־כנעני.

— ביסט דאָך גאָר נישט קיין עם־הארץ, דאָדיע, — האָט זיך יונה סעווער־יוק צעלאַכט, באַגאָסן מיט רויטקייט — דו קאָנסט לערנען בלק...

און ווען דאָדיע איז אויף א רגע ארויסגעגאַנגען, האָט ער שנעל פאַר־ענדיקט:

— ד אָ ס נאָטערדעוועטע פערד, וואָס יונה סעווערויקס בייטש רירט נישט פון אָרט, וועט עס שוין אויף דעם אָרט קרעפּירן.

האָט פונדעסטוועגן אויך מינציע געפּרווט צוליגן א האַנט צו מאַכן שלום. זי האָט אויסגעקליבן פאַר איר שליח דעם לערער בעקערמאַן.

בעקערמאַן האָט דאָדיען וווּנד געשמירט מיט ווייכע בוימלדיקע רייד. האָט אים אונטערגעטראָגן א גלייכווערטל נאָך א גלייכווערטל און זיך דערביי געציקלט און געכיכיקעט. האָט ווי אויף טעלערלעך דערלאַנגט דאָדיען אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק און זיי פאַרטייטשט אויף יידיש מיטן מויל, מיט די הענט און מיט די פינגער. נאָך ארייַנצודויבען עפּעס דאָדיען אין קאָפּ אריין איז אים נישט געראָטן. דאָדיע איז געזיצן ווי פאַרטשאַדעט פון דעם רויך פון די ציגאַרן, וואָס ער האָט געריי־כערט איינעם נאָכן אַנדערן.

און וואָס האָט שוין דאָ געקאָנט העלפן אפילו ווען דאָדיעס קאָפּ וואָלט יאָ־געווען באַנומען זיין תורה? אז דאָס איז פאַר דאָדיען געווען אַ האַרץ־זאַך. זיין האַרץ איז געווען אָפּגעסמט פון שנאה צו זיין זון, וואָס האָט אים באַגנבעט און ווידערשפּעניקט אים, באַגזלט אים נאָך היינט יעדן טאָג. אָ, דער הילך פון דער קאָוואַדלע אין שימקעס קוזניע ליגט אים אין די ביינער און גויעט זיין האַרץ.

— דוד, — האָט דאָדיע בייז א זאָג געטאָן דורכן רויך, דורכן וועלכן זיינע אויגן האָבן געזשאַריעט — דו וואַרפסט אומזיסט ארויס דיינע רייד אויפן מיסט־קאַסטן.

דאָדיע האָט אפּנים געמיינט צו באַליידיקן בעקערמאַנען מיט די ווערטער. נאָר דער לערער האָט קלוגעטשקע און זאַפטיק געכיכיקעט. זיינע קורצזיכעוודיקע

אויגן הינטער די פענסנע־גלעזער האָבן זיך פֿאַרשמעלט און שפּעלטיקלעך און געקוקט אויף דאָדיעס קאָפּ... אויפֿן מיסט־קאַסטן.

ס'איז גאָרנישט געווען וואָס אויפֿצוטאָן מיט דאָדיען. זרח דער שוואַרצער האָט שוין שטילערהייט אָנגעהויבן שרעקן זיך, אַז דער גאַנצער עסק זאָל נישט בטל ווערן. איז ער בעסער געוואָרן: אַ וואָרט קאָן מען אויף יעדן אופֿן מאַכן. און שימקע מיט פֿריידקען זענען למזל געוואָרן חתן־כּלה און זיין טאַטנס הסכּמה. די תּנאָים האָט מען צייט צו שרייבן פֿאַר דער חופּה, און ביז דעמאָלט וועט נאָך „דער גזלן", ס'הייסט זיין טאַטע, בעסער ווערן.

און די צייט איז זיך אַזוי ווייטער געגאַנגען. דאָדיע האָט שוין אַפֿילו אויפֿגעהערט צו טראָגן דעם פֿראָטעז אויפֿן פּוס. נאָר די קוזיניעס, זיינע און שימקעס, זענען נאָך אַלץ געשטאַנען קעגנאַנאַנדער ווי שונאים און האָבן זיך געשאָלטן ביז טיף אין דער נאַכט אַריין מיט די ווידערקולות פֿון זייערע קאָוואַדלעס.

ס'זענען אַוועק צוויי יאָר נאָכן וואָרט. אינצווישן איז צערונען געוואָרן דאָדיעם האָפֿענונג פּטור צו ווערן פֿונעם „זונערו" דורכן פּריזיוו: אַ געזונטער יונג, וועלן זיי אים צונעמען; וועט מען דאָ זיין פּרצוף כאַטש אַ יאָר אָנדערטהאַלבן נישט אָנקוקן; עזריאל „מיטן געבער־פּנימל" וועט נישט קאָנען אַליין די קוזניע פֿירן, און זי וועט צו גרונט גיין. האָט אָבער שימקע וועגן דעם באַצייטנס געזאָרגט, געוואָלט צוליב טאָן גיכער זיין פֿריידקען איידער דעם טאַטן, האָט נישט געקאַרגט קיין געלט, און אַ געוויסער „מאַכער", שוין גאָר אַ גוטער „מאַכער", אַ פּאָליאַק — האָט אים באַפֿרייט הינטער די אויגן.

אַ חתן מיט אַ כּלה כּסדר און איין שטוב — ס'אָל די בייזע שעה נישט זיין! — פֿון אַ טאָכטער וויל מען דערלעבן, אַ נחת, נישט, חלילה, קיין חרפּות־בושות... האָט זרח דער שוואַרצער באַשלאָסן: ניין, ביי דאָדיע קאָוואַל און דאָרט וועט זיך אַפּנים די טריפֿה שנאה צו אַן אייגן קינד אַזוי גיך נישט איבערקאָכן. ס'איז נישט קיין טאַטע, נאָר... אַ באַלאַכאָוויעץ! געגנוג אָפּצושלעפּן. אַ סוף זאָל עס נעמען.

— מ'עט צוגרייטן די חתונה! — האָט שימקע אונטערגעכאַפּט מיט קוראַזש.

זאָל ער וויסן, דער טאַטע, אַז אַנדערש וועט עס שוין נישט זיין. וועט ער אין דער לעצטער רגע קומען, דער משוגענער, אויף דער חתונה, איז מה־טוב. אויב נישט — איז גישט. וועט מען זיך נישט באַקראַצן. ברענט עס!

ס'איז געקומען די וואָך פֿון דער חתונה. אָבער ביי דאָדיען אין שטוב איז קיין סימן נישט געווען פֿון אַן ערב פֿון אַזאַ שמחה. מ'האָט אַפֿילו נישט גערעדט וועגן דעם — פֿאַרשטייט זיך, דעמאָלט, ווען דאָדיע איז געווען אין שטוב. דער טאַטע וועט אויף דער החתונה נישט גיין — דאָס איז קלאָר. די ברידער אויך

נישט. דער ברודער אהרון און די שוועסטער דבורה, וועלכע וויסן דאָך, וואָס דאָ קומט פֿאָר, וועלן אוודאי זיך איינהאַלטן נישט צו קומען צו פֿאָרן. איין אַסתּרקע האָט זיך יאָ שטילערהייט געגרייט, האָט איר גפֿתּלציע „דער קרומער הונט" צוגעזאָגט פֿריער אונטערצוהאַקן די פֿיס.

מינציע האָט באַהאַלטענערהייט פֿאַרן מאַן געוויינט. ווער ווייסט, צי איציקל מאָל וועט זיך איר איינגעבן, ווי אויף עזריאלס חתונה, צו זיין כאָטש אויף דעם קונדס חופּה. קוים האָט זי געפּרוּווט אַ וואָרט פֿאַרוואַרפֿן פֿאַרן מאַן וועגן דעם, האָט זי גלייך ביטער אָפּגעשניטן.

דעם טאָג ערב דער חתונה האָט זיך מינציע פֿונדעסטוועגן געמאַכט האַרץ: ס'איז מיין קינד. איך האָב אויף אים בלוט פֿאַרגאָסן. ער זאָל מיך אפילו מיט אַן אָנגעגליטער צוואַנג צוהאַלטן, וועל איך זיך אַרויסרייסן און גיין אויף דער חתונה.

פֿאַרנאַכטלעך האָט זי זיך אָנגעטאָן שבתדיק. האָט גענומען וואַרטן, מע זאָל קומען זי פֿאַרבעטן. זי איז געזיצן אַ צעבראָכענע: און טאָמער וועט דער זון נישט זיין בעסער פֿון זיין טאַטן? טאָמער לאָזט ער זי זיצן אַזוי־אָ אויף דער פּלייצקער באַנק?

מיטאַמאָל האָט זי זיך א הייב געטאָן: זי איז א מאַמע — זי וועט גיין אומגעבעטן אויך!

נאָר אין דעם מאָמענט איז גאָר אומגעריכט אַריינגעקומען דער מאַן, וועלכער איז היינט אויף מיטיק נישט געקומען. ער האָט אויסגעזען פֿאַרטרוד, און האָט אַפֿילו נישט באַמערקט, אַז דאָס ווייב איז שבתדיק אָנגעטאָן אינמיטן א וואָכעדיקן טאָג. מינציע איז אומזיסט געשטאַנען פֿאַרגליווערט אין שרעק — טאָמער הייבט עם זיך באַלד אָן.

דאָדיע איז געגאַנגען זיך אַרומוואַשן צום עסן, נאָר געוואַשן האָט ער זיך לענגער ווי געוויינטלעך. דערנאָך האָט ער געגעסן אָן אַפּעטיט און איז געבליבן זיצן מיט אַ פֿאַרחושכט פּנים, ווי אַן אָבל.

ער זיצט פֿאַרקוקט אין לאָמפּ אַריין און שווייגט. דאָס ווייב האָט פֿאַרלוירן דעם קאָפּ: הלוואי וואָלט ער שוין בעסער געזוואַלטעוועט. ווי לאָזט מען אים איבער אַזוי אַליין?

מיטאַמאָל האָט זיך מיט רעש געטאָן אַן עפֿן די טיר. אַזוי, מיט אַזאַ שטעל, עפֿענען די טיר ביי דאָדיע קאָוואַל קאָן נאָר דער שוואָגער, שאַמע שמש. און אויף דער שוועל איז שטיינגעבליבן דער חתן אַליין, שימקע „בעל־תכלית". הינטער אים האָט זיך טאַקע באַוויזן מיט אַ שטרענג־פֿייערלעכן אָנבליק שאַמע, וואָס האָט דעם חתן ווי אַריינגעשפּאַרט. הינטער שאַמען האָט זיך נאָכגעשלעפּט דער שוואָגער יאָנטל „אויסגעוויקטער הערינג".

— גוטן אָוונט, מחותּן! מחותּנתטע! — האָט מיט קוראַזש אַ זאָג געטאָן שאַמע.

— גוטן אָוונט, טאַטע, מאַמע, — האָט ווי ברוגז געזאָגט דער חתן, וואָס האָט געגלאַנצט מיט די נייע בגדים נאָר־וואָס פון דער נאָדל אַרויס.

— המם... — המם... — האָט דער טאַטע אַ וואָרטשע געטאָן. זיך נישט אומגעדרייט אַפילו, און זײַנע אויגן, פאַרשטאָכן און לאָמפּ, האָבן ווי געברענט מיטן קנויט.

— גוטן אָוונט, שוועסטער, שוואָגער! — האָט שטיל, שרעקעוודיק און שמן־זיתדיק אונטערגעוואָרפן יאָנטל. נאָר קיינער האָט אים נישט דערהערט.

— חתן! — האָט אים אַ באַפעל געטאָן דער פעטער שאַמע — עפן דאָס מויל, און זאָל מען הערן דיבורים.

— המם... — האָט דער חתן גענומען אַרויסשטויסן ווערטער — טאַטע. . איך בעט דיך איבער... המם... ס'אַ חרפּה... פאַרשעם נישט פאַר מענטשן... זיך אַליין... דער דיין וואַרט אויף דיר מיטן שרייבן די תנאים... אַלע בעטן דיך, טאַטע.

דאָדיע האָט אַרויסגענומען די אָנגעגליטע אויגן פון לאָמפּ און זיי אָנגעשטעלט אויף שימקען. אין אויגנבליק האָבן זיי זיך ביידע אָנגעקוקט. זייערע בליקן האָבן זיך ווי געשאַרפט איינער אויפן אַנדערן. זיי האָבן זיך פאַרטשעפעט מיט די ברוגזע ברעמען, ווי צאַפּעס מיט די הערנער.

— המם... — האָט דאָדיע אַ וואָרטשע געטאָן — דו... האָסט געטריבן דעם טאַטן צום קבר... המם... און איך זאָל דיך אונטערפירן צו דער חופּה?!...

— גערעכט, דאָדיע! — האָט אונטערגעהאַלטן דער פעטער שאַמע.

דער חתן האָט צונויפגעפרעסט די ציין, און די קינבאַקן האָבן זיך אים אַ דריי געטאָן, ווי מילשטיינער.

— האַלט זיך איין, האַלט זיך איין, חתן! — האָט אים דער פעטער יאָנטל ציטעריק איינגערוימט אין אויער און אים געגלעט, ווי אַ קינד, די פּלייצע.

דער חתן האָט געשוויגן און אַ ווענד געטאָן די אויגן צו דער מאַמען.

— דאָדיע! — האָט מינצע אַ געשריי געטאָן און זיך פאַרגאַנגען אין אַ יאָמער — ס'איז דאָך לייב פון אונדזער לייב, און בלוט פון אונדזער בלוט...

— מירן גיין! — האָט דאָדיע מיטאַמאָל זיך אַ הייב געטאָן.

— גיכער, דאָדיע, גיכער! — האָט שוין אונטערגעאײַלט שאַמע שמש, ווי ער וואָלט זיך געשראָקן, דאָדיע זאָל נישט חרטה האָבן — דער דיין אַליין וואַרט אויף דיר... ער טוט דיר אָן אַ כבוד.

דאָדיע האָט אויף גיך אָנגעטאָן די שבתדיקע קאַפּאָטע, דאָס הוטל, די קאַמאַשן, וואָס דאָס ווייב האָט אים דערלאַנגט מיט טרערן פון פרייד:

— אַ דאַנק דיר, טאַטע אין הימל! אַ טאַטע איז פאָרט נישט קיין שמאַטע...

— קום, „בן“! — האָט דער טאַטע אַ זאָג געטאָן און זיך געלאָזט דער ערשטער צו דער טיר.

נאָר געעפנט די טיר האָט שאַמע, פאַרשטעלט מיט זיך דעם וועג פאַר דאָדיען און אַ זאָג געטאָן:

— היינט גייסטו, שימקע, אַרויס דער ערשטער — „חתן דומה למלך“. און דער טאַטע האָט דעם זון דורכגעלאָזט אַפריער.

* * *

וואָס האָט באַוויגן דאָדיען אין דער לעצטער מינוט צו גיין אויף שימקעס חתונה? ער וואָלט עס זיכער אַליין נישט געקאָנט דערקלערן. ער וואָלט אפשר געזאָגט, אויב ער וואָלט בכלל געזאָגט: „כ'ווייס? דער דיין איז דאָך דאָרט געזיצן און געוואַרט אויף מיר... ס'אַ רחמנות געווען אויף דער אַלטער... הםם... אַ זון איז פאָרט אַ זון... — ווייניק כוחות אין אים אַריינגעלייגט“. אָבער דאָס אַלץ וואָלט געווען בלויז אַ טייל פון דעם אמת. דער גאַנצער אמת אין זיין טיף איז זיכער פון דאָדיען געווען פאַרהוילן:

אין דער טיף פון זיין נשמה האָט אים פאַרבעטן אויפן ווידערשפעניקן זונס חתונה דער קומענדיקער דור, וואָס האָט געדאַרפט אָדאַנקן דער חתונה אויף דער וועלט קומען, און אים, דעם טאַטן, פאַרבינדן דורך אַ קייט וויטערע דורות מיט דער אייביקייט.

סוף פון צווייטן בוך

אינהאלט:

זייט

ערשטער טייל 5

צווייטער טייל 95